STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08231

SHEYDIM IN MOSKVE

Hayim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שדים אין מאָסקווע

פון

חיים ליבערמאַן

1937

Copyright, 1937
by
HERMAN LIEBERMAN

234

אינהאַלט

בלוט אין מאָסקווע

די זעכצן

די זיבעצן

און טראָצקי האָט ניט גערעדט!

„נאַצי, מיין ברודער!"

דער דריטער חורבן

שפינען וואָס טראָגן פייער

שפיל אין נויאָרק

דר. ח. זשיטלאָווסקי

ש. ניגער

מיסט אין די ווינטן

מ. אָלגין

ב. צ. גאָלדבערג

טעאָדאָר דרייזער, קאָמוניסט-אַנטיסעמיט

בלוט אין מאָסקווע

די זעכצן

דער משפט און די הינריכטונג פון די זעכצן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז געווען ניט קיין דין, ניט קיין משפט, ניט קיין געריכט: עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט דאָסטאָיעווסקי׳ס א ראָמאַן.

נאָר ס׳איז נאָך ניט קלאָר וואָסער ראָמאַן: „פאַרברעכן און שטראָף״, „אידיאָט״, אָדער „די שדים״.

גיכער פון אַלץ — אַלע דריי אינאיינעם. דער קעניג פון די נישט־גוטע האָט גענומען די גרויסע שער פון דער געשיכטע און האָט צעשאָרן אַלע דריי ראָמאַנען אויף שורות, זיי אויסגעמישט אָן א טאַלק און אָן א סדר, און מיט א שטורם פון היסטעריע זיי פאַנאַנדערגעבלאָזן איבער גאַנץ רוסלאַנד און איבער דער גאָרער ערד.

און ווי א שווארצע טוך האָט זיך אויסגעלייגט איבער דער וועלט...

ערגעץ צום סוף פון „די שדים״ — וואָס איז געווען דאָסטאָיעווסקי׳ס נבואה אויף דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, א נבואה וואָס איז מקוים געוואָרן ביז אויף דער פונקטואציע — זאָגט א העלד: זיין סיסטעם פון דער נייער וועלט־אָרדנונג איז אויסגעארבעט. בלויז איין זאַך אין איר איז ניט גלאַט: דער סוף, צו וועלכן ער איז געקומען, איז פונקט דער היפך פון דער אידייע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן... ניט מער און ניט וויניקער.

און ביי אָט דעם מאָמענט אין דאָסטאָיעווסקי׳ס „שדים״ האַלטן מיר עס איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד;

דערדאַזיקער פּונקט פון זיין נבואה ווערט עס איצט מקוים פאַר אונזערע אויגן: דער סוף איז דער אבסאָלוטער היפּך פון דעם אָנהויב...

ווי גרויס, ווי מעכטיק, ווי הערליך ס'איז געווען דער אָנהויב פון טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמענעוו און זייערע חברים, און ווי קליין, נישטיק און מיזעראַבל ס'איז דער סוף!

זיי האָבן אָנגעהויבן ווי דערלייזער פון דער מענטש־הייט, און האָבן געענדיקט ווי די זינדיקסטע פון דער ערד.

זיי זיינען אויפגעטראָטן ווי די פּאַרוויקלעכער פון דעם סאָציאַליזם, די אונטערפירער פון משיח'ן, די גוטע מלאכים וואָס ברייננגען אַראָפּ דאָס טעלערל פון הימל, און זיינען אַוועק, אין דעם פּראָקוראָר'ס רייד, ווי „באַנדיטן", ווי „הינט", ווי א „מיאוס'ע, פּאַראַכטעטע, נידעריקע, געמיינע און עקלהאַפטע באַנדע אויסוואורפן און מערדער".

און אפילו „חזירים" האָט ניט געפעלט . . .

קיין גרעסערער היפּך פון „אָנהויב" און „סוף" קען גאָרניט געמאָלט זיין.

לענינ'ס חברים, זיינע נאָענטסטע פריינט, די מיט־גרינדער פון זיין פּאַרטיי, די מיטשאַפער פון זיין רעוואָ־לוציע, די מיט־בויער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, די מיט־טרע־גער פון זיינע טרוימען און זיינע לאַסטן—פּשוט'ע באַנדיטן און מערדער!

ווי מערדער און באַנדיטן זיינען זיי אָפּגעווישט געוואָרן מיט איין מאָך מיט דער האַנט, מיט איין פּאָך אויסגעלאָשן די גאַנצע גאַלאַקסיע העלסטע שטערן אויף לענינ'ס הימל!

געבליבן איצט איז נאָר איינער, דער, פאַר וועמען לענין האָט אָנגעזאָגט רוסלאַנד זאָל זיך היטן...

איז דער ווידערשפּרוך און דער בראָך שוין גענוג גרויס. אָבער ניין, ער איז נאָך אפילו גרעסער ווי דאָס.

סטאַלין און זיינע מיטלויפער מיינען, אז דאָס האָבן זיי דערגרייכט א נייעם זיג פאַר'ן קאָמוניזם, א נייעם טריאומף פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, און זיי זעען ניט

דעם טיפן אומזין, צו וועלכן זיי האָבן דערפירט די באָלשעווויסטישע רעוואָלוציע. ווארים עס איז איינס פון די צוויי:

ענטוועדער באנדיטן, ניט קיין רעוואָלוציאָנערן, האָבן געמאכט די באָלשעוויסטישע דיקטאטור, אָדער די באָלשעוויסטישע דיקטאטור האָט פון רעוואָלוציאָנערן געמאכט באנדיטן.

זיינען די שעפער פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאטור געווען פשוט׳ע באנדיטן?

דאָס האָט קיינער ניט געוואגט צו זאָגן, אפילו ניט די קאפיטאליסטן.

עס איז געבליבן פאר דער באָלשעוויסטישער דיקטאטור אליין צו פּראָקלאמירן אירע גרויסע שעפער און טרעגער פאר פשוט׳ע באנדיטן...

און אזא טראגישן ווידערשפּרוך צווישן „אָנהויב" און „סוף" האָט אפילו דאָסטאָיעווסקי ניט פאראויסגעזען...

נאָר אפילו דערמיט שעפּן זיך ניט אויס אלע ווידערשפּרוכן אין דעם גוואלדיקן קאָשמאר. גראָד אין דעם מאָמענט ווען קאמעניעוו און זינאָוויעוו און זייערע חברים זיינען געשטאנען און האָבן מקבל באהבה געווען אי דעם נאָמען אי די שטראָף פון באנדיטן, זיינען זיי דאָך אין אמת׳ן געווען רעוואָלוציאָנערן. וואָרים ווי אזוי זיינען זיי געקומען צום געריכט? פאר דער פארשווערונג צו טויטן סטאלינ׳ען, זאָגט די קלאגע. און אויב זיי האָבן טאקע געהאט אזא פארשווערונג, ווי אזוי זיינען זיי געקומען צו איר? געשען איז עס אלץ דערפאר וואס זיי האָבן געוואגט צו זאָגן „ניין" אויף סטאלינ׳ס „ליניע". און דערויף האָט זיך געפאָדערט א גרעסערער רעוואָלוציאָנערער מוט ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט אין די צייטן פון צאר. וואָרים זיין א רעוואָלוציאָנער אין סאָוועט-רוסלאנד איז אן אנדער ענין און א שווערערער, שווערער מאָראליש און שווערער פּאָליצייאיש, ווי עס איז געווען אונטער די צארן.

און דאָך זיינען זיי געשטאנען, אליין ערשט-אָיקע הערשער פון רוסלאנד, קליינינקע, איינגעשראָקענע, נישטי-

סע, מיט ציטערדיקע הענט און געבויגענע קני, און האָבן פּאַרלייקנט זייער רעוואָלוציאָנערישקייט . . . און ווען מען האָט זיי אַריינגעשריען אין פּנים אריין: באַנדיטן, מערדער, הינט! האָבן זיי, ווי עפּעס אין אַ מיסטישן טראַנס, נאָכגעזאָגט ווי אַ הייליקע תפילה: יע, באַנדיטן, מערדער, הינט, געבענשט זאָל זיין סטאַלינ׳ס נאָמען . . .

און מיליאָנען מענטשן, טויזנטער מיליאָנען, האָבן מיט שטוינען און פאַרגאַפונג עס צוגעהערט און צוגעזען אין דער פאַנטאַזיע, אַליין עפּעס ווי אין אַ טראַנס, און ניט געקענט דורכדרינגען דעם סוד. און טויזנטערליי שטימונגען האָבן זיי באַוועגט:

די שוואַרצע און שטאַרקע פון דער וועלט, די מעכטיקע פון קאַפּיטאַליזם, האָבן פאַרשטעקט די מיילער אין אַרבל און האָבן געלאַכט: כי־כי־כי! אָט פאַר די ווערים האָבן מיר זיך עס אַזוי געשראָקן? כי־כי־כי! ניט געווען וואָס זיך צו שרעקן און ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן . . .

און סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן פון אַלע שאַטירונגען, די ליבליכע ברידער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי האָט עס געבלוטיקט זייער האַרץ! עס איז געווען לייכט צו שעפּן פאַרגעניגן פון דעם ספּעקטאַקל, צו רייבן זיך די הענט אין דעם נחת פון נקמה: גוט אַזוי, רעכט אַזוי, אַ מצוה אַזוי! אָבער נישט דערין האָט זיך אַרויסגעוויזן די טיפע מאָראַלישקייט פון אמת׳ן רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטישן גייסט: ניט געריבן די הענט פון נחת האָבן זיי זיך, נאָר געבראָכן די הענט פון צער און אבלות, געשאָקלט מיט אַש באַדעקטע קעפּ און געמורמלט דורך פאַרביסענע ליפּן: אָט אַהער, רוסלאַנד, טייערע רוסלאַנד, ביסטו עס דערגאַנגען? און אָט דאָס זיינען עס די יורשים פון דער נאָבעלער טראַדיציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, די נאָכפאָלגער פון לאַפּאַטין, גערשוני, ווערא פיגנער? ווי די דיקטאַטור האָט עס גענומען העלדישע הערצער און זיי צעמאָלן אויף ווערים־פּליש! ניט געווען קיין באַליידיקונג, וואָס זיי האָבן ניט אָנגענומען פאַר ליב, ניט געווען קיין

בושה, וואָס זיי האָבן זיך אַליין ניט אָנגעטאָן. זעכצן פאַר־לאָרענע, צעטומלטע אינגלאַך זיינען געשטאַנען און האָבן גערופן איינער דעם אַנדערן ליגנער, געשפּיגן איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין, געשענדט איינער דעם אַנדערנס נאָמען — ווי אַזוי איז עס געשען? ניט דאָס אַליין וואָס עס איז גאָר געקומען צו אַזאַ משפּט איז די גאַנצע טראַ־געדיע. אויך ניט דאָס, וואָס מען האָט זיי הינגעריכט איז דאָס גרעסטע אומגליק. דאָס טראַגישסטע און אומגליק־לעכסטע אין דעם גאַנצן קאָשמאַר איז אפשר דאָס, וואָס זיי זיינען אַזוי בזוי ומבזה געווען, אַזוי נאַריש, קליין און נישטיק אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן געדאַרפט דער־גרייכן זייער העכסטע רעוואָלוציאָנערע גרויסקייט, און האָבן דערמיט דעם באַגריף „רעוואָלוציאָנער" אומריין געמאַכט און זיין צורת־מלאך אין צורת־חזיר פאַרוואַנדלט. ווער האָט עס געגעבן אַזאַ „סטיל" דער רוסישער רעוואָלוציע? וועלכער סאַדיסט האָט עס זיך אַזוי איזדעקעוועט איבער די מענטשן, אַז ער האָט זיי צעמאָלן אויף מענשלאַכער בלאָטע? ווער האָט געקענט גלויבן אפילו אויף דער דיקטאַטור, אַז זי קען אַזוי סאַדיסטיש זיין? אין צאַריסטישן רוסלאַנד, ווייס די גאַנצע וועלט, האָט מען קיין רעוואָלוציאָנערן ניט געשאַנע־וועט. אָבער רעוואָלוציאָנערן כבוד האָט מען געשאַנעוועט. הינט און באַנדיטן האָט מען אין די צאַרישע געריכטן קיין רעוואָלוציאָנערן ניט אָנגערופן און ווי הינט און באַנדיטן האָבן זיך רעוואָלוציאָנערן אין צאַרישן געריכט ניט געפילט. וואָס איז דאָ געשען? פאַרוואָס האָבן זיי זיך גאָרניט פאַר־טיידיקט? פאַרוואָס האָבן זיי אפילו ניט געפּרוּאווט דער־קלערן די סיבות פון זייער אָפּאָזיציע צו סטאַלינען? און פאַרוואָס האָבן זיי געבענשט דעם וואָס זיי האָבן געוואָלט שעלטן? און פאַרוואָס האָבן זיי פריער געבעטן דעם טויט און דערנאָך, שוין צעמאָלענע און געשענדטע, האָבן זיי גע־בעטן דאָס לעבן? קען עס זיין, אַז אפילו אין צעריבענע ווערים־פליייש איז נאָך אַלץ דאָ דער דראַנג צו לעבן?
אָה, אָבער אפשר האָבן זיי נאָך אויף עפּעס געדאַרפט

זייער לעבן ? אפשר זיינען זיי נאָך ערגעץ־וואו פאַרט געווען רעוואָלוציאָנערן ? קענען ווערים נאָך זיין רעוואָלוציאָנערן ?

רעטעניש אויף רעטעניש, געהיימנים אויף געהיימנים ליגט איבער דער גאַנצער היסטאָרישער דראַמע. אין דער שרעקלעכער געשיכטע וואָס איז פאַנטאַסטישער ווי אַלע מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט, האָט, מעשה איראָניע, פיגורירט די „טויזנט און איין נאַכט". אין יענע אַראַבישע צויבער־מעשיות איז דאָ אַ מאַגישער לאָמפּ, אַלאַדינ'ס לאָמפּ, און מיט'ן כח פון יענעם לאָמפּ קען מען זען פון עק וועלט ביז עק וועלט. מען וואָלט געדאַרפט האָבן יענעם צויבער־לאָמפּ פון דער צויבער־מעשה כדי צו קענען דורכ־רייסן די פינצטערניש, וואָס וויקלט איין די מענטשן און מעשים פון אָט דער פינצטערסטער פון אַלע פינצטערנישן.

נאָר איבער דער פינצטערניש הויבט זיך אויף, מיט מאַיעסטעטישער רואיקייט, אַ געזיכט פון אַ מאַסקע.

עס איז אַ מאַסקע כלומרשט אַן אַנשטענדיקע, אַ פרומע, אַ כשר'ע, אַ מאַסקע וואָס זאָגט: איך בין גערעכטער משפט: האָבן זיי זיך ניט אַליין מודה געווען ? האָבן ריכ־טער זיי ניט פאַר'משפט ? גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

אָבער די וועלט וועט אַריינשרייען דער מאַסקע אין פנים אַריין: גאָט, דו ביזט ניט גערעכט!

דאָס וואָס די וועלט האָט ניט געזען, האָט זי ניט געזען. אָבער דאָס וואָס זי האָט געזען, האָט זי געזען. און זי האָט געזען, אַז דער משפט איז ניט געווען קיין גערעכטער משפט! דער גאַנצער משפט איז געשטעלט געווען אויף ווידוי. אָבען מען פאַר'משפט ניט קיין מענשן אויף זייער ווידוי אַליין. די אַלטע אידישע גערעכטיקייט האָט שוין גע־לערנט: אין אָדם משים עצמו רשע — ווען אַ מענטש קומט און זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן, גלויבט מען אים נישט. און אין דער גאַנצער יורידישער וועלט היינטיקן טאָג פירט זיך אויך אַזוי. צום ווידוי דאַרף נאָך קומען אַ קלאָרע און פעסטע נעץ פון באַ־

ווייזן. אָבער אין דעם געריכט, אין דעם „פּאַלאַץ פון די אדעליגע", אין מאָסקווע איז גאָרנישט באוויזן געוואָרן. עס איז אפילו ניט קלאָר געוואָרן ווי אזוי די רעגירונג האָט אויפגעדעקט די גאַנצע זאַך. אַלץ איז געשטעלט געוואָרן אויף'ן ווידוי פון די באשולדיקטע. און וואָס פארא גליקליכע מענטשן די סאָוועטישע פּראָקוראָרן זיינען, און וואָס פארא פיינע אָפּרו-פּלעצער די סאָוועטישע געריכטן זיינען! די פּראָקוראָרן, זיי האָבן גאָרניט וואָס צו טאָן, זיי האָבן גאָר קיין ארבעט ניט צו באווייזן, פעסטצושטעלן, באַגרינדן. אזוי ווי זיי וואָלטן געהאַט עפּעס א צויבערשפּרוך אזא, וואָס זיי לייגן צו די אָנגעקלאָגטע צו די ליפּן און יענע זאָגן אַלץ אויס. ווי אזוי דערגרייכן זיי עס? וואָס פארא מיטל האָט עס רוסלאנד דערפונדן? ענדלעך האָט רוסלאנד אויך עפּעס דערפונדן! ס'איז א געהיימניס, דאָס געהיימניס פון רוסלאנד, אזוי ווי די אייביקע באַלזאמירונג איז געווען דאָס געהיימניס פון מצרים. סאָוועט-רוסלאנד איז געוואָרן די נייע מייסטערין פון געהיימקונסט.

אָבער די וועלט-גערעכטיקייט זאָגט, אז פאר גערעכטקייט איז דאָס ווייניק. און אפשר האָט דער סאָוועטישער פּראָקוראָר געפילט, אז די וועלט וועט מאָנען ביי אים מער און ער האָט ניט געהאַט, און דערפאַר איז ער געווען אזוי היסטעריש, און מיט היסטערישע געשרייען האָט ער געפּרוווט אויספילן די ליידיקייט פון זיין פּראָצעס. „הינט, מיאוס'ע, פאראכטעטע, נידעריקע, געמיינע, עקלהאפטע באַנדע אויסוואורפן און מערדער" — דאָס איז היסטעריע, ניט קיין באווייזן. אפילו דעם קידנעפּער פון דעם לינדבערג-קינד האָט זיין פּראָקוראָר ניט אזוי באַצייכנט. און וואָס פארא שניידנדיקע באווייזן עס זיינען דאָרט געווען! און זאָלן די סאָוועטישע פּראָקוראָרן קיין פאריבל ניט האָבן אויף דער וועלט וואָס זי באצווייפלט זייער צדקות און ליבשאַפט צום אמת און גערעכטיקייט: ס'איז גרינג אַלץ צו גלויבן אויף א סיסטעם וואָס האָט דערהויבן דעם ליגן צו א סאָציאַלער פונקציע, אוועקגעשטעלט דעם ליגן העכער פונ'ם

אמת אלס סאַציאַלער כלי־זיין. וואָס זאָלן דען מענטשן דענקען פון אַ פּראָקוראָר, וואָס זיין שטאַרקסטער אַרגומענט איז „הינט״? ער באַווייזט דערמיט, אַז ניט נאָר פאַרשטייט ער ווייניק מענטשן, נאָר ער פאַרשטייט אויך גאַנץ ווייניק הינט. וואָרים ווען אַ הונט בייסט זיין אייגענעם באַלע־באָס — איז שולדיק דער באַלעבאָס, ניט דער הונט!

דאָס איז וואָס די וועלט האָט געזען ביים סאַמע פּראָ־צעס. אומגערעכט איז אויך געווען אַלץ וואָס זי האָט געזען אין דרויסן, אַרום דעם פּראָצעס. די העצע קעגן די אָנגע־קלאָגטע, וואָס האָט אַ שטראָם געטאָן אין דער גאַנצער סאָ־וועטישער פרעסע, דורך אַלע סאָוועטישע אָרגאַנען, דורך אַלע אַרבעטער־אָרגאַנען און פאַבריקן, איז דאָס אומדער־הערטסטע וואָס איז ווען געווען אין אַ ציוויליזירטער מדינה. איידער די אָנגעקלאָגטע זיינען אויפגעטראָטן פאַר׳ן גערימט זיינען זיי שוין געווען הינגעריכטע. ניט לאַנג פאַר׳ן גע־ריכט אין מאָסקווע האָט אַ מענטש אָנגעשטעלט אַ רעוואָל־ווער אויף׳ן קעניג אין ענגלאַנד. מען האָט דעם מענטשן גע־כאַפּט ביי דער האַנט, אין דעם אַקט. צוויי צייטונגען אין ענגלאַנד האָבן באַנוצט שאַרפע ווערטער קעגן דעם אָנגע־קלאָגטן. איז געקומען דער ענגלישער קרוין־פּראָקוראָר — מערקט אייך, דער פּראָקוראָר! — און האָט געמאַכט אַ שאַרפן פאָרוואָרף די צוויי צייטונגען: איר באַשאַפט אַ פאָראורטייל ביים פאָלק קעגן דעם מענטשן, האָט די ענגלי־שע יוסטיץ געזאָגט, איר שעדיקט אים. און אין סאָוועט־רוסלאַנד זיינען די אָפיציעלע רעגירונגס־אָרגאַנען, דער פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַרלאַפן דעם פּראָקו־ראָר און אַרוים מיט געשרייען: טויט! נאָך איידער מען האָט געוואוסט וואָס די קלאָגע איז! און דער פּראָקוראָר, אין זיין סומירונג, האָט געשריען צו די ריכטער: גיט זיי דעם טויט, מיליאָנען אַרבעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאָדערן דעם טויט פאַר די אָנגעקלאָגטע! איז דאָס גע־רעכטער משפּט, פרומע מאָסקווע? צו וואָס־זשע דאַרף פאַראַדנע געריכט מיט ריכטער און דינים ווען מען קען

פאר׳משפט׳ן מענטשן צום טויט „אויפ׳ן אלגעמיינעם פארלאנג פון פובליקום״?

זאל דאס וואזשנע, און אה ווי גערעכטע, געריכט מוחל זיין די באמערקונג: „אויפ׳ן אלגעמיינעם פארלאנג פון פובליקום״ איז דער נוסח אין די טעאטערס, ווען זיי פירן אויף א פיעסע, וואס קיינער וויל ניט...

דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע חיה, און פאר זיין מאראלישן כח, נאך מער ווי פאר זיין פיזישן, דארף ער האבן ערגעץ א שטיצע און אפרוף אין אנדערע מענטשן. אבער ס׳איז אין פעלד און אין וואלד ניטא אזא איינזאמע באשעפעניש ווי עס איז אן אנגעקלאגטער אין סאוועט־רוסלאנד!

ס׳איז אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט ניט געווען נאך אן אידייע און א באוועגונג, וואס האט געהאט אזא מאכט הינטער זיך ווי די קאמוניסטישע באוועגונג. ניט די קריסטלעכע רעליגיע, ניט די בודיסטישע און אודאי ניט די אידישע, און ניט די אמעריקאנישע רעוואלוציע און ניט די פראנצויזישע, האבן קיינמאל ניט פארמאגט אזא מלוכה־מאכט הינטער זיך ווי דער קאמוניזם, האבן קיינמאל ניט אנטוויקלט אזא פראפאגאנדע־מאשין ווי דער קאמוניזם, און האבן קיינמאל ניט אויפגעצויגן אזעלכע פאנאטיקער ווי דער קאמוניזם. און ווען דאס אלץ ווערט ארויסגעלאזן אין איין מעכטיקער העצע קעגן א יחיד אדער יחידים — ווי קענען זיי ביישטיין? וויסנדיק אז אין ערגעץ, אין דער גאנצער לענג און ברייט פון דער מדינה, האבן זיי ניט קיין אויער וואס זאל זיי הערן, קיין מויל וואס זאל וואגן א גוט ווארט פאר זיי זאגן, וואס איז דער חידוש ווען די זעכצן אנגעקלאגטע זיינען געשטאנען דערדריקטע און פאר־ניכטעטע?

אפשר איז דאס דער ערשטער שליסל צו דער רעטעניש, צו דער רעטעניש וואס די מעכטיקע פון באלשעוויזם זיינען איצט געקראכן ווי ווערים פאר זייערע נעכטיקע ברידער? און אפשר אין דעם ווארט „ברידער״ ליגט דער צווייטער

שליסל? עס איז דאָ עפּעס אומהיימלאך־שרעקליכעס צו שטיין פאַר דיין אייגענעם ברודער ווי פאַר דיין ריכטער. אויב „מענטש צו מענטשן איז וואָלף" איז ברודער צו מענטשן הונגעריקער וואָלף. און קיין ווייטאָג טוט ניט אַזוי וויי ווי א ווייטאָג אָנגעטאָן פון אן אייגענעם. קיין באַליידיקונג באַליידיקט ניט אַזוי ווי די באַליידיקונג פון אן אייגן קינד. און א פריינט, דערזען דיין פריינט אויפהויבן א מערדער־האַנט קעגן דיר — דער שרעק וואָס פּאַראַליזירט דעם פויגל אין אָנגעזיכט פון דער שלאַנג איז ניט אַזוי שרעקלאך ווי דאָס. ווען דריי־און־צוואַנציק פאַרשווערער זיינען באַפאַלן צעזאַר'ן, האָט ער זיך געפּרואווט ראַנגלען מיט זיי. אָבער ווען ער האָט צווישן זיי דערזען זיין פריינט, האָט ער נאָר אויסגעשריען: דו אויך, ברוטוס? און ער האָט זיך פאַרוויקלט אין זיין טאָגאַ און האָט אויפגעהערט זיין ווידערשטאַנד.

די זעכצן פאַר'משפּט'ע זיינען ניט איינמאָל געשטאַנען פאַר די געריכטן פון צאַר. אָבער די מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַזאַ מוט אין געריכט פון די שונאים, זיינען געבליבן מוטלאָז אין געריכט פון זייערע ברידער. און סטאַלין, וואָס קען אפילו ניט גוט רוסיש, האָט דאָס רוסישע שפּריכוואָרט אמת געמאַכט: ניטאָ קיין ערגערער תליון ווי אן אייגענער ברודער.

און ווער ווייס צי האָט נישט גאָר דאָס מער פון אַלץ געווירקט זיי צו פּאַראַליזירן און אָפּמעקן זייער מענטשלעכע צורה — דאָס וואָס קעגן זיי איז איצט געשטאַנען זייער אייגענע מאַשין, די רעוואָלוציע, וואָס זיי אַליין האָבן באַשאַפן? ווער ווייס צי איז ניט דאָס דער גרעסטער פון אַלע פּיינען—צו זען ווי אַזוי די אַרבעט פון דיינע אייגענע הענט שטייט אויף דיך צו פאַרדאַרבן? די מאַשין, וואָס איז איצט געגאַנגען אויף זיי צו צעמאָלן, האָבן זיי אַליין געבויט, און זיי האָבן געוואוסט ווי גרויזאַם זי אַרבעט. און ווי לאַנג איז עס דען געווען זינט זיי האָבן זי אַליין באַנוצט קעגן אַנדערע? ווער ווייס וואָס זיי האָבן געזען

אין זייערע נשמות, ווען זיי זיינען דאָ געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט זייער טויט; וועלכע גייסטער פון די וואָס זיי האָבן אליין מקריב געווען האָבן זיי דאָ ארומגערינגלט און אריינגעשריען אין זייערע אויערן געשרייען פון נקמה און חוזק און שפּאָט?

ניט נאָר מענטשן, נאָר שטיינערנע סטאַטועס קענען פון אזעלכס צעפאַלן ווערן.

דאָס אלץ האָט פאַרניכטעט זייער ווילן, געבראָכן זייער כאַראַקטער. און אויב זיי זיינען געלאָפן צו זייער לאָגיק זיך אָנצושפּאַרן, האָבן זיי דאָ אויך געפונען נאָר א בויגיקן ריטל. פאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט פאַרטיידיקט, פרעגט די וועלט. די וועלט ווייס א גרונט, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געקענט פאַרטיידיקן. די וועלט ווייס, אז זיי זיינען ניט געווען ניט קיין באַנדיטן, און ניט קיין מערדער. די וועלט ווייס, אז וואָס זיי האָבן לכתחילה געוואָלט איז נאָר ארויסזאָגן אן אייגענע מיינונג, אָנווייזן אן אייגענע „ליניע", אן אנדער ליניע ווי סטאַלינ׳ס, אין דעם סאָוועטישן לעבן און שטרעבן. און די וועלט ווייס אודאי, אז וועגן אלץ קענען זיין פאַרשיידענע דעות, און צו יעדן ציל קענען פירן פאַרשיידענע וועגן. אפילו אויף אָפּשניידן א שטיקל ברויט זיינען דאָ א סך וועגן, ניט איינער! און די וועלט ווייס אויך, אז דאָרטן, וואו מען פאַרשפּאַרט א מענטשן דאָס מויל, מוז ער זיך נעמען מיט די הענט. אויב אפילו זיי האָבן געמאַכט א פאַרשווערונג קעגן סטאַלינען, האָבן זיי געקענט ארויסשטעלן די דאָזיקע טענה — זייער רעכט אויף א מיינונג. דאָס וואָלט געווען א גרויסע טענה, וואָס די וועלט וואָלט פאַרשטאַנען.

אָבער ווי! דידאָזיקע מעכטיקע טענה, די איינציקע וואָס זיי האָבן געקענט ארויסשטעלן, האָבן זיי ניט געקענט ארויסשטעלן. ניט זיי. ניט זיי, אליין די פּאַטערס פון דער דיקטאַטור! ווען זיי, די פּאַטערס און די שמידער פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור, וואָלטן פּלוצלינג אויפגעשטאַנען זיך פאַרטיידיקן אויפ׳ן גרונט פון פרייהייט פון וואָרט און

גערדאַנק און באַוועגונג און טאַט, וואָלט עס געקלונגען לע־
כערלעך און אומזיניק אין זייערע מיילער. עס וואָלט געווען
דער שפּיץ פון חוזק, דער שפּיץ אין וועלכן אַלע ווידער־
שפּרוכן ציען זיך צוזאַמען, מעקן אָפּ איינע די אַנדערע
און ענדיקן זיך אין נול.

און צו אַזאַ שפּיץ פון ווידערשפּרוכן זיינען דערגאַנגען זינאָוויעוו און קאַמעניעוו דאָרט אין געריכט. און פון אַזאַ שפּיץ בלייבט נאָר איבער איין וועג: אַ שפּרונג אַרונטער, אין אָפּגרונט אַריין. ביי אַזאַ פּונקט ווערט דאָס לעבן איבערהויפּט אוממעגלאַך, און עס ווערט אוממעגלאַך יע־דער ווידערשטאַנד און אומזיניק יעדער פאַרטיידיקונג. דער טויט ווערט דער איינציקער אויסוועג. און אין די טראַ־געדיעס אין טעאַטער און אין די גרויסע ראָמאַנען אין דער ליטעראַטור, איז דאָס דער פּונקט, וואו די העלדן מאַכן אַ סוף צום שפּיל. ס'איז דער פּונקט, וואו אַלץ לויפט זיך צוזאַמען, ווען די גאַנצע געגנוואַרט קומט און לייקנט אָפּ די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, און ס'איז ניט צו רירן זיך, ניט אַהין און ניט אַהער. דאָ נעמט דער העלד אַרויס דאָס פּלעשעלע סם אָדער ציט דעם רעוואָלווער — אַ שלוק, אַ קנאַל, און עס פאַלט דער לעצטער פאָרהאַנג.

און דאָס איז געווען דער פּונקט, צו וועלכן זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זיינען דערגאַנגען. ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ רעוואָלווער, וואָלטן זיי זיך געשאָסן. טאָמסקי האָט גע־האַט, און ער האָט זיך אַליין געגעבן דעם לעצטן „קלאַפּ פון רחמנות". זיי האָבן קיין געצייג ניט געהאַט, קיין רע־וואָלווער, קיין סם, קיין שטריק, זיינען זיי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיט גייסטיקע מיטלען: זיי האָבן געריסן און געפּליקט שטיקער פון זייער נשמה פאַר דער גאַנצער וועלט אין די אויגן; זיי האָבן געפלאָכטן שטריק פון פלוכן, פון קללות און חרמות אויף זיך אַליין און האָבן זיך געהאַנגען אויף זיי און זיך געוואָרפן אין לאַנגע, שווערע קאָנוואול־סיעס אויף זיי.

איידער די רויטע ארמייער האָבן זיי דערשאָסן, האָבן זיי אַליין זיך געטויט מיט די אייגענע הענט.

אָבער פריער האָט סטאַלין מקיים געווען ביז אויף דאָס לעצט דעם פּסוק: ניטאָ קיין ערגערער תליון ווי אַן אייגענער ברודער. ער האָט פריער ביי זיי צוגענומען אַלץ, זייער רעוואָלוציאָנערישקייט, זייערע פאַרדינסטן און איבער אַלעם — זייער ווירדע. א נייע ערע האָט סאָוועט־רוסלאַנד געשאַפן — צוצונעמען די ערע און אָפּצוגעבן די ערע. טראָצקי זאָגט מען האָט זיי אָפּגענאַרט: מען האָט זיי צוגעזאָגט דאָס לעבן, אויב זיי וועלן דערנידעריקן ביז'ן סוף זיך און טראָצקי'ן. מעגלעך, אַז דאָס איז אויך אמת. אין דאָסטאָיעווסקי'ס ראָמאַנען איז אַלץ מעגלעך. אויב אַזוי, האָבן זיי זייער טייל דערפילט בשלימות. נידעריקער ווי זיי האָבן זיך געמאַכט קען שוין ניט זיין. אָבער סטאַלין האָט אויך זיינס געטאָן בשלימות. סטאַלין ווייס ניט פון האַלבער אַרבעט. צו וואָס האָבן דען זינאָוויעוו און קאַמעניעוו נאָך געדאַרפט דאָס לעבן? אפשר האָבן זיי ניט געדאַרפט דאָס לעבן, זיי האָבן געדאַרפט — צייט. צייט איז אַ גרויסער פּריינט. אָבער טאַקע דערפאַר האָט סטאַלין זיי ניט געשענקט דאָס לעבן. לעבן איז צייט. און צייט איז אַ גרויסער פּריינט. אפילו צוויי־און־זיבעציק שעה קענען אַמאָל זיין צו לאַנג.

און סטאַלין האָט זיך דערפילט אַזוי גוט, אַזוי פריי. אָפּגעראַמט די לעצטע שונאים. אַך, ווי פריי! ווי גוט! רוסלאַנד איז געוואָרן אַזוי גערײַם... פאַר סאָציאַליזם...

נאָר דער טויט פאַרענטפערט גאָרניט. און די וואָס שטראָפן מיט טויט האָבן מורא פאַר'ן לעבן!...

און ווער ווייס וואָס די צייט קען פאָרט ברענגען? ווער ווייס צי סטאַלין האָט זיך ניט פאַרעכנט? פריער זיינען די זעכצן געווען מענטשן, איצט זיינען זיי גייסטער. און גייסטער זיינען געפערליכער ווי מענטשן. דער מענטש זינאָוויעוו האָט געקענט זיין נאָר אין געפענגעניש, אָבער דער גייסט זינאָוויעוו קען זיין אומעטום אויף אַמאָל. ער

קען קומען צו מיליאָנען מענטשן אין שלאָף אין איין נאַכט און זיי וועקן, און קען זיך באַווייזן אינמיטן פון דער סאַמע זוגרייכער סעודה און זי צעשטערן... מאַכבעט ווייס דעם טעם...

נון, זיינען די זעכצן טויט, און טויט מיט'ן טויט פון באַנדיטן. און סטאַלינ'ען איז צוגעקומען נאָך א טיטל. ער איז פריער געווען דער גרעסטער, דער קליגסטער, דער גע־ניאַלסטער. איצט איז ער אויך געוואָרן דער צדיקיסטער. יענע אַלע, האָט דאָס געריכט „באַוויזן", האָבן געוואָלט ראַכע, מאַכט. סטאַלין שטייט איבער אַזעלכע „נאַרישקייטן" פון די שטערבלאַכע. ער וויל נאָר בויען סאָציאַליזם...

ווי טיפזיניק איז די אידישע לעגענדע וואָס זאָגט אז דער אשמדאי קען אמאָל ארייןכאַפּן דעם שם המפורש...

אָבער ער קען מיט אים אַלץ טאָן נאָר ניט קיין גוטס...

און אַזוי זיינען די זעכצן טויט. זיי זיינען אוועק, זיי האָבן דערגרייכט זייער לעצטן „סוף". איצט שטייט סאָוועט־רוסלאַנד פאַר א נייעם „אָנהויב". צו וועלכן נייעם „סוף" וועט זי דערגיין? וועט דער נייער סוף שטימען בעסער מיט גאָר־גאָר דעם ערשטן אָנהויב פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע?

(פאָרווערטס", אויגוסט 26, 1936).

די זיבעצן

1

און נאָך זיבעצן פאַר'משפט, און דרייצן פון זיי טויט...

זייט געגריסט, כאַווירים, די רעוואָלוציע האָט ווידער געזיגט!

ווען די נייעס איז געקומען, אַז די „זעכצן" זיינען שוין טויט, האָט בודיאָני מיט זיינע קאָזאַקן געמאַכט אַ הו־ליאַנקע, מיט געטראַנק, מיט האַרמאָשקעס, מיט טענץ. ער האָט דעם פיינעם מנהג אויפגעלעבט וואָס געווענליך כאַן האָט אַמאָל געבראַכט אויף רוסישער ערד, געווענליך כאַן, וואָס פלעגט טאַנצן אויף די קברים פון זיינע שונאים און טרינ־קען וויין פון זייערע שאַרבנס.

נון, כאַווירים, נאָך דרייצן זיינען טויט, אַרויס מיט די האַרמאָשקעס! די פלעשער און גלעזער אַהער! אַ קאָ־זאַצקע! לעבעדיק, פריילאַך! מאַכט פריילאַך, כאַווירים! אַ'ניט קען מען פון זינען אַראָפּגיין...

וואויל איז נאָר די קאָמוניסטן, וואָס האָבן שוין מער ניט פון וואָס אַראָפּצוגיין . . .

נאָך דרייצן טויט... לויט וועלכן זין, לויט וועמעס פּלאַן? לויט דעם פּלאַן פון דער רעוואָלוציע? לויט סטאַ־לינ'ס פּלאַן? ווער וייס, — אפשר גאָר לויט דעם גע־היימניספולן פּלאַן פון דער געשיכטע, לויט יענעם פּלאַן, וואָס אַן אַלטער אידישער חכם האָט אַמאָל איינגעקנעלט מיט אַ דערטרונקענעם קאָפּ: דערפאַר וואָס דו האָסט דער־טרונקען האָט מען דיך דערטרונקען, און דער סוף פון דיינע דערטרינקער וועט זיין אַז זיי וועלן דערטרונקען ווערן... ווער קען וויסן, אַז אַלץ איז איינגעוויקלט געוואָרן אין סודות, אין רעטעניש, אין פאַרשווערונגען, אין שפּיאָנאַזש און קאָנטער־שפּיאָנאַזש. ווייַ, אַז די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, זי וואָס זאָל זיין די באַפרייערין, די דערלייזערין, איז גאָר געוואָרן שטאָף פאַר דעטעקטיוו־מעשיות!

פון קארל מארקס צו שערלאָק האָלמס . . .

טרעט אָפּ אָן א זייט, איר געלערטע, פּאָליטיקער, היסטאָריקער, מארקסיסטן פון אלע שטייגערס, מאכט א ווארע פאר׳ן מייסטער־דעטעקטיוו! ס׳איז איצט זיין ריי, ס׳איז געוואָרן זיין רעוואָלוציע!...

אָך, ס׳אָרא סעודה פאר א דעטעקטיוו! וואָס פארא דעטעקטיוו־שטאָף! די אינטריגאנטן — מעכטיקע היסטאָרישע פיגורן, דער הינטערגרונט — לענדער, קאָנטינענטן, און פאר א פּלאָנטער — די גרעסטע רעוואָלוציע פון אלע צייטן. און די פּליטערלאך און קלאפּערגעצייג אויך שפּאָגל־נייע: ניטאָ דאָרט דאָס באנאלע טיכעלע, אָדער די ניט־דערררויכערטע ציגארעט, אָדער א בלאָנדע האָר, נאָר: א „ליניע", „אָפּנויגן", „צענטערס", „פּאראלעלן" — א האלבע געאָמעטריע.

יאָ, די ליניע, די קאָמוניסטישע ליניע, קענסטו זי אפשר געפינען, מייסטער־דעטעקטיוו? אמאָל, אז קאָלאָמבוס האָט אנטדעקט אמעריקע האָט דער פּאָפּסט געצויגן א ליניע דורך דער אומבאקאנטער וועלט און געזאָגט: אלץ וואָס ליגט אויף איין זייט ליניע זאָל געהערן צו איין צד, אלץ וואָס ליגט אויף דער אנדערער זייט זאָל געהערן צום אנדער׳ן צד. קיינער האָט ניט געוואוסט וואו די ליניע איז און וואָס עס געפינט זיך אויף ביידע זייטן פון איר, נאָר א וועלט האָט זיך געשלאָגן און בלוט פארגאָסן איבער איר.

עפּעס אזא מין ליניע האָט סטאלין געצויגן, און שוין יאָרן, אז רוסלאנד גייט אויף איר, ווי א שיכור איבער׳ן ברעטל, און מענשן פאלן רעכטס און מענשן פאלן לינקס, מיט קרומע אָפּנויגן און גלייכע אָפּנויגן, און וואָס היינט איז גלייך איז מאָרגן קרום, און וואָס נעכטן איז רעכט איז מאָרגן לינק, ביז די ליניע האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגעקרימט אין אלערליי געאָמעטרישע פיגורן „צענטערס", „פּאראלעלן" און ווינקלען — פיגורן געצייכנט מיט פייער און בלוט.

קאָמוניסטישע געאָמעטריע...

קיינער ווייס ניט גענוי וואו די ליניע ליגט, נאָר אָפּ־נויגן פון איר איז — טויט. אָבער זייט געוואָרנט: דעם געפּערלאַכסטן אָפּנויג האָט געמאכט סטאַלין אליין!

א ליניע האָבן געהאט די הויכגעשטעלטע פונ׳ם קאָ־מוניזם, אז די אייגענע, די גרויסע, זאָלן איינע אויף די אנדערע ניט אויפהויבן די האנט פון טויט. צו גוט האָבן זיי געקענט די פראנצויזישע רעוואָלוציע. דערצו איז עס געווען פּראַקטיש אויך. טויטן אנדערע איז גלאט בעסער ווי זיך אליין. און אָט פון דער ליניע האָט סטאַלין געמאכט אן אָפּנויג, ניט רעכטס, ניט לינקס, נאָר ארונטער, אין אָפּגרונט אריין.

פריער זעכצן, דערנאָך דרייצן, פון די סאמע שפּיצן.

ביז איצט האָט דער קאָמוניזם געשניטן די גראָז, איצט האקט ער די ביימער.

די דעמבעס פונ׳ם קאָמוניזם ליגט אוועק סטאַלינ׳ס האק! און ניט איינעם און ניט צען, נאָר א — דור! אויפ׳ן גאנצן דור שעפער און מייסטער פונ׳ם באָלשעוויזם האָט ער זיך פארמאָסטן. ער וויל א דור אויסרייסן! לענינ׳ס דור!

אויב סאָוועט־רוסלאַנד איז טאָקע דער סאָציאַליסטי־שער גן־עדן, וואָס סטאַלין זאָגט עס איז, דאן זיינען זיי דאָך געווען די מייסטער.

איצט ליגן זיי פארשניטענע.

און דערצו איז אויך דאָ א רוסישער „פּאַראַלעל״:

א צאר האָט אמאָל גערופן א מייסטער־בויער: בוי מיר דעם שענסטן קלויסטער! און אז דער קלויסטער איז פארטיק געוואָרן און האָט דערקוויקט זיין הארץ מיט זיין שיינקייט, האָט דער צאר געלאָזט אָפּהאקן דעם מייסטער די הענט — ער זאָל ניט אויסבויען נאָך א שענערן...

די זעכצן און דרייצן, אויב זיי האָבן געוואָלט עפּעס אנדערש אין סאָוועט־רוסלאַנד, אפשר האָבן זיי געוואָלט זייער מייסטערווערק נאָך שענער מאכן? האָט זיי סטאַלין אָפּגעהאקט די הענט. דעם גאנצן דור!

א דור אויסרייסן, א דור!... וויפיל גרויל עס ליגט אין

די ווערטער! עס איז אזוי גרויליג און גרויזאם, אז א געדאנק פאר'גנב'עט זיך: אפשר איז עס גאָר די ארבעט פון די „ווייסע"? אפשר האָבן די „ווייסע" פארכאפט די רעוואָלוציע? מיט סטאלינ'ען אלס ווערקצייג, מיט סטאַלינ'ען אלס געפאנגענעם אָדער מיט סטאלינ'ען אלס שותף? שוין יאָרן אז פאר די „ווייסע" שטייען טיר און טויער אָפן אין דער רעגירונג, אין דער רויטער ארמיי, און אפילו אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. די סאָציאַליסטן האָט מען געוואָרפן אין די טורמעס, אָבער די „ווייסע" האָט מען נעגעבן אמנעסטיעס און ארבעט. אפשר האָבן זיי זיך אריינ־געארבעט אין דער סאָוועטישער סיסטעם, און דאָס אלץ איז זייער מאנעוורע צו ליקווידירן די רעוואָלוציע?

מייסטער־דעטעקטיוו, וואָס איז דיין באשייד?

ווען עס וואָלט געווען א ווייסע איבערקערעניש וואָלט זי זיך ניט אנדערש באגאנגען מיט לענינ'ס דור.

נאָר צי דאָס טוען די „ווייסע" צי דאָס טוט סטאַלין אַליין, די ארבעט איז סיי־ווי א „ווייסע". עס איז געווען ניט בלויז ביטערער אינסטינקט, נאָר טיפע לעבנס־חכמה אין דעם נישט־געשריבענעם געזעץ פון די „פאָטערס", אז אויף די אייגענע זאָל נישט ארויפגעלייגט ווערן די האנט פון טויט. וואָרים א רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך געקנאָטן פון פלייש און בלוט האָט ערגעץ־וואו געדארפט אָנצייכענען א גרעניץ: ביז דאנען איז עס רויטע רעוואָלוציע, פון דאנען הויבט זיך אָן ווייסע קאָנטער־רעוואָלוציע. און זיי האָבן געמאכט זיך אַליין פאר די גרעניץ־צייכנס.

איצט רייסט סטאלין אוים די גרעניץ־צייכנס איינעם נאָכ'ן אנדערן. סטאַלין האָט אָנגעהויבן דעם ווייסן פּעריאָד פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע!

און ווייס האָט ער געמאכט אונזערע געזיכטער און קאלט אונזער הארץ אין שטוינען און פּחד פאר דעם מורא'דיקן און געהיימניספולן ספּעקטאקל:

אין מאָסקווע, אין דעם בית־המקדש פון דער רעוואָ־לוציע, ווערן אירע נביאים און כהנים אויסגעשלאכט!

און די נבואה אליין אויך!

ווארים אויב די פירער זיינען גאר פארעטער; אויב די וועגווייזער זיינען גאר אונטערשטעלער פון פאסטקעס פאר די פיס; אויב די נביאים טראגן אין מויל גאט'ס ווארט און אין הארצן דעם שווארצן שד — ווי זאל נאך עמיצער אין עפעס גלויבן? ווי קאנען נאך אויגן זיך הויבן צו אן אידעאל, הענט זיך ציען נאך א פירער און וועגווייזער? ווי זאל דאס הארץ נאך טרויען אין מענש און אידייע, אז מענש און אידייע ליגן אינאיינעם אין שטויב?

ווירקלאך, אזא צעמישעניש איז נאך קיינמאל ניט געקומען אויף דער מענשהייט.

יארן און יארן האט מען א וועלט געלערנט צו קוקן אויף מענשן ווי אויף נביאים; יארן און יארן האט מען א פיל־מיליאניק פאלק דערצויגן: דאס זיינען דיינע דערלייזער; פלוצים שטעלט מען זיך אוועק און מען נעמט טייטלען אויף די מענשן: פאררעטער, באנדיטן, הינט!

וואס פאר א באנקראט, וואס פאר א חורבן! געקומען איז דער קאמוניזם אויפצושטעלן דעם מענשן איבער די מלאכים, און דערפירט האט ער אים צו אונטער די הינט. געקומען איז ער אויפצובויען דעם סאציאליזם, איצט דארפן מיר אנהויבן אויף דאס ניי די גאר אלטע און פיל־פיל שווערערע פראצע—אויפצובויען צוריק דעם גלויבן אין דעם מענשן.

נאר ווי אויב די טאוולען זיינען דא אומגעדרייט און דאס שרייען די פאלשע נביאים אויף די אמת'ע „איר זייט פאלש"? ווי עס איז די טבע פון פאלשע נביאים?

ווארים ווי אזוי איר זאלט די זאך ניט קערן, קערט זי אהין און קערט זי אהער, קומט אלץ אוים א פשוט'ער חשבון: די מאסקווער פראצעסן קאנען זיין נאר איינס פון די צוויי: אדער אמת אדער ליגן. אויב אמת; אויב די גע'משפט'ע האבן טאקע געוואלט איבערענטפערן פאטערלאנד און רעוואלוציע צום פרעמדן פיינט — איז ווי

וואָס קאָמוניסטן קענען! און אויב ליגן; אויב דאָס אַלץ איז נאָר בלבול אויף בלבול, און מיט בלבולים שענדט מען די רעוואָלוציע און מען פּאַרטיליקט אירע שעפער — איז ערשט אָך־און־וויי, וואָס קאָמוניסטן קענען...

פּשוט'ע מאַטעמאַטיק. די מאַטעמאַטיק פון קאָמוניזם...

נאָר ווער, אָה ווער, זיינען דאָ די נביאים און ווער די פאַלשע נביאים?

און די זעלבע מאַטעמאַטיק, מיט איר קאַלטער און אייזערנער לאָגיק, צווינגט ווייטער: אויב ס'איז טאַקע אמת און די פּאַר'משפּט'ע, די שענסטע פון דעם באַלשע־וויזם, די גלענצענדסטע פּונ'ם רעזשים, האָבן פאַראַטן פאָטערלאַנד און רעוואָלוציע, דאַן איז דער פּסק־דין אין מאָסקווע ניט געווען אַ פּסק־דין בלויז איבער זעכצן און זיבעצן מענטשן, נאָר איבער'ן גאַנצן קאָמוניסטישן רעזשים. וואָרים ער האָט באַוויזן, אַז עס איז אַ רעזשים, וואָס פאַרדאַרבט זיינע קינדער און עס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אים די ביטערסטע קללה, וואָס דער נביא האָט געהאַט אויף זינדיג לאַנד און פאָלק: דיינע צעשטערער און פאַרדאַרבער וועלן פון דיר אַליין אַרויס. אויב שולדיג זיינען אַרויס די אָנגעקלאָגטע, איז נאָך שולדיגער אַרויס דער קלעגער.

קערט עס ווי איר ווילט, קערט עס אַהין אָדער קערט עס אַהער, און עס קומט אויס אַלץ איין סך־הכל: קלעגער און שולדיקע זיינען גלייך פאַרשאָלטן.

די מאַטעמאַטיק פון גערעכטיקייט . . .

און אַזוי שטייען מיר פאַר דריי רעטענישן און אַ פערטע קענען מיר ניט באַשיידן: זיינען זיי געווען אַלט־נייע רעוואָלוציאָנערן? אָדער זיינען זיי, אַנטוישטע, געווען טראַגישע לוחות־ברעכער, ברעכער פון לוחות, וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ לעבן אויף אויסצוהאַקן און אַראָפּצו־ברענגען, און האָבן זיי אַראָפּגעשליידערט אין שטויב דער־זעענדיק אַ קאַלב אויפ'ן אָרט פון גאָט? אָדער זיינען זיי געווען פאַרדאָרבענע פאַרדאַרבער? און די טרויעריקסטע פראַגע פון אַלע: וואו זאָלן מיר נאָך זוכן מענטש און

מענטשלאכקייט, אז מענטש און לוחות ליגן בײדע צעבראָכן?

ווארים אויב מיר זאָלן גלויבן דעם משפט אין מאָסקווע מוזן מיר אויפהערן גלויבן אין דעם מין מענטש.

נאָר אויב מיר הערן אויף צו גלויבן אין דעם מענטשן, ווי זאָלן מיר גלויבן דעם משפט אין מאָסקווע?

ס'איז אָדער — אָדער: אָדער מענטש אָדער מאָסקווע.

אויב מענטש איז פאלש איז אלץ פאלש. אויב מענטש איז אמת, איז מאָסקווע ליגן!

דאָס איז אויך א מאטעמאטיק. די מאטעמאטיק פון האָפנונג.

און מענטש איז גרעסער אפילו פון מאָסקווע!

אזוי באַפעלט דער מענטשלאכער כבוד און די ווערדע פון זיין פארשטאנד!

פארשטאנד, פארשטאנד, אביסל פארשטאנד! שוין געווען אמאָל א מענטש, וואָס די גאנצע וועלט איז פאנאנ־דערגעפאלן ארום אים און ער האָט זי אויפגעבויט צוריק דורך דעם פשוט'ן רעצעפט: איך דענק, בין איך!

אביסל פארשטאנד אין דעם תהו ובהו, א פינטל מח!

אלץ וואָס מיר וויסן פון דער היסטאָרישער געהיימניס אין מאָסקווע איז דער אָפענער משפט.

לאָמיר משפט'ן דעם משפט!

דעם קלעגער'ס קלאגעס האָבן ארומגענומען א האלבע וועלט: סאָוועטן־פארבאנד, דייטשלאנד, יאפאן, כינע, אמעריקע. אָבער די גערעכטיקייט וויל וויסן אַן ענטפער נאָר וועגן איין קליין צימערל. אויב פיאטאקאָוו איז געווען ביי טראָצקי'ן אין אָסלאָ, ווי אזוי האָט אויסגעזען זיין צימער, דאָס צימער ווי האָט אויסגעזען? די גערעכטיקייט איז זייער א קאפריזנע דאמע: א קליין צימערל וועגט בא איר אמאָל אריבער די גאנצע וועלט.

דעם קלעגער'ס קלאגעס האָבן גערעדט פון צעשטערטע ריזן־אינדוסטריען, פון פארגיפטעטע ארמייען און פלאָנען, פון פלענער פון וועלט־מלחמות. אָבער די גערעכטיקייט וויל וויסן נאָר וועגן איין־איינציקן עראָפּלאן. פיאטאקאָוו איז

געפלויגן צו טראָצקי'ן אויף אַן עראָפּלאַן, וואו איז דער עראָפּלאַן? פאַרוואָס איז ער קיינמאָל ניט אָנגעקומען?

אין דעם זינאָוויעוו־קאַמענעוו פּראָצעס איז געווען אַזאַ מעשה מיט אַ האָטעל. דער האָטעל וואָס איז ניט געשטאַנען איז פאַרשוואונדן אין דעם עראָפּלאַן, וואָס איז ניט געפלויגן!

דער קלעגער האָט געקלאָגט, אַז זיי האָבן געוואָלט דערמאָרדן סטאַלין'ען. נאָר וואונדער איבער וואונדער: קיין איין וואָרט אויף סטאַלין'ען איז פון זייער מויל ניט ארויס. ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי האָט מען עס קאָנטראָלירט זייער צונג? דורך וועלכער געהיימער קונסט? און פאַרוואָס טאָר מען ניט זאָגן אַ קרום וואָרט אויף סטאַלין'ען אפילו דאָרט, וואו דער כבוד פון דער גאַנצער רעוואָלוציע שטייט אין קאַן?

אפילו גאָט לאָזט דאָך אויך דעם שטן ריידן קעגן זיך... וואָס איז עס פאַראַ גערעכטיקייט?

וואָס איז עס פאַר אַ גערעכטיקייט, אַז די נייע קאָנסטיטוציע גאַראַנטירט דאָס רעכט אויף אַן אַדוואָקאַט, און עס זיינען געווען באַשטעלט אַדוואָקאַטן, נאָר זיי האָבן ניט פאַרטיידיקט?

די קאַטוילישע קירכע האָט אַן אַדוואָקאַט אפילו פאַר'ן טייפל... וואָס איז עס פאַר אַ גערעכטיקייט?...

און וואָס איז עס פאַר אַ גערעכטיקייט, אַז פון עק לאַנד צו עק לאַנד האָט יעדער צונג און יעדער פּען נאָר געשימפּט און געפלוכט? אַ לאַנד אַן איין גוט וואָרט אין איר! לויט וועלכן מאָראַלישן קאָדעקס איז עס גערעכטיקייט? איז עס שיין, איז עס גאַלאַנט, איז עס ספּאָרטמעניש, איז עס ריטערלאַך, איז עס העלדיש, איז עס גערעכט, איז עס סאָציאַליסטיש, איז עס געהערט געוואָרן?

און אַ אידישער דין זאָגט, אַז ווען אַלע ריכטער זיינען מיט איין דעה „שולדיק"! גייט דער געריכטעטער אוועק פריי. ווייל אַ געריכט אָן אַ גוט וואָרט אין אים איז אַליין אַ פאַרברעכער!

נאָר, אַך, זייט מיר מוחל: „גאָט", „אדוואָקאַטוס דיאַבאָלי", „אידישער דין" — ס'איז אַלץ רעליגיע, און רעליגיע איז גיפט, האָט לענין געזאָגט.

און וואָס איז עס פאַר אַ גערעכטיקייט ווען דער קלע־גער קומט ארויס און פּראָקלאַמירט אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער דאַרף גאָרניט קיין באַווייזן, ווייל אויף זייערע פּנימ'ער ליגן די „צייכנס פון שולד"?

פּונקט אַזוי האָט דאָך גערעדט די אינקוויזיציע! און דאָס ווערט פּראָקלאַמירט אין אַ לאַנד, וואָס זאָגט, ס'איז געשטעלט אויף וויסנשאַפט, אויף פאַרשטאַנד, אויף לאָגיק, אויף פּלאַן און מעטאָד, אויף רעאַליזם און מאַטעריאַליזם. וואָס איז דען וויסנשאַפט? באַווייזן. וואָס איז לאָגיק? באַווייזן. וואָס איז מאַטעריאַליזם? באַווייזן, וואָס מען קאָן אָנטאַפּן מיט די פינגער, אָדער מיט'ן פאַרשטאַנד דורך מאַטעמאַטישע צייכנס. אָבער צייכנס אויפ'ן פּנים — דאָס איז ניט קיין גערעכטיקייט, ס'איז אַ מאָרד, און ניט אויף זעכצן און זיבעצן, נאָר אויפ'ן מאָדערנעם גייסט! מאָ־דערנער גייסט איז — באַווייזן, און פייפן אויף באַווייזן הייסט צוריק ארונטערזעצן דעם גייסט און ארויפזעצן די גייסטער! ס'איז אַ רוף צוריק צו טויבן אינסטינקט, צו בלינדן ליב, צו פינסטערער לײדנשאַפט, צוריק צו פאַר די צייטן פון גריכישער חכמה, וואָס הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט דער פּשוט'ער, כמעט קינדישער פראַגע: פון וואַנען ווייסטו?

פון וואַנען ווייסטו, כאַווער ווישינסקי?

2

זיי האָבן זיך מודה געווען.

דער גרעסטער חידוש איז דער ווידוי, און דער ווידוי איז גראָד די פּשוט'סטע זאַך, און די פּשוט'סטע זאַך איז גראָד די שווערסטע צו פאַרשטיין.

אויב זיי זיינען ניט שולדיק פאַרוואָס האָבן זיי זיך מודה געווען? שווער צו ענטפערן. נו, און אויב זיי זיינען

יאָ שולדיק, פאַרוואָס האָבן זיי זיך מודה געווען? פונקט אזוי שווער צו ענטפערן. מיר ווייסן, אז אומשולדיקע זיינען זיך אָפט מודה און שולדיקע — ניט. ברונאָ האופּטמאַן איז זיכער שולדיק געווען, פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט מודה געווען. ער האָט דאָס ניט געטאָן, זאָגט מען, כדי כאָטש פילוויניק צו פאַרהיטן דעם כבוד פון זיין קינד. נו, און די סאָוועטישע ווידוי'ניקעס האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין קינ־דער? אָדער האָבן זיי געהאַט אַ קלענער'ן כבוד צו פאַר־היטן? איז עס אַ קליינינקייט צו האָבן געשטאַנען צווישן די משיחים פון דער מענשהייט און ארויסגעוואָרפן ווערן פון איר ווי באַנדיטן?

דוכט זיך, ערשט ווען זיי וואָלטן שולדיק געווען, וואָלטן זיי זיך נישט מודה געווען. זינדיקע, וואָלטן זיי ערשט רעכט געקעמפט פאַר אַ פּלאַץ צווישן די הייליקע.

און דוקא ווי אומשולדיקע איז זיי גרינגער געווען זיך אונטערצוגעבן דעם פּיין פון אינקוויזיציע, טראַכטנדיק: דער אמת וועט אמאָל ארויסקומען און וועט אוועקשטעלן אונזער כבוד צוריק אויף זיין פּלאַץ אין דער געשיכטע.

און אָט, אויב איר ווילט, איז די נבואה פון אַ נאַר: די קאָמוניסטן, וואָס שימפן אזוי אויף טראָצקי'ן און זיינע מיט־פאַר'משפט'ע, זיי וועלן נאָך זייער זאַק שימפעריַיען אויסקערן איבער סטאַלינ'ס קאָפּ און וועלן נאָך יאָמערן: דו האָסט פאַרטריבן אונזער נביא, און האָסט פאַרטיליקט ניין־און־צוואַנציק צדיקים פון דער ערד... און די הינגעריכטע וועלן נאָך צוריק שטיין צווישן די הייליקע פון דער רעוואָ־לוציע מיט דעם אָרעאָל פון מאַרטירער איבער זייערע קעפּ, און טראָצקי וועט נאָך שטיין אין דער געשיכטע מיט לע־נינ'ען, און סטאַלין מיט איוואַן דעם גרויזאַמען.

נאַר לאָמיר די געשיכטע פון דער צוקונפט איבערלאָזן דער געשיכטע פון דער צוקונפט. אָבער די געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט קאָנען מיר ניט איבערלאָזן. אונזער גאַנצער פאַרמעגן איז דאָך נאָר די געשיכטע פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, און פון איר ווייסן מיר, ווייסן מיר זיכער, אז

אומשולדיקע האָבן זיך מודה געווען און שולדיקע האָבן זיך ניט מודה געווען.

דעריבער זאָגט די געדעכטיקייט: א ווידוי איז גאָרניט!

ניט פאַר די מאָסקווער פּראָצעסן איז דער כּלל פאַר־פאַסט געוואָרן, אויף יאָר־הונדערטער פון דערפאַרונג איז ער געבויט: ווידוי איז גאָרניט!

א ווידוי איז גאָרניט. די ביכער פון דער געשיכטע זיינען פול מיט ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע ווידוים. קינדער אין די וויגן ווייסן עס שוין. די אינקוויזיציע איז פול געווען מיט זיי. גאַליליי האָט מודה געווען, אז די ערד דרייט זיך ניט. מכשפות האָבן מודה געווען, אז זיי זיינען געפלויגן איבער דעכער אויף בעזימער. א ליאַדע פּאָליסמאַן קאָן דערציילן, ווי אזוי די „טהוירד דעגרי" קריגט ארויס אזעלכע ווידוים. און טראָצקי זאָגט עדות, אז דאָס איז גאָר־ניט אזא שווערע קונץ: די „גע־פּע־או", זאָגט ער, מאַכט עס זייער גרינג: אלץ וואָס זי טוט מיט עקשנים איז — זי פּירט זיי יעדן טאָג „שפּאַצירן" אין דעם „הויף פון היג־ריכטונג" . . . זי האלט נאָר דעם טויט פאַר די אויגן לאַנג געגנוג... און ווער־ווער, טראָצקי דאַרף עס דאָך ווייסן: ס'איז דאָך זיין „גע־פּע־או" . . .

א סך מיטלען זיינען דאָ ארויסצוקריגן פאַלשע ווידוים: ס'איז דאָ פיזישע פּייניקונג. ס'איז דאָ מאָראַלישע פּייניקונג. און עס איז בא סטאַלינ'ען דאָ א געזעץ, וואָס אפילו דער „גאָט פון נקמה" האָט ניט געהאַט, א געזעץ צו שטראָפן ניט נאָר קינד, נאָר ווייב און קרוב און גואל, נאָענטע און ווייטע, צי זיי האָבן „געוואוסט" צי ניט „געוואוסט".

און איבער אלעם לאָמיר געדענקען: דער פּייניקער האָט אומבאַגרעניצטע כּוחות, דער געפּייניקטער האָט נאָר איין כּח.

און צו ארויפגעצוואונגענער שולד איז נאָך דאָ בא נאָט אזא זאַך ווי איינגערעדטע שולד, א היסטעריע אזא,

א מאַניע פון שולדיקייט. היסטערישע מענשן דערפילן זיך אמאָל שולדיק אין אַן אויסגע'חלומ'טן פאַרברעכן. היסטע־רישע מענשן — נעמט טייטלען אויף זיי מיט די פינגער און זיי קענען זיך אָנהויבן קאָרטשן אין חרטה פאַר אומקלאָרע און אומבאַגאַנגענע זינד. פרעגט ניט ווי אַזוי דאָס איז מעגלאַך. דער קלאָרער קאָן ניט פאַרשטיין דעם משוגע'נעם, אַזוי ווי דער משוגע'נער קאָן ניט פאַרשטיין דעם קלאָרן.

און אונזער צייט איז משוגע געוואָרן. פעלקער זיינען פון זינען אַראָפּ. די ערד האָט זיך פאַנאַנדערגעשרויפט, די וועלט איז אַראָפּ פון די זאַוויסעס און אויבנאָן פון דער וועלט — סאָוועט־רוסלאַנד.

צוואַנציק יאָר אַז אַ לאַנד באָדט זיך אין טרערן און וואַשט זיך אין בלוט, וואַלגערט זיך אין ווערים און וויקלט זיך אין שמאַטעס, זייט און עסט ניט, בויט און עס צעפאַלט, מיט חשד אין יעדן אויג און פּחד פון יעדן ווינקל, מיט שרעק פון דרויסן און טויט פון אינעווייניק, און יעדער פּיין ווערט פאַרגרעסערט הונדערט און זיבעציק מיליאָן מאָל, און אויסשרייען לאָזט מען ניט און אַראָפּריידן פון האַרצן קען מען ניט, ניט אין גאַס און ניט אין הויז, ניט אין דער הויך און ניט אין דער שטיל, צוואַנציג יאָר אַזוי. וואָס איז דער חידוש, אַז ס'איז געוואָרן קראַנק אַ לאַנד?

און אַ ליגנערישע פּרעסע מעלדט אַ ליגנערישע וועלט. און אַן אָפּגעקויפטע ליטעראַטור מאָלט אַ פאַלשע ווירק־לאַכקייט. אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק פעלשט זיין לעבן! צוואַנציק יאָר, אַז אַ פאָלק גייט אַרום צווישן קרומע שפּיג־לען! וואָס איז דער וואונדער, אַז זיין פּסיכיקע האָט זיך צעקרימט?

און אַ מעכטיקער שטאַט־אַפּאַראַט טוט נאָר און יאָגט און יאָגט, יאָגט די הענט, טרייבט די בליטן, שמייסט די ליידנשאַפטן, ברענט די מוחות, אין שלאַכט־רופן, אין געפאַר־סיגנאַלן, אין שטענדיקן דין־דין־דין, אין אייביקן געקנאַל און געקראַך — באַלד צוואַנציק יאָר אַזוי, וואָס איז דער וואונדער, אַז איבערגעשפּאַנט איז אַ מדינה, עקסטאַ־

טיש אויסגעשעפּט, אָפּגעמאַט, צערייצט, נערוון־קראַנק?
איז עס געוואָרן אַ לאַנד פון היסטעריעס, מיסטיקעס און מאַניעס.
איין מאַניע — זיי בויען סאָציאַליזם.
אַ צווייטע מאַניע — איבעריאָגן אַמעריקע.
אַ דריטע מאַניע — זיי זיינען דאָס אויבערשטע פון אויבערשטן פון שטייסל פון דער מענטשהייט.
אַ פערטע מאַניע — פאַרפאָלגונג. רק מען וויל זיי אויפעסן.
און אַ פינפטע מאַניע און אַ זעקסטע, און בראש פון אַלע מאַניעס זיצט אַן עגאָמאַניע, אַ ריזיקע, אַ שרעק־לאַכע, אַ ניט־זאָט־ווערנדיקע — די איך־מאַניע פון סטאַ־לינ׳ען.
צי איז עס נאָרמאַל, ווען אַ מענש לאָזט זיך פון אַ לאַנד פאַרשרייען פאַר אַ גאָט?
אין סטאַלינ׳ען האָט רוסלאַנד צוריק אויפגעלעבט דעם מענשלאַכן געצן־דינסט. איז עס ניט מיסטישע היסטעריע?
און אַזוי איז דאָרט אויך דאָ די מאַניע פון שולדיקייט.
די ווידוים זיינען דער באַוויז.
די פאַקטן אין די ווידוי׳ס לייקענען זיך אַליין אָפּ. פּיאַטאַקאָוו האָט ניט געקענט פליען אין אַן עראָפּלאַן וואָס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט. טראָצקי האָט נישט געקענט געבן בריוו אין די הענט אריין אַ מענטשן וואָס ער האָט קיינמאָל ניט באַגעגנט. טראָצקי׳ס זון האָט ניט געקענט זיין אין בערלין און אין קאָפּענהאַגן אין איין צייט. ס׳איז קעגן שכל.
די פאַקטן אין די ווידוים זיינען ניטאָ. אָבער די ווידוים אַליין זיינען דאָ. זיי קען קיינער ניט אָפּלייקענען.
און אויב זיי זיינען ניט געבויט אויף פאַקטן מוזן זיי זיין געבויט אויף פאַנטאַזיע.
די בעלי־ווידוי האָבן זיי ענטוועדער אַליין אויסגע־טראַכט אָדער עמיצער האָט עס פאַר זיי אויסגעטראַכט און זיי האָבן עס אָנגענומען פאַר ליב.

קיין אנדער אויסוועג איז ניטאָ.

אָבער ווי קענען מענטשן אויסטראַכטן אָדער אָננעמען ווידוים וואָס פירן צום זיכערן טויט?

שכל׳דיק איז עס ניט מעגלאך. עס איז נאָר מעגלאך אין היסטעריע, מיסטיקע און מאַניע.

דער שכל קען עס נאָר דערקלערן דורכ׳ן אומ׳שכל.

אָבער ס׳איז אין אמת׳ן גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אומ־שכל. אומ׳שכל איז נאָר אַן אַנדער שכל. אפשר אַ העכערער, אפשר אַ טיפערער, אפשר אַ מעכטיקערער. וואָרים אין אומ׳שכל קען מען טאָן זאַכן וואָס אין שכל קלעקט ניט קיין כח צו טאָן.

אין אומ׳שכל, צוליב עפּיס אַ געפיל פון זינד, שיידן מענטשן זיך אָפּ פון דער וועלט און ווערן נזירים. אין אומ׳שכל, צוליב עפּיס אַ געהיימניספולן טריב, פּייניקן זיך מענטשן דאָס לייב און ווערן צדיקים. אין אומ׳שכל, אויפ׳ן רוף פון עפּיס אַ מיסטישן אידעאַל, שטאַרבן מענטשן אויף קידוש השם און ווערן מאַרטירער.

און מיר, די בעלי־שכל, פאַרהייליקן זיי ווי „העכערע״, ווי די ליכטער פון דער מענטשהייט: דער שכל קניט פאַר׳ן אומ׳שכל.

און אונזערע זעכצן און זיבעצן זיינען אַוועק פון דער וועלט אין עפּיס אַ גרויסן, געהיימניספולן, מורא׳דיקן אומ־שכל.

וואָס פאַר אַן אומ׳שכל א׳ עס געווען, וואו האָט ער געוואָרצלט: אין זינד אָדער אין קדושה?

עס איז געווען זינדיקע קדושה.

אַ גרויסע זינד איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן רוסלאַנד און אירע פעלקער אין נאָמען פון אַ הייליקן אידעאַל. אין נאָמען פון סאָציאַליזם האָט מען באַשאַפן אַ בלוטיקע דיקטאַטור. און די גרויסע זינד מאָנט אַ גרויסע שטראָף. עס האָט זיך אָנגערוקט אַ טאָג פון רעכנשאַפט. דער טאָג פון פאָלק׳ס צאָרן איז דאָ. און מען האָט אָנגעהויבן וואַרפן

קרבנות אין די ציין פון דעם הונגעריקן וואָלף פון נקמה.

אַ גרויסער קריזיס איז דאָ אין רוסלאַנד, און דאָס פאָלק און זיינע פירער זיינען אריינגעכאַפּט אין אַ גרויסער היסטעריע, אין אַ גרויסן פינצטערן אומ׳שכל.

עס איז היסטעריע און אומ׳שכל פאַר אַ פאָלק צו גלויבן אַז זיינע פירער זיינען פּלוצלינג געוואָרן פארעטער און באַנדיטן. און די פירער, אַליין היסטעריקער, ווערן געטראָגן אויף דער כוואַליע פון היסטעריע, אָן שכל, אָן ווילן און אָן כח פון ווידערשטאַנד.

און דאָ, ביי אַזאַ צושטאַנד, ווערט שוין יעדער אומזין פארשטענדלאַך, דער אומ׳שכל — שכל׳דיק. ווייל דאָ איז שוין אַלץ מעגלאַך.

און דאָ זיינען מעגלאַך און דערקלערלאַך די ווידוים, די פאַלשע, די פאַנטאַסטישע, די אויסגע׳חלום׳טע.

אַזוי ווי אין נערוועז ליידט מען אַמאָל פון קרענק וואָס זיינען אויף דער וועלט ניטאָ, אַזוי אין פייער פון מיסטיק פליקן מענטשן זייער לייב פון זיך פאַר זינד וואָס זיי האָבן ניט געזינדיקט. און זינדיקע — זיי ליגן זיך אויפ׳ן מזבח ווי צו אַ באַפרייאונג און דערלייזונג.

און אונזערע זעכצן און זיבעצן זיינען געווען זינדיקע, זינדיק מיט באַלד צוואַנציק יאָר דיקטאַטור, וואָס איז אַליין אַ מזבח אויף וועלכן מען האָט געשאָכטן קרבנות צו אַ מיסטישן אידעאַל, און זיי זיינען געווען כהנים. און דער וואָס שעכט איז קיינמאָל ניט גערעכט, אפילו ווען ער איז אַ כהן. ער איז ניט גערעכט ביי זיין קרבן און אפילו ניט ביי זיך אין הארצן. בלוט שווייגט ניט. בלוט שרייט. בלוט ווירקט. בלוט פארדארבט. דער קוילער ווערט חרוב דורכ׳ן קוילענען. די דיקטאַטור מאַכט קראַנק אירע מענטשן. פאַראַן, און מוזן זיין, אין דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור אַן אַ שיער חרוב׳ע הערצער און צעשטויבטע נשמות וואָס זיינען געוואָרן ווי עגיפּטישע מומיעס: זיי ליגן גאַנץ כלזמן מן רירט זיי ניט אָן; רירט זיי אָן און זיי צעפאַלן אין שטויב. גרייפט אָן אַזאַ זינאָוויעוו־אָדער ראַדעק־נשמה —

דעמאָראַליזירט פון אַן אונמאָראַלישער מאָראַל, דורכגע־
פרעסן פון מענטשלאַך בלוט, איבערגעשפּאַנט פון אייביקן
פלאַקערן, צעריסן פון צווייפלען און אַנטוישונג — און זי
האָט ניט קיין כח זיך קעגנצושטעלן.

און ווען עס קומט נאָך אַ מעכטיקע מלוכה און מיט
אירע צען מאָל צען טויזנט מיילער פון צייטונגען און ראַ־
דיאָ צערעוועט זי זיך: שולדיק! שולדיק! און ווען הונ־
דערט און זיבעציק מיליאָן פינגער ווערן אָנגעשטעלט:
שולדיק! שולדיק! — וואָס איז דער חידוש אַז אַזעלכע
נשמות ברעכן זיך איין?

דער טאַם־טאַם פון דזשאָנגל איז אַ פריילאכס אין
פאַרגלייך דערמיט!

און ווען צו דער שטירמישער העצע אין די גאַסן און
דער ווילדער פוריע אין די שטעט קומט נאָך צו דאָס פייניקן
אין דער שטילער קאַמער, דאָס פייניקן מיט שלאָפלאָזיקייט,
מיט הונגער, מיט היץ און קעלט, מיט אייביקע אויספרע־
געגישן און דיסקוסיעס, מיט פאָכן דעם טויט פאַר די אויגן,
מיט דראָונגען פאַר די ליבסטע און טייערסטע — די גאַנצע
מייסטערשאַפט פון דער גע־פּע־או;

און ווען צום פיין פון דרויסן קומט נאָך דער פיין
פון אינווייניק, דער ביטערער חשבון הנפש מיט זיך אַליין,
דער יום־כפור פון דער נשמה, דער געלעכטער פון טייפל,
דער חוזק פון שיקזאַל, די איראָניע פון הבל הבלים הכל
הבל — און דער מענטש ווערט קראַנק צום טויט, און עס
הערט אויף דער חילוק פון חלום און וואָר, דער חילוק פון
אמת און ליגן, דער חילוק פון כבוד און אומ׳כבוד, פון
שכל און אומ׳שכל, און פון מיין ווידוי אָדער דיין ווידוי.
גוף און נשמה ווערט צונויפגעקנוילט אין איין שטיק ווייי־
טיק, די גאַנצע וועלט און אַלץ אין איר ראָלט זיך אויף אין
איין מידן, זיסן שמאַכטן נאָך רו, אַ רגע רו, נאָר צומאַכן
אַן אויג אין רו. אַ רעוואָלוציע פאַר אַ דרימעל! אַ טראָן
אין דער געשיכטע פאַר אָפּכאַפּן דעם אָטעם!

טאָ פרעגט ניט פאַרוואָס האָבן זיי זיך מודה געווען.

טראָצקי וואָלט זיך אויך מודה געווען ווען ער איז אין רוס־לאַנד . . .

פרעגט ניט פאַרוואָס האָבן זיי זיך מודה געווען. פרעגט בעסער פאַרוואָס האָבן זיי זיך מודה געווען אין מער ווי מען האָט זיי באַשולדיקט ?

ראַדעק האָט געזאָגט: איך בין שולדיק אין אַלץ, אין די פאַרברעכנס וואָס איך האָב געוואוסט און אין די פאַר־ברעכנס וואָס איך האָב ניט געוואוסט. זינאָוויעוו האָט אויך געזאָגט אַזוי. צי דערקענט איר ניט דעם פּרומן, עקסטאַטישן „על חטא שחטאתי ביודעים ובלא יודעים" ? ווי אַזוי איז דאָס אַלץ מעגלאַך געווען אויב ניט אין דער היסטעריקע פון דער צעשאָטענער נשמה און אין דער מיסטיקע פון דעם אויפגעלייזטן ווילן, דעם ווילן וואָס גיט זיך אונטער ווי אַ לאָם דעם מעכטיקערן ווילן און יאָמערט אויף זינד „שאינם גלוים לנו, לפניך הם גלוים וידועים" — אויף זינד וואָס מיר ווייסן גאָרנישט, אויף זינד וואָס דו זאָגסט מיר האָבן געזינדיקט ?

איין אָנגעקלאָגטער האָט געזאָגט: איך האָב געזאָלט הרג'ענען אָרדזשאָניקידזע'ן. — דו ביסט אַ ליגנער! האָט געשריען אַ צווייטער: איך האָב געזאָלט הרג'ענען אָר־דזשאָניקידזע'ן! איז עס ניט דער מיסטישער היסטעריקער וואָס זוכט אויסלייזונג דורך שאַרן זינד אויף זינד זיך אַליין אויפ'ן קאָפּ? איז עס ניט די מאַניע פון שולדיקייט ?

אָדער נעמט זייער מאָראַלישן חורבן אין אַריינשלעפּן אַלץ מער און מער פון זייערע חברים. ווען האָבן רוסישע רעוואָלוציאָנערן אַרויסגעגעבן, פאַראַטן אַנדערע? איז עס ניט געווען אַ ספּאַזמע פון תשובה, אַ פּערווערזער דינען דער רעוואָלוציע? אָדער אפשר האָט זיי די דיקטאַטור גאָר פּשוט פאַרבעסטיעט: מיר ניט, דיר אויך ניט ?

פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן נאָכאַמאָל, דער קבר זאָל זיי אַרויסוואַרפן אויב זיי האָבן פאַראַטן פריינט און האָבן געגעבן פאַלשע ווידוים, צו פאַרפירן אַ וועלט און פאַר־

שטאַרקן די ממשלה פון בייז אויף דער וועלט, צוליב אַזעל־כע געמיינע מאַטיוון! אָדער אפילו צוליב ווייב און קינד!

(נאָר זאָל מיר זייער אַנדענק מוחל זיין פאַר דעמדאָזיקן אויסברוך... זיי זיינען פאַר זייער זינד געשטאָרבן דורך זייער זינד, זיי זיינען אויסגעלייטערט... איך האָב אמאָל געגעבן א פּאַטש א טייערן טויטן פּאַרוואָס ער איז געשטאָרבן... און דאָס איז אויך היסטעריקע און אומ׳שכל...)

און אפשר איז עס גאָר געווען א סיגנאַל אַזאַ צו דער וועלט: זעט דעם אומזין! מיר זיינען שולדיק ניט ווייסנדיק אין וואָס, און אַלע אונזערע חברים זיינען אזוי שולדיק, די בעסטע פון דער רעוואָלוציע, קען די וועלט אַזעלכם זיך פאָרשטעלן?

און די צוויי וואָס האָבן זיך געראַנגלט איבער אָר־דזשאָניקידזע׳ן — אפשר איז עס גאָר געווען ווי צוויי אַקטיאָרן וואָס האָבן פאַרגעסן ווערטער פון זיי דער רעזשיסאָר האָט געגעבן די שורה? ווער איז דער רעזשיסאָר?

פינצטערניש גע׳כפל׳ט אויף פינצטערניש!

ערגעץ־וואו און ווען עס איז וועט דער סוד ארויס. ערגעץ האָט אימיצער געווים פאַרזיגלט דעם סוד אין א פלאַש און אריינגעוואָרפן אין דעם רוסישן ים בלוט, און די כוואַליעס וועלן עס אמאָל צושלאָגן צו א ברעג און פישער וועלן עס אויפהויבן.

דערווייל אָבער איז אַלץ סוד־סודות, פאַרוויקלט אין מצרים׳דיקן חושך, אין היסטעריעס, מיסטיקעס און מאַניעס.

און מאַניע איז חלום און „א חלום איז א ליגנער".

דעריבער זאָגט אָן די גמרא, אז א מענש, וואָס קומט און זאָגט אויף זיך אליין, אז ער איז שולדיק, גלויבט מען אים ניט. און דעריבער לערנט די גערעכטיקייט פון אַלע פעלקער: ווידוי איז גאָרניט, באַווייז איז אַלץ. מען פאַר׳־משפט אויף באַווייזן אָן א ווידוי, אָבער ניט אויף א ווידוי אָן באַווייזן.

אָבער, אך, זייט מיר מוחל: גמרא איז רעליגיע, און רעליגיע איז גיפט. און די גערעכטיקייט פון די פעל־

קער, זאָגן די קאָמוניסטן, איז נאָר די פארשטעלטע אומגע־
רעכטיקייט פון קאפיטאליזם.

און דאָס איז אויך אַ מאניע.

3

נאָר די קאָמוניסטן זאָגן זיי גלויבן. זאָל מען זיי גלויבן,
אַז זיי גלויבן? זיי זאָגן: „ס'איז אמת ווי גאָלד". זיי,
וואָס האָבן שוין פארגעסן ווי אַן אמת זעט אויס, האָבן
פּלוצים דערזען אַן „אמת ווי גאָלד"...

שטרוי איז אויך גאָלדיק...

און אויב זיי גלויבן טאַקע באמת, וואָס קען מען דערויף
זאָגן? נאָר איינס: מסתמא ווייסן זיי, אַז אויף קאָמו־
ניסטן איז אַלץ צו גלויבן...

אָבער פאר'ן בר־דעת איז דאָס אַלץ אמת ווי די גול.

אמת איז נאָר דער האַס און די רציחה מיט וועלכע זיי
האָבן אויף דאָס ניי פארפּלייצט די וועלט.

אפילו פון דאנען, טויזנטער מייל פון דעם שוי־פּלאַץ,
האָבן זיי געפּאָדערט דעם טויט פאר זייערע פירער, און אין
הילכיקע פארזאמלונגען באגריסט די הינריכטונג.

אריבער'ן ברייטן אָקעאַן האָבן זיי אויסגעשטרעקט די
פינגער, זיי איינגעטונקען אין בלוט, און געלעקט: מממ...
ס'איז גוט!..

ווער האָט עס געזאָגט, אַז דער מענש איז „עפּעס ווײ־
ניקער ווי גאָט"? ער איז עפּעס מער ווי דער טייפל...

און פאר זיי, די גלויביקע קאָמוניסטן, איז די שרעקלאַכע
רעטעניש גאָר קיין רעטעניש ניט. זיי זיינען פארעטער,
זאָגן זיי, ווי אזעוו, ווי מוסאָליני, פאררעטער, וואָס זיינען
דעגענערירט געוואָרן אין זייער דורשט נאָך מאכט.

אָבער פאררעטער קאָנען זיין יחידים, ניט אַ גאנצער
דור. און ווער־ווער, ניט די קאָמוניסטן האָבן אַ רעכט צו
באנוצן די טענה: דורשט נאָך מאכט. זיי וואָס גיבן זיך
ניט אַ קער אָן היסטאָרישן מאטעריאליזם און אָן מארקס־
סיסטיש־לעניניסטישער דיאלעקטיק, וואו בלויז סאָציאַלע
כוחות און אָביעקטיווע אומשטענדן שפּילן אַ ראָלע, ניט

יחידים און זייערע לײדנשאַפטן — זיי האָבן ניט קיין רעכט צו טענה'ן: דורשט נאָך פערזענלאַכער מאַכט.

נאָר אויב ס'איז אַלץ נאָר דורשט צו מאַכט, דאָס און ווייטער גאָרנישט, איז עס דען ניט גרינגער צו גלויבן אויף איין מענשן, אויף סטאַלינ'ען, אז ער איז דעגענערירט געוואָרן דורך זיין דורשט נאָך מאַכט איידער אויפ'ן גאַנצן דור פירער? יענע אַלע זיינען מענשן פון טאַלאַנט. דענקער, גלענצנדע רעדנער, וואונדערבאַרע שריפטשטעלער. איין סטאַלין איז נאָר א מענש מיט א קליינעם שטערן. און וויפיל רוסלאַנד צערייסט זיך ניט די לונגען שרייענדיק: „גענישלער פירער! איבערמענשלאַכער מייסטער!" העלפט עס אים אַלץ ניט צו קאָנען אויסריידן איין רעדע ווי טראָצקי, אָנשרייבן איין שורה ווי ראַדעק, דורכטראַכטן איין געדאַנק ווי בוכארין, אָדער אויסבויען איין פאַבריק ווי פּיאַטאַקאָוו. און וואָס מער מ'האָט אים געגרויסט, אַלץ שאַרפער האָט אים געמוזט עסן די קנאה, די קנאה פון דעם טאַלאַנטלאָזן צום טאַלאַנטפולן, און די שנאה פון דעם עם־הארץ צום תלמיד־חכם.

אָבער, אָה, סטאַלין האָט אויך א טאַלאַנט, ער פאַרמאָגט אויך א מייסטערשאַפט! לענין האָט עס שוין אין אים אַנטדעקט. די מייסטערשאַפט פון אינטריגע. היט זיך פאַר אים! האָט אָנגעזאָגט לענין. אָבער רוסלאַנד האָט זיך ניט איינגעהיט. שווער צו היטן פינגער וואָס וועבן אין דער פינצטער. און דער פינצטערער מייסטער־וועבער האָט זיין מייסטערשאַפט געלאָזט אין גאַנג, צו פאַרשניידן די טאַלאַנטפולע, די גייסטרייכע און באַגאַבטע פון דער רעוואָלוציע, עס זאָל בלייבן נאָר ער, ער איינער, און ווייטער קיינער...

אפילו אויף לענינ'ס אָנדענק האָט ער זיך פאַרמאָסטן! און עס וועט נאָך אמאָל קומען דער טאָג ווען ער וועט אַרויסוואַרפן לענינ'ס קערפּער פון זיין טרונע, און ער וועט זיך מאַכן דערפון זיין אָפּרו־בעטל פאַר זיין „שיינקייט־שלאָף" אין די נאָכמיטאָגן, כדי לענינ'ס כבוד־ברענגער זאָלן

ברענגען דעם כבוד נאָר אים, אים איינעם און ווייטער קיינעם!

דורשט נאָך מאכט! וואָס פאַר אַ גרעסערע מאכט האָט געקאָנט זוכן אַ ראַדעק, אַ בוכאַרין, אַ פּיאַטאַקאָוו? ראַדעק איז אַ שרייבער, וואָס פאַר אַ גרעסערע זאַך קאָן זיך ווינשן אַ שרייבער ווי צו זיין דער גרעסטער און גלענצנדסטער שרייבער פון זיין לאַנד, און פאַר דער גאַנצער וועלט — די צונג פון אַ מלוכה? וואָס מער האָט געקאָנט ווינשן בוכאַרין ווי צו זיין אַ באַגרינדער פון זיין צייט, לערער און טעאָרעטיקער פון אַ נייער וועלט־סיסטעם? און פּיאַטאַקאָוו, פירער און בויער פון גרונט־אינדוסטריען, מיט׳ן אַטעסטאַט פון לענינ׳ען אַליין אלס גלענצענדסטער באָלשעוויסטישער קאָפּ?

אפילו אויף ראַדעק׳ן לאָזט זיך ניט גלויבן דורשט נאָך מאכט. ער, וואָס האָט געביטן זיינע שטעלונגען ווי די פּאַסאָנען פון זיין באָרד, ער, וואָס צו ראַטעווען זיין לעבן האָט ער זיך דערנידעריקט צו ווערן אין סטאַלינ׳ס שלאַכט־הויז די בהמה, וואָס פירט די אַנדערע בהמות צו דער שחיטה...

ווי קאָמיש דאָס איז צו זאָגן, אַז זיי אַלע האָבן געזוכט מאכט, נאָר איין מענש ניט: סטאַלין; ער, וואָס פאַר אים איז גאָר ווייניק מענשלאַכע מאכט און ער וויל ניט אַנדערש ווי די מאכט און כבוד און די אָפּפערונג פון גאָט!

אַ ליטעראַטור מיט שרייבער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער אַלע רעליגיעס און טעמפּלען, אַרויסגעגנב׳עט פון דאָרט די שענסטע פּראַזן, וואָס די גאָטספּאָרכטיקייט פון דער מענשהייט האָט געשאַפן, און די געגנב׳עטע ציי־רונג געבראַכט צו סטאַלינ׳ען. און ער האָט אָנגענומען! און זיי האָבן עס אָנגעטאָן אויף אים, אַ מאַנעקען מיט שווערע שטיוול, גרויסע וואָנצעס און קליינעם שטערן, און אים אוועקגעשטעלט אין מיטן „סאָציאַליסטישן פּאַטערלאַנד”, וואו „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק”, און מיט פויק און

טראָמפּייט, און מיט בוקעניש און הייליקע געזאַנגען, האָבן זיי פּראָקלאַמירט:

דאָס איז דיין גאָט, סאָוועטן־פאַרבאַנד! דאָס איז דיין גאָט, ארבעטער־קלאַס!

דער פירער פון דער מענטשהייט, דער פאָטער פון די פעלקער! מלך־מלכי המלכים!

מי כמוך אדיר במרומים · מי כמוך בורא כסות הרומים:

מי כמוך גבור ומושיע · מי כמוך דובר בצדקה רב להושיע:

און דער מאַנעקען האָט אָנגענומען! און דער קליינער שטערן האָט פאַרשטעלט די גרויסע זון פון גרויסן לאַנד, און אין דער ברייטער רוסישער נאַכט זיינען ניטאָ אַזוי פיל שטערן וויפיל סטאַלין־געטשקעס ס'האָבן אָנגעפּיקעוועט דאָס לאַנד, און דער רוסישער הערבסט־הימל איז ניט אַזוי באַדעקט מיט וואָלקנס, ווי רוסלאַנד איז באַדעקט געוואָרן מיט סטאַלין־שמאַטעס, וואָס די העסלאַכסטע פון זיי איז די הייליקע שמאַטע — סטאַלין מיט אַ מיידעלע אויף די הענט: סימבאָל פון פאָטערלאַכקייט...

אמאָל איז די הייליקע שמאַטע פון רוסלאַנד געווען: „מאַמע און זון", היינט איז עס: „טאַטע און טאָכטער". גאָטעניו — טאַטעניו...

און איין גאָט האָט פיינט אַנדערע געטער, און סטאַלין האָט גוזר געווען: איך בין גאָט, דיין גאָט, און עס זאָלן ניט זיין קיין אַנדערע געטער פון פאַר מיר.

און אלע געטער פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע ווערן פאַרטיליקט.

נאָר אַ גאָט דאַרף האָבן אַ שטן.

און טראָצקי איז געוואָרן סטאַלינ'ס שטן.

און גאָט און שטן ראַנגלען זיך.

די עקלדיקסטע זאַך, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן איז צוויי ריזן־שלאַנגען, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן און איינע האָט די אַנדערע לאַנגזאַם איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט. דער קאַמף צווישן סטאַלינ'ען און טראָצקי'ן,

דערמאָנט מיך שטענדיג אָן יענעם קאַמף פון די שלאַנגען. נאָר עס איז נאָך ניט קלאָר ווער עס שלינגט און ווער עס ווערט געשלונגען.

נאָר אפשר איז אָדלער און שלאַנג א בעסערער פארגלייך. אָדער אָדלער און פלעדערמויז . . .

עס האָט אויסגעזען, אז טראָצקי איז באזיגט אונטער סטאלין׳ס מאכט: אן אָדלער מיט אָפגעשוירענע פליגל אין אן אייזערנער שטייג, וואָס קען זיין מאכטלאָזער דערפון? אָבער דער געשריי איז אים געבליבן!

סטאלין האָט געמאכט א קליינעם פארזען און האָט אפשר דורכדעם פארשפילט זיין ממשלה: ער האָט ניט ארויסגעריסן דעם געשריי טראָצקי׳ן פון האלז!

ער האָט אים אָפגעשוירן די פליגל, אָפגעהאקט די נעגל, נאָר די צונג האָט ער אים פארגעסן אויסצושניידן!

אך ווען ער וואָלט אים ניט געווען ארויסגעלאָזט פון רוסלאנד!..

און סטאלין ליגט דורך די נעכט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ: ווי האָב איך עס געקענט מאכן אזא פעל־טראָט, ארויסלאָזן טראָצקי׳ן? ארויסלאָזן טראָצקי׳ן, ווען ער האָט זיין צונג אין מויל און דאָס וואָרט אויף זיין צונג? אך, ווען איך האָב אזא צונג, ווען איך פארמאָג אזא וואָרט! . . .

און עס האָט זיך צעברענט „גאָט״ס גרימצאָרן״, און ער האָט צונויפגערופן אלע זיינע צבאות מיט די הילכיגע טראָמפּייטן, וואָס זיינען באשטימט געוואָרן צו וועקן צו תחיית המתים, און האָט זיי באפוילן אריבערצושאלן טראָצקי׳ס צונג, נאָר טראָצקי׳ס צונג שאלט זיי אלע אריבער.

טראָצקי האָט מיט זיין ווײ־געשריי און זיין פּראָטעסט־וואָרט אויפגעהויבן א וועלט. עס ווילט זיך אזש צוריק אָנהויבן גלויבן אין דעם כח פון וואָרט, פון דעם ערלאכן וואָרט. דאָס ערלאכע וואָרט האָט נאָך אן אָפּקלאנג אין דער וועלט!

ניט טראָצקי׳ס באָלשעוויסטיש וואָרט שפּילט דאָ אַ ראָלע. ווער הערט זיך נאָך צו צו זיין געשריי אַז זיין באָלשעוויזם איז דער אמת׳ער, סטאַלינ׳ס איז דער פאַלשער? די וועלט וויים: עס איז איין באָלשעוויזם. טראָצקי׳ס איז דער בוים, סטאַלינ׳ס איז די פּרוכט, און „לויט דער פּרוכט וועסטו זיי דערקענען". נאָר מעכטיק איז טראָצקי׳ס וואָרט, וואָס מאָנט גערעכטיקייט. ס׳איז איצט ניט מער טראָצקי, ס׳איז דרייפוס, ס׳איז מענדל ביילים. דעם קאַמף וועגן באָל־שעוויזם וואָלטן מיר געקאָנט רואיק לאָזן צו טראָצקי׳ן און צו סטאַלינ׳ען. אָבער דער קאַמף פאַר גערעכטיקייט איז אַלעמענ׳ס קאַמף. ס׳איז געוואָרן אַ לאָזונג, פון סאָוועט־רוסלאַנד איז ער דורכט זיך געקומען: דער פרידן איז אומ־צעטיילבאַר. עס דאַרף אויך ווערן אַ לאָזונג: די גערעכ־טיקייט איז אומצעטיילבאַר. און דער אמת. די וועלט זאָל וויסן דעם אמת!

און אַ דאַנק דעם כח פון דעם גערעכטן וואָרט זעען מיר דעם מאָדנעם ספּעקטאַקל: וואָס מער „גאָט" שלאָגט איין דעם שטן, אַלץ ריזיקער וואַקסט ער אוים. אָט אַזאַ „טאָ־לאַנטפּולער" גאָט איז עס! סטאַלין האָט געמאַכט טראָצ־קי׳ן פאַר׳ן נאַציאָנאַלן שעיר־לעזאזל פון סאָוועט־רוסלאַנד, און ער זעט ניט, ווי ער גרויסט אים דערמיט: אַלע גליקן שטאַמען פון סטאַלינ׳ען, אַלע אומגליקן פון טראָצקי׳ן; סטאַלין בויט, טראָצקי צעשטערט. אָבער סטאַלין איז אויפ׳ן אָרט און טראָצקי איז אין גלות. וואָס־זשע איז עס פאַר אַ גאָט, אַז טראָצקי מיט זיינע בריוולאַך פון ווייטנס, איז שטאַרקער פון אים מיט אַלע זיינע שאַרן ארום אים?

טראָצקי וויל צעטיילן רוסלאַנד, שרייט סטאַלין, און ווידער אַ חוזק: אַן אָרימער, פאַרטריבענער איד זיצט און טיילט לענדער! אפשר אויף אַ פאַרוואַלגערטן שוך ערגעץ בא טראָצקי׳ן זיינען נאָך געבליבן קלעפּן עטלאַכע זעמדלאַך פון אַ רוסישער בלאָטע, און דאָס איז גאָר די רוסישע ערד וואָס טראָצקי פאַרמאָגט. האַנדלען מיט אים מלוכות וועגן רוסישע לענדער! מענדעלע׳ס גאַסן־בעטלער זוכט אַן

איידעם, גיט ער אים אין נדן — אַדעס. איז ווען מענדעלע זאָגט עס פון פישקע דעם קרומען איז עס קינסטלערישע חכמה, אָבער ווען סטאַלין טוט עס מיט טראָצקי׳ן... קען „גאָט" זיין אזא נאר?

וואָס איז עס פאר א פארשאָלטענער באַלמעלאָכע, דער סטאַלין, וואָס שטייט און רייסט ארונטער א הויז, און דאָס הויז וואַקסט גאָר אונטער זיינע הענט? סטאַלין האָט ארויסגעשטעלט די זעכצן און די זיבעצן צו שרייען, אז טראָצקי איז שולדיק, און טראָצקי ענטפערט זיי אָפּ: איר זענט אומשולדיק. א דערהויבענע מדרגה! ממש „קריסט־לאכקייט"... דער ארצי־בישאָף פון באָלשעוויזם איז געוואָרן א „קריסט"!...

און מיט אזא קריסטלאכקייט, נאָכדעם ווי ער וועט קריגן זיין געזעלשאפטלאכן משפט, זאָל טראָצקי אוועק אין א מאָנאסטיר און זיך זעצן, ביז׳ן סוף פון זיינע טעג, ציילן די קאטוילישע ארבעס און זאָגן „אווע מאריא", וואָס ער איז נצול געוואָרן מיט׳ן לעבן פון—זיין אייגענעם קאָמוניזם. און זאָל ער דאָרט זאָגן תהלים, אפילו ווען נאָר אויף רוסיש, גאָט פארשטייט רוסיש אויך, און תשובה טאָן וואָס אין 1922 איז ער, טראָצקי, אזוי ווי אין 1936 און 1937 ווי־שינסקי, געשטאַנען אין גערוכט און געפאָדערט טויט פאר די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין פונקט אזא בלבולי־דיקן משפט ווי דער משפט קעגן וועלכן ער זוכט איצט גע־רעכטיקייט. זאָל ער תשובה טאָן, אפשר וועט אים גאָט מוחל זיין. די מענשהייט וועט עס אים ניט מוחל זיין. און ניט פארגעסן.

אָבער זאָל זי אָן אים אויך קיין נקמה דערפאר ניט נעמען, און זאָל זי אים געבן די גערעכטיקייט, וואָס אים קומט.

ווארים ערשט צום אומגערעכטן דארף מען זיין גערעכט.

דאָס איז ניט טראָצקי׳ס כבוד. דאָס איז דער כבוד פון דער גערעכטיקייט.

געגוג פאר אים דער כבוד, וואָס סטאַלין גיט אים מאכנדיק אים, דעם פארטריבענעם, פאַר׳ן זינד־באָק פאר אַלץ, וואָס קומט איצט פאָר אינוויינינק אין רוסלאנד. אין זיין גרויסער „שטאַטסמענישער חכמה" באַגרייפט ניט סטאַ־לין ווי ער דערהויבט טראָצקי׳ס נאָמען ווען ער מאכט אים פאראַנטוואָרטלאך פאר דער גרויסער און טיפער אָפּאָזיציע, וואָס איז אויסגעוואקסן קעגן דעם סטאַלין־רעזשים. וואָרים דער יסוד פון דער גאנצער טראגעדיע פון די פּראָצעסן איז דער שטומער פּראָטעסט, וואָס איז אויפגעוואקסן אין סאָ־וועטן־פארבאנד קעגן דער שטאַלענער דיקטאטור, א שטומער פּראָטעסט, וואָס ווערט אַלץ ריידעוודיקער און ריידעוודיקער ווי עס איז קלאָר טאקע פון דער וואקסנדיגער כוואַליע פון רעפּרעסיעס און טעראָר. צעטראָטן האָט די דיקטאטור דאָס רוסישע פאָלק אזוי ווי שטאָמעס אונטער די פיס. אָבער אויך שמאטעס האָבן זייער געזעץ: ווען זיי ליגן פארשטיקט, אָן פרייהייט און אָן לופט, צינדן זיי זיך אָן פון זיך אליין. א פיזישער געזעץ. אפילו שמאטעס דארפן פרייהייט! און אָט אזא פייער האָט זיך איצט אָנגעצונדן אין די רוסישע שמאטעס. די מאָסקווער פּראָצעסן זיינען דער רויך, און וואו ס׳איז דאָ רויך דאָרט איז דאָ פייער. און סטאַלין וועט דאָס פייער ניט פארמיידן. שטאַרקער פון פיזיקע קען קיינער ניט זיין. אפילו גאָט ניט. פרעגט ספּינאָזא׳ן. ער ווייס.

און סטאַלין האָט זיך געשטעלט לעשן דאָס פייער, לעשן עס מיט בלוט. בלוט איז ביליק אין סאָוועט־רוסלאנד. ברויט איז טייער אָבער בלוט איז ביליק. אַלץ טוט זיך דאָרט מיט בלוט. מען לעשט פייער מיט בלוט, מען בויט דיקטאטור מיט בלוט, מען בויט סאָציאַליזם מיט בלוט.

אָבער בלוט איז ניט קיין וואסער. און בלוט איז ניט קיין צעמענט. בלוט איז דינאמיט!

דאָס איז שוין געווען אמת, ווען די וועלט איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען!

נאָר אפנים אז יעדער טיראַן מוז די דאָזיקע שרעק־לאַכע לעקציע לערנען אויף דאָס ניי.

און געטאָן ווערט דאָס אַלץ פונוועגן דעם אַרבעטער־קלאַס און פונוועגן סאָציאַליזם!

אַרבעטער, אַרבעטער! הענט מיט מאָזאָליעס! זיי שמירן אויס דיינע מאָזאָליעס מיט בלוט! אָפּדאַרן זאָלן די הענט וואָס טוען דאָס, צוקלעפּן צום גומען זאָל זיך די צונג וואָס זאָגט ס'איז גוט!

סאָציאַליזם קען ניט געבויט ווערן מיט בלוט. סאָציאַליזם איז דער נייער בית־המקדש פון דער מענשהייט, און דער נביא האָט געזאָגט: דער בית־המקדש טאָר ניט געבויט ווערן מיט בלוט און אייזן.

אָבער, אַך, זייט מיר מוחל, כאַוויירים קאָמוניסטן: „נביא", „בית־המקדש" — ס'איז רעליגיע, און רעליגיע איז גיפט.

נאָר אויב דאָס איז גיפט, — גיט מיר גיפט! דעם ביטערסטן, דעם טויטלאַכסטן! אַלץ בעסער ווי דער בלוטיקער קאָשמאַר, דער שד'ישער קאָשמאַר, וואָס קומט פון מאָסקווע.

מאָסקווע, הייליקע מאָסקווע! הייליק ביזטו אַמאָל געוועזן דער פּראַוואָסלאַוויע מיט איר גאָט־מענש, הייליק ביזטו געוואָרן צום באָלשעוויזם מיט זיין מענש־גאָט. און מענשלאַכע קרבנות האָסטו פאַרלאַנגט אַמאָל, און מענשלאַכע קרבנות פאָדערסטו היינט, מאָסקווע, דו הייליקע שחיטה־שטאָט!

וויי, אַז עס איז געקומען אַהער!

געקומען איז מאָסקווע דערהויבן און האָט דערנידעריקט, אויסלייזן און האָט פאַרשקלאַפט, היילן און האָט פאַרוואונדעט, פאַרבינדן און האָט צעריסן. זי האָט צעריסן אַרבעטער פון אַרבעטער, מענש פון מענש, האַרץ פון האַרץ, און האַרץ פון גלויבן.

און עס איז אַרויס פון מאָסקווע אַ פאַרדאַרבונג פון

דעם מענשן און אַ צעזעצונג פון דער וועלט, און עס קומט
אַ טאָג פון פאַרווירונג, ווען אַ קינד וועט ניט גלויבן אַ
טאַטנ׳ס האַרץ און אַ זויגלינג וועט ניט טרויען דער מאַמע׳ס
מילך. און איין אויג וועט היטן דאָס אַנדערע ווי אַ גנב,
און פינף פינגער וועלן פירן פינף קריג אויף איין האַנט.
און דער רעכטער פוס וועט מורא האָבן גיין איין וועג מיט
דעם לינקן און דער לינקער וועט רופן: דו פאַרפירסט מיך!
און דער מענש, ער וועט אָנכאַפּן זיין אייגענעם שאָטן ביים
האַלז און שרייען: דיין פּאַס, דיין פּאַס וואו איז?
אזוי האָט באַשערט מאָסקווע...

און טראָצקי האָט ניט גערעדט!

*טראָצקי האָט טאַקע ניט גערעדט! דער טעלעפאָן איז איבערגעשניטן געוואָרן אין מעקסיקאָ! סטאַלין האָט ווידער געזיגט איבער טראָצקי'ן, טראָצקי האָט ניט גערעדט!

אָבער קיינמאָל איז נאָך אַ רעדע ניט געווען אַזוי דראַמאַטיש ווי די „איבערגעשניטענע" רעדע טראָצקי'ס, און קיינמאָל איז נאָך אַן עולם ניט געזעסן אַזוי געשפּאַנט, אַזוי פאַר'כישופ'ט, ווי דער זיבן־טויזנט קעפּיקער עולם אין היפּאָדראָם.

ניין אַזייגער אין אָוונט האָט מען אין מעקסיקאָ אַנט־דעקט, אַז די טעלעפאָן־דראָטן, מיילן ערגעץ פון טראָצקי'ס וואוינאָרט, זיינען איבערגעשניטן. דער עולם אין ניו־יאָרקער היפּאָדראָם האָט זיך דערוואוסט דערפון נאָכדעם ווי ער איז אין אַ פורכטבאַרער שטילקייט אָפּגעזעסן עטלאַכע מינוט און געוואַרט צו הערן טראָצקי'ס שטימע. אָבער אָנשטאָט טראָצ־קי'ס שטימע האָט דער עולם דערהערט דעם פּאָרזיצער אַנאָנסירן, אַז ס'איז נאָר וואָס אָנגעקומען אַ ידיעה דורך דער „אַסאָשיאייטעד פּרעס" פון מעקסיקאָ, אַז די טעלעפאָן־דראָטן אין דער געגנט פון טראָצקי'ס וואוינונג זיינען געפונען גע־וואָרן באַשעדיקט. באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ באַשטעט־טיקונג פון דער טעלעפאָן קאָמפּאַניע אַליין. אַ דריטע ידיעה איז געקומען, אַז די פּאָליציי אין מעקסיקאָ לויפט מיט טראָצקי'ן קיין מעקסיקאָ סיטי און ער וועט האַלטן זיין רעדע פון דאָרטן. און צוויי לאַנגע שטונדן האָט דער עולם געקראָגן „בולעטינען" וועגן דער לאַגע אין מעקסיקאָ, אַז אָט־אָט ווערט דער טעלעפאָן פאַריכט און טראָצקי וועט רעדן. אַזוי ביז נאָך האַלבער נאַכט. און טראָצקי האָט ניט גערעדט!

---

*) געדרוקט אין „פאָרווערטס" דעם 10טן פעברואר, 1937, אַלס באַריכט פונ'ם טראָצקי-מיטינג אין ניו-יאָרקער היפּאָדראָם, דעם 9טן פעברואַר, און ווערט דאָ איבערגעדרוקט ווי אַ רעקאָרד פון אַ היסטאָרישן מאָמענט.

ווער האָט דעם טעלעפאָן איבערגעריסן?

דאָס, נאַטירלאַך, „ווייס מען ניט". אָבער אוודאי א פויגעלע האָט עס געטאָן. א פויגעלע האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן דראָט און עס האָט זיך איבערגעריסען. פאַראַן אפנים אזעלכע "קאָמוניסטישע פויגל".

אָבער צום גליק, ווי עס פירט זיך געוויינלאך ביי אזעלכע געלעגנהייטן, איז די רעדע געווען א פּאַרטיקע, אָן אָפּגעדרוקטע, און אַלע צייטונגסלייט, וואָס זיינען געזעסן אין זאַל האָבן געהאַט קאָפּיעס פון איר אין זייערע הענט. און עמיצער אנדערש, טראָצקי'ס מיטאַרבעטער, שאַכטמאַן, האָט זי פאָרגעלייענט. און וואָס פאַר א רעדע דאָס איז געווען! און וויפיל שטאַרקער האָט זי געקלונגען טאָקע דערפאַר, וואָס טראָצקי'ן אליין האָט מען פאַרמאַכט דאָס מויל! ארום אָנהויב פון דער רעדע געפינען זיך די ווערטער: „און דערפאַר שטעלט זיך מאָסקווע ניט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען צו צווינגען מיך, דעם הויפּט־אָנגעקלאָגטן, צו בלייבן שטום". די דאָזיגע ווערטער האָבן געקלונגען אזוי רעאַליסטיש, אזוי אמת פאַר'ן עולם, וואָס האָט דאָ אויפ'ן פּלאַץ, פאַר די אויגן, געהאַט א לעבעדיקן ביישפּיל ווי אזוי „מאָסקווע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין שום מיטל" צו האַלטן טראָצקי'ן שטום. דער אמת פון די דאָזיקע ווערטער האָט געהאָלפן מאַכן די גאַנצע רעדע אמת'ער און באַגלויבטער. כאָטש מיט איר בליציקער לאָגיק, גוואַלדיקער דראַמאַטישקייט און טיפן מענשלאַכן פּאַטאָס האָט זי געקלונגען גענוג אמת און איבערצייגנדיק. יעדער וואָרט אין איר איז געווען האַרט, געזונט און וואָגיק ווי א שטיין, און ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז האָט זיך צוזאַמענגעלייגט א שטיין צו שטיין, ביז עס איז אויסגעוואַקסן אזא מעכטיקער, אזא גוואַלדיקער בנין, אז די גאַנצע מאַכט פון סטאַלינ'ס דיקטאַטור ווערט, דוכט זיך, ניט קלעקן אים אומצעוואַרפן. עס איז געווען א היסטאָרישע רעדע פון ערשטן ראַנג, א רעדע וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף א גאַנצן רעזשים — איין מענש קעגן א וועלט־מלוכה, וואָס דעקט א זעקסטל פון דער וועלט! די

רעדע קען פארגליכן ווערן נאָר מיט סאָקראַטעס׳עס פאַרטיי־דיגונגס־רעדע אין אַמאָליקן גריכנלאַנד — אַזוי שיין, אַזוי מאָראַליש הויך, אַזוי גוואַלדיק ווי יענע, נאָר אָנרירנדיק נאָך ברייטערע און טיפערע פונדאַמענטן ווי יענע.

„פאַרוואָס שרעקט זיך אַזוי מאָסקווע פאַר דער שטימע פון אַן איינציקן מענטש?" — פרעגט טראָצקי אין דער רעדע און ער ענטפערט: „נאָר דערפאַר, וואָס איך ווייס דעם אמת, דעם גאַנצן אמת. נאָר דערפאַר וואָס איך בין גרייט צו דערשיינען פאַר אַן עפנטלאַכער און אומפּאַרטיי־אישער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע מיט דאָקומענטן, פאַקטן און עדות און אויפדעקן דעם אמת ביז׳ן סוף. איך דער־קלער: אויב די קאָמיסיע וועט באַשליסן, אַז איך בין אין דעם קלענסטן גראַד שולדיק אין די פאַרברעכנס, וואָס סטאַלין לייגט אויף מיר ארויף, פאַרפליכט איך זיך פאַראויס זיך איבערצוגעבן פרייוויליג אין די הענט פון די הענקערס פון דער גע־פּע־או. דאָס, האָף איך, איז קלאָר. האָט איר אַלע געהערט? איך מאַך די דאָזיקע דערקלערונג פאַר דער גאַנצער וועלט. איך בעט די פרעסע צו דרוקן מיינע ווער־טער אין די ווייטסטע ווינקלען פון דעם ערד־קוגל. אָבער אויב די קאָמיסיע וועט פעסטשטעלן — איר הערט מיך? — אַז די מאָסקווער פּראָצעסן זיינען אַ באַוואוסטזיניקער און פאָראויסגעפּלאַנטער בלבול, צונויפגעבויט פון די ביינער און נערוון פון מענשלאַכע וועזנס, וועל איך ניט פאַרלאַנגען, אַז מיינע באַשולדיקער זאָלן זיך שטעלן פרייוויליק אונטער דעם הענקער׳ס ביקס. ניין, די אייביקע שאַנדע אין דער געדעכעניש פון מענשלאַכע דורות וועט זיין גענוג פאַר זיי!"

איין שטיק פלאַם פייער איז געווען די רעדע, איין שטיק גליאיקע לאָגיק, פול מיט בליצן פון צאָרן און דונערן פון מעכטיקן פּראָטעסט. עס איז געשטאַנען פאַר אייער גייסטיקן אויג אַ שמשון הגבור, וואָס האָט געטרייסלט די זיילן פון סטאַלינ׳ס ממשלה! „די מאָסקווער פּראָצעסן האָט ער געזאָגט, זיינען אַ סיגנאַל. אַן אָפענער רעוואָלוציאָ־נערער קאַמף צווישן דעם פאָלק און דער נייער דעספּאָטיע

איז אומפארמיידלאך. סטאלינ׳ס רעזשים איז פאר׳משפט!״

עס איז ניט געווען קיין טראָצקיסטישער עולם, נאָר אַן אַלגעמיינער. מען האָט געהערט אזא פראזע ווי: „ווען טראָצקי איז אין מאַכט, וואָלט ער מסתמא געטאָן דאָס זעלבע מיט סטאַלינ׳ען, אָבער דעמאָלט וואָלטן מיר אויך געווען ביים מיטינג זיך אַנצוזעמען פאר סטאַלינ׳ען. ס׳איז איצט א פראגע פון אמת.״ אזעלכע אויסדריקן זיינען בפירוש געהערט געוואָרן אין עולם.

עס איז געוואָרן א געוויינלאכע פראזע, אז די רוסישע רעוואָלוציע האָט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע, אז די מאָסקווער פראָצעסן האָבן ניט קיין גלייכן צו זיך, א. אז. וו. דער טראָצקי־מיטינג אין היפּאָדראָם האָט אויך קיין גלייכן ניט צו זיך אין דער געשיכטע!

שטעלט זיך פאָר די אומשטענדן פון דעם מיטינג אליין: א מענש, א געפאנגענער אין א וויטן לאנד, טרעט אויף פאר אַן עולם וואָס געפינט זיך דריי טויזנט מייל וויט פון אים! ער קען ניט אויפטרעטן אין פערזאָן, נאָר מיט זיין שטימע דורך די מיטל פון דער מאָדערנער וויסנשאפט. ער טרעט אויף זיך צו פארטיידיקן און אָנקלאָגן. ער פאָדערט זיין רעכט זיך ריינצוואוואשן פון דעם שוידערלאכסטן פארברעכן. ער קלאָגט אָן א רעזשים, וואָס האָט אויפגע־טרייסלט די וועלט. זיינע שונאים אין צוויי לענדער ליגן איין וועלטן נישט צו לאָזן אים קומען צום וואָרט. מען ריכט זיך אויף סקאנדאלן און אומרוען אין זאַל, נאָר דער עולם שרעקט זיך ניט און שטראָמט אין זאל אריין אין די טויזנטער און טויזנטער, גרייט אויף דאָס ערגסטע. און דער זאַל איז פול ווי אַן אויג, פון ווייטסטן ווינקל ביז׳ן ווייטסטן ווינקל, פול מיט מענטשן נייגעריקע, געשפּאנטע, מיט גרויסן ערנסט און טיפן באוואוסטזיין פון א גרויסן, ערנסטן היסטאָרישן מאָמענט. ווירקלאך, אזא פארזאמלונג איז נאָך ניט געווען.

דער מיטינג עפנט זיך צו דער מינוט. אויף די ווענט הענגען בלויז צוויי אויפשריפטן, איינפאכע, קלאָרע, אָבער

פאר וועלכע דורות האָבן געקעמפט און בלוט פארגאָסן. איין אויפשריפט זאָגט: „באשיצט דאָס אזיל־רעכט פון פּאָליטישע פארפאָלגטע!" די צווייטע אויפשריפט זאָגט: „זאָל דער אמת ארויסקומען!" עס טרעטן־אויף די ערשטע רעדנער. א נעגער, א פּראָפעסאָר אין דער נעגערשער האוארד אוניווערזיטעט, עמעט אי. דאָרסי, איז פאָרזיצער און ערש־טער רעדנער. מר. דאָרסי דערקלערט, אז ער איז ניט לאנג צוריק געווען אין סאָוועט־רוסלאנד. ער איז א קאָמוניסט. ער איז א פריינט פון סאָוועט־רוסלאנד, זאָגט ער, פאר א סך זאכן, ספּעציעל פאר איר קאמף קעגן ראסן־פאָראורטיילן. אָבער דאָס מיינט ניט, זאָגט ער, אז מיר דארפן פארשווייגן די עוולות, וואָס ווערן געטאָן אין סאָוועט־רוסלאנד.

עס רעדט א זון פון א ראַסע, וואָס ווייס דעם טעם פון אומגערעכטיקייט און דעם גאנג פון פאלשע געריכטן. זיינע ווערטער זיינען רואיק, געוואויגן און געמאָסטן, אָבער זיי בלאנקען ווי חלפים.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דער עולם דערוואַרט, אז אויב קאָמוניסטן זיינען געקומען צו שטערן דעם מי־טינג, וועלן זיי זיך ביי די דאָזיקע ווערטער לאָזן דערפילן. אָבער ס'איז שטיל. דער פאָרזיצער אנאָנסירט, אז עס זיינען דאָ ספּעציעלע פארטרעטער פון דער „סיוויל ליבערטיס יו־ניאָן", וועלכע פארטיידיקט אַלע מאָל קאָמוניסטן, אכטונג צו געבן און צו זיין עדות, אויב די קאָמוניסטן וועלן דאָ פּרוּוון זייערע באוואוסטע שטיק. א רעדנער דערמאָנט די קאָמוניסטן, אז זיי האָבן זיך נאָך ניט אָפּגעוואַשן פון דער שאנדע, וואָס זיי האָבן צעשטערט דעם סאָציאַליסטישן מי־טינג אין מעדיסאָן סקווער גארדן נאָך דעם פאשיסטישן זיג איבער די ארבעטער אין עסטרייך. נאָר קיין פּיפּס פון די קאָמוניסטן אין זאל.

דערנאָך רעדט א פארטרעטער פון דער סאָציאַליס־טישער פּארטיי. ער רעדט אין דעם זעלבן זין. ער זאָגט, אז דער אמת אין די מאָסקווער פּראָצעסן מוז דערגרונטעוועט ווערן. עס האנדעלט זיך דאָ ניט בלויז אין סטאַלינ'ען און

טראָצקי׳ן, נאָר אין דעם גאנצן ארבעטער־קלאַס פון דער וועלט און אין דעם גאנצן שיקזאַל פון סאָציאַליזם. שוין טייטלט די בורזשואַזע וועלט מיט די פינגער אויף סאָוועט־רוסלאַנד און זאָגט: זעט ווי אַזוי דער ארבעטער קלאַס איז אומפּייאיק צו רעגירן און קאָן ניט בויען קיין נייע געזעל־שאַפט. מיליאָנען ארבעטער, זאָגט דער רעדנער, זיינען צע־טומלט. זיי ווילן ניט צושטיין צו דער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג סיידן דער גאַנצער אמת וועט אויפגעדעקט ווערן, און זיי ווילן גייסטיק בארואיקט ווערן. און נאָך אַלץ קיין סימן ניט פון קאָמוניסטישע שטערער.

דער מיטינג דערהויבט זיך אין שוואונג און פייער־לאַכקייט, ווען עס טרעט אויף צו ריידן אנדזשעליקא באַלאַ־באַנאָווא, די ערשטע סעקרעטאַרין פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. לענין אַליין און טראָצקי, דערקלערט זי, האָבן זי בשטימט אַלס סעקרעטאַרין פון דעם דריטן אינ־טערנציאָנאַל. זי איז אַ פרוי פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ קאָפּ כמעט אינגאַנצן גרוי. זי איז אַ אידישע, שטאַמט פון רוס־לאַנד, און איז אַזוי טיפּיש אידיש, אַז ווען זי האָט זיך אויפ־געשטעלט פאַר דער רעדנער־בימע, האָט איר געקאָנט מיינען, אַז דאָס שטעלט זיך אַ פרומע אידישע מאַמע בענשן ליכט. און ווען זי האָט זיך פאַנאַנדערגעפייערט אין איר רעדע און איר שטימע האָט גענומען קלינגען פול מיט גע־וויין, האָט זי אויסגעזען פאַר׳ן באַלעמער ווי אַ פאַר־צווייפלטע אידישע מאַמע, וואָס איז געקומען אויפרייסן דעם ארון־קודש און מרעיש עולם זיין אויף אַ גרויס אומגליק.

„איך בין געוואָרן אויס סעקרעטאַרין פון קאָמוניס־טישן אינטערנאַציאָנאַל — האָט זי אָנגעהויבן — דערפאַר וואָס איך האָב נאָך מיט פופצן יאָר צוריק איינגעזען, אַז עס גייט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צו אַ גרויסן אומגליק. און דאָס אומגליק איז איצט דאָ! איך בין ניט קיין טראָצקיסטקע, איך בין אפילו ניט קיין פריינט מיט טראָצקי׳ן, קיינמאָל ניט געווען, אָבער איך קען ניט לעבן

אַז דעם אמת! — איר אויך ניט, קיינער ניט! — דער אמת מוז אויפגעדעקט ווערן!

מיין גאנץ לעבן — האָט זי געיאָמערט — האָב איך אָפּגעגעבן אויף פּראָטעסטירן קעגן צאַריזם, קעגן פּאָגראָמען, קעגן פאַשיזם, און ווי באַליידיגט און דערנידעריקט איך פיל זיך היינט, אַז איך דאַרף דאָ פּראָטעסטירן קעגן אַן אַרבעטער־רעגירונג, קעגן אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג! איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נאָך ניט איבערגעלעבט אַזאַ שאַנד און אַזאַ ווייטאָג! און וועגן דער שולד פון די פּאַר'משפט'ע קאַמעגעוו, זינאָוויעוו, ווייל איך אַפילו ניט ריידן, ווער רעדט נאָך פאַרטיידיקן זיי. עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר מיר, פאַר אייך און פאַר'ן אָנדענק פון די אומגעקומענע קרבנות גאָר צו ריידן פון שולד!"

אַזוי האָט זי געיאָמערט, די אומגליקלאַכע קאָמוניסטישע אידישע מאַמע...

און פון קיין קאָמוניסטישע שטערער נאָך אַלץ ניט קיין פּיפּס.

דערנאָך האָט גערעדט שאַכטמאַן. אַ פּראַכטפולע רעדע. אַ פּראַכטפולער אַנאַליז פון אייניקע מאָמענטן אין די מאָסקווער פּראָצעסן. ער באַווייזט אייניקע לעכערלאַכע ווי־דערשפּרוכן, און דער עולם קאַטשעט זיך טאַקע פון געלעכטער. ער מעלדט אַ נייעס: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין מעקסיקאָ האָט זיך נאָר־וואָס געווענדט צום פּרעזידענט מיט אַ פאָדערונג, אַז טראָצקי זאָל אַרויסגעשיקט ווערן פון מעקסיקאָ. ער הויבט אויף אין דער הויך אַ פאַשיסטישע צייטונג פון מעקסיקאָ און אַ קאַטוילישע און ווייזט, אַז זיי אויך, אין גרויסע בוכשטאַבן, פאָדערן דיזעלבע זאַך. און אַפילו אויפ'ן זעלבן גרונט: ווייל אי מעקסיקאָ אי סאָוועט־רוס־לאַנד באַלאַנגען ביידע צו דער פעלקער־ליג, און טראָצקי איז אַ פיינט פון סאָוועט־רוסלאַנד! און דער רעדנער פרעגט, צי וואָלט ניט אויפ'ן זעלבן גרונט מוסאָליני געקאָנט פאָדערן פון פראַנקרייך די אַנטי־פאַשיסטישע פּליכטלינגען פון איטאַליע? צי ווערט ניט דערמיט אונטערגעגראָבן

דאָס פּאָליטישע אַזיל־רעכט אין דער וועלט? און פּייערלאַך דערקלערט ער, אַז אַלץ וואָס ווערט פאַרלאַנגט פאַר טראָצקי׳ן איז אַן אומפּאַרטייאישע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. מיר זיינען ווילִיג, האָט ער אויסגערופן, אַז אפילו קאָמוניסטן זאָלן זיין אין דער קאָמיסיע, נאָר מיט איין תנאי: זיי זאָלן ניט זיין די מאַיאָריטעט. קען נאָך זיין עפּעס גערעכטער ווי דאָס?

ער האָט געענדיקט נאָך 10 אַזייגער. ער האָט צוגעפירט צום סאַמע דראַמאַטישן מאָמענט — צו 10 מינוט נאָך 10, ווען טראָצקי׳ס רעדע פון מעקסיקאָ האָט זיך געזאָלט אָנהויבן. ער האָט געבעטן: אַפּלאָדירט ניט, מאַכט ניט קיין אָוואַציעס: טראָצקי וועט זיי סאַי־ווי ניט הערן און ער וויל עס ניט. עס וועט נאָר אָוועקנעמען טייערע צייט. איר וועט נאָר זיך אַליין שטערן צו הערן זיינע רייד. און ער רופט אויס מיט אַ דראַמאַטישן קול:

„איך שטעל אייך פאָר לעאָן טראָצקי!”

ניטאָ קיין ווערטער צו באַשרייבן די שטימונג און די שטילקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם ביי דעם דאָזיקן אויסרוף. עס זיינען גאָרניט באַשאַפן געוואָרן קיין ווערטער פאַר אַזאַ שטימונג, ווייל אַזאַ שטימונג איז נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען. אַזאַ מיטינג, אַזאַ געלעגנהייט איז נאָך קיינמאָל פריער ניט געווען. באַלד וועט זיך דערהערן אַ שטימע. פון טויזנטער מייל וועט זי קומען, פון אַ גלות אַרויס, אַ שטימע, וואָס האָט אַמאָל באַפוילן רויטע אַרמייען און זיי זיינען געלאָפן מיט פרייד און באַגייסטערונג אַנטקעגן טויט; אַ שטימע, פאַר וועלכער טראָנען, פעלקער, די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם האָט געציטערט, און איצט קומט זי פון ערגעץ פון אַ „שטייג” און בעט זיך נאָר: הערט מיך אויס... איך וויל גערעכטיקייט... זיבן טויזנט אָטעמס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיבן טויזנט פּאָר אויערן אָנגעשפּיצט, פון וואַנען וועט זי קומען, די שטימע, פון וועלכן ווינקל וועט זי זיך דערהערן? אַ סך פון די אָנוועזנדיקע האָבן די שטימע שוין געהערט אַמאָל, ווען זי האָט קאָ־

מאנדעווע‌ט, ווען זי האָט באַפוילן, ווען זי האָט געצונדן אַ לאַנד און אַ וועלט, ווי וועט זי קלינגען איצט אין גע־פאַנגענשאַפט? אַנדערע האָבן געוואַרט צו הערן זי צום ערשטן מאָל — די היסטאָרישע שטימע אין אַ היסטאָרישער רעדע.

אַזאַ שפּאַנונג — קיין טעאַטער, קיין פאַרזאַמלונג האָט קיינמאָל נאָך אַזעלכעס ניט געהאַט. מען וואַרט אַ מינוט. שטיל. נאָך אַ מינוט. שטיל. נאָך צוויי מינוט. שטיל. אַ רעליגיעזער פּחד ליגט אויף אַלעמען. און עס דערפילט זיך אַ מאָדנע נערוועזיטעט. הונדערטער הענט מיטאַמאָל הויבן אָן אַרויסנעמען זייגערלאַך. עפּעס אַ שטילע היסטעריקע כאַפּט אַרום דעם עולם. ס'איז שטיל, אָבער די שטילקייט רעדט. די שטילקייט רעדט אַ גוואַלדיקע רעדע. נאָך אַ מינוט. שטיל. און אַ שטומע זשומעריי צעטראָגט זיך איבער'ן זאַל, ווי אַ ווינט האָט אַ מיש געטאָן אַ וואַלד מיט בלעטער.

נאָר אָט גיט דער פאָרזיצער אַ מאַך מיט דער האַנט. דער עולם לעבט אָפּ. ער אַנאָנסירט: דער סיגנאַל איז שוין אַרויס פון דאַנען קיין מעקסיקאָ. יעדע סעקונדע קען זיך דערהערן טראָצקי'ס שטימע. זייט גרייט . . .

דער עולם וואַרט ווייטער. נאָך אַ מינוט — שטיל. נאָך צוויי מינוט — שטיל. יעדע מינוט איז לאַנג ווי דער אי־דישער גלות. ווי טראָצקי'ס גלות. ס'ווערט שווער צו טראָגן אַזאַ לאַסט. שטילקייט זאָל זיין אַזוי שווער אויף דער וואָג! עס כאַפּט אָן אַן אמת'ער פּיין, ממש אַ פיזישער ווייטאָג.

און אָט קומט די ערשטע ידיעה — די טעלעפאָן־דראָטן, דוכט זיך, קאַליע. אַ צווייטע ידיעה — יאָ, קאַליע. אָבער מען אַרבעט פלייסיק צו פאַריכטן.

אַזוי, האָבן זיי טאַקע איבערגעשניטן די דראָטן? — ווערט אַ שעפּטשעריי — טאַקע ווי עס זיינען אומגעגאַנגען קלאַנגען? די דראַמע ווערט דראַמאַטישער, די דריקעניש נאָך דריגענדיקער. דער פאָרזיצער וויל דערלייכטערן און ער דערקלערט, אַז דער טעקסט פון דער רעדע איז דאָ, און

ער נעמט צו אַן אָפּשטימונג: זאָל ער דערוויי̈ל אָנהויבן לייענען די רעדע ביז דער טעלעפאָן וועט פאַריכט ווערן, אָדער דער עולם וויל בעסער וואַרטן?

„וואַרטן, וואַרטן! — פאַרהילכט דער זאָל — אפילו א גאַנצע נאַכט!"

און מען וואַרט. ווי עפּעס אויף א מיסטישער אָנט־פּלעקונג וואַרט מען, אויף א קול פון אן אַנדער וועלט, אָדער גאָר ווי אויף א דונער, וואָס מען ווייס דאַרף אָט־באַלד אַריינפאַלן אין דעם זאָל און מען ווייס ניט וועמען ער וועט טרעפן. ס'איז שטיל. זיבן טויזנט מענטשן זיינען שטיל. זיבן טויזנט טויב־שטומע. וואָס פאַרא שרעקלאַכע שטי־מעניש! א פאַל פון א שפּילקע און די נערוון קענען פּלאַצן און ס'קען אויסברעכן א היסטעריקע. און וואָס קען דאָ ווערן — א פּאַניקע, א געלאַף, א געיאָמער, א רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, א מאַסן־געשריי פון א מאַסן־ווייטאָג? עס שרעקט און עס ציט, עס טרייבט אייך אוועק פון דאַנען, אַרויסלויפן ווי פון א מורא'דיקן צוואַנג, נאָר עס האַלט אייך צוגעשמידט. זיבן טויזנט מענטשן האַלטן איינער דעם אַנדערן איינגעשמידט אַזוי ווי שטיינער אין א מויער, און דער צעמענט איז נאָר אָטעם, און דער מויער איז דאָך פעסט ווי א פעלז, נישט צו רירן. קיין פינגער רירט זיך ניט!

ווירקלאַך, אַזעלכס איז נאָך ניט געווען!

און פּלוצלינג דערהערט זיך: „העלאָו! העלאָו!" און עטלאַכע אומקלאָרע ווערטער. און דער עולם גיט זיך א צאַפּל: עס קומט! עס קומט! אָבער באַלד איז עס ווידער שטום. א נייע „בולעטין": די טעלעפאָן קאָמפּאַניע, מיט טראָצקי'ן שוין אין מעקסיקאָ סיטי, פּרוּווט אָנקניפּן א פאַרבינדונג אויף אַן אַנדער וועג. און דער עולם האָט ווייטער גענומען וואַרטן.

און פון די קאָמוניסטן נישט קיין פּיפּס.

ווידער א לאַנגע, פּיינלאַכע וואַרטעניש. קיינער פון עולם רירט זיך ניט פון אָרט. ענלדאָך הויבט מען דאָך אָן

לייענען. מען באריכט פון מעקסיקאָ אַלע ווײַלע און מען לייענט ווײַטער. דער עולם ווערט פאַרכאַפּט. מען פאַרגעסט כמעט אָן דעם טעלעפאָן! דער עולם זיצט פאַר׳כישוף׳ט. מען פאָלגט נאָך טראָצקי׳ס רייד, געדערט מיט אַ פרעמדן מויל, ווי עפּעס אַ הייליקע תפלה געזאָגט פון אַ פרומען שליח־ציבור אין עפּעס אַן ערנסטן און הייליקן מאָמענט, אויף וועלכן עס הענגען גרויסע ישועות אָדער, חלילה, גרויסע אומגליקן פאַר דער וועלט. און עס צעוואַקסט זיך דאָס לייענען און עס שטייגט די רעדע, עס שטייגט דער פּראָטעסט, עס הויבט זיך דער געשריי, עס רופט אַ מענטש נאָך יושר, עס באַשולדיקט אַ מענטש זיינע באַשולדיקער, עס רופט די גערעכטיקייט אַ מעכטיקן רוף!

עס זיצן די מענטשן פאַרגאַפטע. זיבן טויזנט פּאָר אויערן זיינען אָנגעשטעלט, זיבן טויזנט אָטעמס לויפן, זיבן טויזנט הערצער קלאַפּן אין טאַקט און טאַנצן נאָך די ווער־טער אין זייער גוואַלדיקן און מורא׳דיקן ריטם. ניט קיין ווערטער זיינען עס: דאָס קלאַפּן די שווערע טריט פון דער היסטאָריע, דאָס ראָלן די רעדער פון וועלט־שיקזאַל!

איבער אייער פּנים האָט דורכגעבלאָזן דער ווינט פון דער געשיכטע...

קיין מענטש האָט זיך ניט באַוועגט, קיין פינגער האָט זיך ניט גערירט, ביז די לעצטע קלאַנגען פון דעם לייענען האָבן פאַרקלונגען, ביז נאָך האַלבער נאַכט, ביז נאָך חצות...

און טראָצקי האָט ניט גערעדט. און די דערוואַרטע קאָמוניסטישע שטערער האָבן ניט געשטערט. און נאָך האַלבער נאַכט איז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס זיי זיינען געווען אַזעלכע שטילינקע: וואָס האָבן זיי געדאַרפט שטערן, אַז אַ פויגעלע האָט עס פאַר זיי געטאָן?

און טראָצקי האָט ניט גערעדט! אָבער וואָס פאַרא רעדע דאָס איז געווען!

„נאַצי, מיין ברודער!"

נעכטן, ממש ערשט נעכטן, האָבן די קאָמוניסטן גע־שריבן:

וואַרט, וואַרט און איר וועט זען וואָס די סאָציאַליסטן וועלן נאָך אָפּטאָן! זיי וועלן נאָך גיין אַרבעטן צוזאַמען מיט די נאַציס און פאַשיסטן!

דערמאָנט זיך דעם פאַל „מאַנטשעסטער גאַרדיען". אין דער ענגלישער צייטונג האָט זיך איינמאָל באַוויזן אַ קלאַנג, אַז היטלער האָט זיך געווענדט צו די געוויסע דייטשע סאָציאַליסטישע פירער מיט אַ פּלאַן צו גרינדן ניט־פּאָליטישע טרייד־יוניאָנס. דער באַריכט האָט ווייטער דער־ציילט, אַז היטלער'ס פּאָרשלאַג איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער סאָציאַליסטישער עקזעקוטיווע אין פּראַג, און אַז וועלז איז געווען דערפאַר, מען זאָל מיט היטלער'ן פאַר־האַנדלען.

די קאָמוניסטן האָבן אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג, ווי אַ טייערן אוצר און זיי האָבן אויפגעהויבן קעגן די סאָציאַ־ליסטן אַ געוואַלט ביז'ן הימל:

— זעט, די סאָציאַליסטן ווילן גיין אין היטלער'ס יוניאָנס!

וועלז איז אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלערונג און האָט געלייקנט די געשיכטע פון אָנהויב ביז'ן סוף. אָבער עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, די קאָמוניסטן האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס. פאַרקערט, זיי האָבן זייער געשריי באַפעסטיקט נאָך מיט אַנדערע „פאַקטן", אויפגעכאַפּט פון דאַנען און פון דאָרט און זיי צוטראָגן אויף טעלערלאַך, באַזאַלצט און באַפעפערט מיט זידלערייען אויף די סאָציאַ־ליסטן, וועלכע וועלן „מעגלאַך" און „אפשר" און „מסתמא" גיין אַרבעטן מיט די פאַשיסטן.

און זיי האָבן, נאָך אַזוי שפּעט ווי 1936, געשריבן, אַז: „די מעגלאַכקייט איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז צוליב זיינע שוועריגקייטן וועט דער פאַשיזם זיך מעגלאַך ווענדן

נאָך מיטאַרבעטערשאַפט צו אַ טייל פון דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער און דער אַלטער טרייד־יוניאָן פירערשאַפט", און אין אָפיציעלע טעאָריעס און אָפיציעלע פּראָקלאַמאַציעס, האָבן זיי געוואָרנט:

„קיין אילוזיע קען נישט זיין מער געפערלאַך, ווי די אילוזיע, אַז דער פאַשיזם קאָן צוריקטרעטן אָן אַן אַנט־שיידנדיקן קאַמף, אָדער אַז די פאַשיסטישע געפאַר קאָן ווען עס איז באַזיגט ווערן אויף אַן אַנדער אופן, ווי דורך דער אַרבעטער־רעוואָלוציע און דער עטאַבלירונג פון דער דיק־טאַטור פון אַרבעטער־קלאַס".

אַזוי האָבן זיי געשריבן נעכטן, בוכשטעבלאַך נעכטן. איר קענט עס לייענען אין הונדערטער צייטונגען און בראָ־שורן זייערע, איר קאָנט די אויבנגעבראַכטע ציטאַטן גע־פינען וואָרט אין וואָרט אין זייער אָפיציעלער געשיכטע פון פאַשיזם, „פאַשיזם און סאָציאַלע רעוואָלוציע", (איד־ביוראָ, זייט 19), געדרוקט אין 1936.

און אין זעלבן יאָר 1936—וואָס פאַר אַן איבערקערע־ניש! די קאָמוניסטן האָבן זיך געווענדט צו די נאַצים אין דייטשלאַנד און צו די פאַשיסטן אין איטאַליע מיט אַן אָנבאָט צו גיין אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען!

איר וואָלט עס נישט געגלויבט ווען איר הערט עס; ווען איר זעט עס נישט שוואַרץ אויף ווייס אין דעם אָפי־ציעלן אָרגאַן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!

וואָס איז אַזוינס געשען פון 1936 ביז 1936?

אויב עפּעס איז געשען, זיינען דאָס געווען גראָד אַזעל־כע זאַכן, וואָס האָבן געדאַרפט נאָך מער דערווייטערן דעם געדאַנק פון אַ פאַראייניגונג מיט די פאַשיסטן. פון איין זייט האָבן די פאַשיסטן אין אַ גאַנצער ריי לענדער געקראָגן שווערע מפּלות. די רעגירונג פון לעאָן בלום האָט אָפּגע־שוואַכט דעם פאַשיזם אין פראַנקרייך. די וואַקסענדיקע סאָציאַליסטישע דערפאָלגן אין די סקאַנדינאַווישע לענ־דער האָבן נאָך ווייטער צוריקגעשטויסן די פאַשיסטישע עלעמענטן דאָרטן. אין דייטשלאַנד זיינען אויפגעשטאַנען

נייע גוואַלדיקע אינערלאַכע שוועריקייטן פאַר דעם נאַציזם רעזשים. אין ענגלאַנד איז אויך דער פאַשיזם צוריקגעשלאָגן געוואָרן, און דער גוואַלדיקער רוזוועלט־זיג אין אַמעריקע איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר׳ן פאַשיסטישן געדאַנק איבער דער גאַנצער וועלט. פרעגט זיך: איז די צייט, ווען דער פאַשיזם איז אומעטום אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַ צייט פון גיין שלום מאַכן מיט אים?

פון דער אַנדערער זייט האָט דער פאַשיזם אין דער צייט אָפּגעטאָן נייע, אַזעלכע העסלאַכע שאַנד־טאַטן, אַז די פאַראַכטונג און דער האַס צו אים זיינען נאָך טויזנט־פאַך געוואַקסן צווישן אַרבעטער און אַלע פאָרגעשריטענע מענטשן. מיר מיינען דאָ, די פאַשיסטישע פאַרניכטונג פון עטיאָפּיע, און דעם רוצח׳ישן פאַשיסטישן אויפשטאַנד אין שפּאַניע.

און בשעת דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון עטיאָפּישן פאָלק איז נאָך ניט פאַרטריקנט געוואָרן אין די עטיאָפּישע זאַמדן; בשעת דאָס בלוט פון די שפּאַנישע מאַסן האָט זיך נאָך געגאָסן שטראָמענווייז דורך דער פשיסטישער שווערד — אָט אין דער צייט האָבן די קאָמוניסטן אויסגעקליבן אויסצושטרעקן אַ „ברידערלאַכע האַנט" צום פאַשיזם.

אַזוי זאָגן זיי בפירוש: אַ ברידערלאַכע האַנט...

מוסאָליני׳ן האָבן די קאָמוניסטן נאָך געמאַכט אַ גאַנץ באַזונדערן קאָמפּלימענט, ווען זיי האָבן דערקלערט דירעקט, אַז זיי „נעמען אָן זיין פאַשיסטישן פּראָגראַם פון 1919, וואָס איז — זאָגן זיי — אַ פּראָגראַם פון פרייהייט".

מוסאָליני שרייט די גאַנצע צייט, אַז דער פאַשיזם איז פרייהייט, די אמת׳ע פרייהייט. דאָס אייגענע זאָגט היטלער וועגן נאַציזם. נאָר די וועלט האָט געלאַכט פון זיי, און די קאָמוניסטן, ווי זייער שטייגער איז, האָבן געלאַכט העכער פון אַלעמען. לסוף האָבן די קאָמוניסטן געבראָכן דעם וועלט־פראָנט. זיי האָבן די ערשטע צוגעלייגט צום פאַשיזם דעם שטעמפּעל: פרייהייט.

נו, זיינען מיר שוין געוואוינט אויף איבערקערענישן

ביי די קאָמוניסטן, אַז וואָס ס'איז ביי זיי היינט יאָ איז מאָרגן ניין, און היינט ניין איז מאָרגן יאָ. ניט די קאָמוניסטן שעמען זיך שוין מיט אַזוינע זאַכן, ניט דער עולם ווערט שוין איבעראַשט דערפון. אָבער זייער פּלוצים'דיקער קער צום פאַשיזם איז ניט קיין געוויינלאַכער שפּרונג פון ניין צו יאָ. עס איז איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון קאָמוניזם, אפשר די וויכטיקסטע זינט דעם טאָג, ווען זיי האָבן צעשפּאָלטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין צוויי אינטערנאַציאָנאַלן. וואָרים דאָס שטעלט אַוועק דעם קאָמוניזם מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און ווישט אָפּ מיט איין קלאַפּ אַלע זייערע ביז־איצ־טיקע טעאָריעס און זייער גאַנצן פּראַקטישן פּראָגראַם.

וואָס איז די באַדייטונג פון דער נייער קאָמוניסטישער טאַקטיק?

אויפ'ן גרונט פון די קאָמוניסטישע דאָקומענטן, וואָס באַציען זיך אויף דעם ענין קען די באַדייטונג אויסגעדריקט ווערן אַזוי:

די קאָמוניסטן האָבן איינגעזען, אַז זייער באַוועגונג איז אין אַלע לענדער געוואָרן אָפּגעשוואַכט און אין די פאַשיסטישע לענדער איז זי געוואָרן מאַכטלאָז. זיי האָבן אויך איינגעזען, אַז דער פאַשיזם איז אַ צו האַרטע נוס, און וועט זיך נישט לאָזן צעקנאַקן אַזוי גרינג, ווי זיי האָבן אין אָנהויב געמיינט, ווען זיי האָבן געשריען: זאָל דער פאַ־שיזם קומען, נאָך אים קומען מיר! האָבן זיי באַשלאָסן: אַז מען קען ניט אריבער מוז מען אַרונטער, און זיי זאָגן איצט: לאָמיר דעם קאָמוניזם דערווייל אַוועקלייגן אָן אַ זייט און לאָמיר פּרובירען זיך איינלעבן מיט'ן פאַשיזם און זען, וואָס מ'קען מיט אַזאַ טאַקטיק מאַכן.

אַז דאָס איז דער גאַנצער זין פון זייער נייער פּאָליטיק, איז קלאָר פון יעדער שורה פון די ערשטע דריי אָפיציעלע קאָמוניסטישע דעקלאַראַציעס וועגן דער נייער טאַקטיק. איינע פון זיי איז די דעקלאַראַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון איטאַליע, דאָרט ווערט געזאָגט אָפנהאַרציק:

„דער מיליטערישער זיג אין אביסיניע האָט פאַר־שטאַרקט די שאָוויניסטישע טענדענצן, ספּעציעל ביי דער יוגנט, און די אויסזיכטן אויף אַ נאָענטן אָפענעם פּאָליטישן קריזיס זיינען פאַרשוואונדן".

דאָס זיינען קלאָרע דבורים.

און וויטער ווערט דאָרט געזאָגט:

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון איטאַליע באַטאָנט, אַז איר סאַמע לעצטער ציל איז אומצואווארפן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם אין איטאַליע, און אויפשטעלן אַ רעגירונג פון אַרבעטער און פּויערים, אָבער די פּאַרטיי אָנערקענט, אַז דאָס איז נישט דער ציל אין איצטיקן מאָמענט, וואָרים דאָס איז נאָך נישט געוואָרן דער ציל פון דער מערהייט פון פאָלק".

דאָס זיינען אויך קלאָרע דבורים.

די דאָזיקע שטעלן זיינען גענומען פון דער אָפיציעלער רעזאָלוציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון איטאַליע, געדרוקט אין דער אָפיציעלער צייטונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, „אינטערנעשאָנאַל פּרעס קאָרעספּאָנדענס" (אינפּרעקאָר) אָקטאָבער 24, 1936. די ציטאַטן ריידן קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן ניט זיין: קיין אויסזיכטן, אַז דער פאַשיזם זאָל פאַלן זיינען ניטאָ. פאַר'ן קאָמוניזם איז דאָס פאָלק נאָך ניט פאַרטיק, דעריבער: לאָמיר איבערלאָזן דעם קאָמוניזם פאַר דער אומבאַשטימטער צוקונפט און נעמען טראַכטן פון תכלית, פון אַ ציל אין דעם איצטיקן מאָמענט.

און וואָס איז דער ציל פון דעם איצטיקן מאָמענט?

„שלום און אחדות אין דעם איטאַליענישן פאָלק", זאָגט די זעלבע רעזאָלוציע. שלום און אחדות און „פאַר־ברידערונג" פון אַלע איטאַליענער, אַ פאַרשמעלצונג פון אַלע קלאַסן, אונטער'ן פאַשיסטישן רעזשים.

די קאָמוניסטן האָבן דאָ גאַנץ איינפאַך קאַפּיטולירט פאַר'ן פאַשיזם.

דער גרונט־שטיין פונ'ם קאָמוניזם איז אַלע מאָל געווען דער געדאַנק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קען, און דאַרף,

פארכאפן די מאכט. די גרעסטע זינד, פון קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט, איז געווען זיך אָפּצוזאָגן פון דעם געדאַנק, אַז דער ארבעטער־קלאַס קען פארכאפן די מאכט.

אָבער די קאָמוניסטישע דעקלאַראַציעס אין איטאַליע און אין ענלעכע דעקלאַראַציע אין דייטשלאַנד זיינען אַ מאַניפעסט, אַז די קאָמוניסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן געדאַנק.

שוין דער אויסדרוק אליין, „די מערהייט פון פאָלק", זאָגט עם דייטלאַך. די מערהייט פון פאָלק איז דעמאָקראַטיע, ניט פארכאפונג פון מאכט. אָבער די דעקלאַראַציעס ריידן נאָך אַ סך דייטלאַכער.

כדי מעגלאַך צו מאכן פאַר די קאָמוניסטן דאָס צוזאַמענשמעלצן זיך אין איין ברידערשאַפט מיט אַלע איטאַליענער, צייכנט אָן די איטאַליענישע קאָמוניסטישע פארטיי דריי הויפּט־וועגן פאַר זיך:

ערשטנס: „זי נעמט אָן, אַלס איר אייגענע פּראָגראַם, די פאשיסטישע פּראָגראַם פון 1919, וואָס איז געווען אַ פּראָגראַם פון פרייהייט".

צווייטנס: זי דערקלערט, אַז „די פאשיסטישע טרייד־יוניאָנס דאַרפן אָנערקענט ווערן אַלס די טרייד־יוניאָנס פון די ארבעטער אין דער איצטיקער לאַגע אין איטאַליע". אונטער די דאָזיקע יוניאָנס, זאָגט די רעזאָלוציע, האָבן די ארבעטער דערגרייכט געווינסן און קאָנען דערגרייכן נייע געווינסן.

דריטנס: די קאָמוניסטן טרעטן אריין „אין אַלע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון דעם פאשיסטישן רעזשים", און „וועלן צושטיין צו יענע פאשיסטישע פירער", וואָס שטרעבן צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון די מאסן. די קאָמוניסטן, זאָגט די רעזאָלוציע, וועלן אויך „אויסנוצן די אמטן" פון די פאשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער טובה פון דעם פאָלק.

יעדער וואָרט איז דאָ מיט גאָלד גליייך: מען טרעט אריין אין אַלע אָרגאַניזאַציעס פונ'ם פאשיסטישן רעזשים

אויף א גאַנץ נייעם באַזיס: ניט אויף דער קאָמוניסטישער פּראָגראַם, נאָר אויף א פּאַשיסטישער; ניט אויף אונטער־ערדישער אַרבעט, ווי ביז איצט, נאָר אויף אָפענער טעטיג־קייט; ניט אויף צו „בויערן", נאָר אויף צו פאַרברידערן; ניט אויף אָפּצורייסן די מאַסן פון די פירער, נאָר אויף צו „שטיצן די פירער", „צוצושטיין צו די פירער" און אויב מעגלאַך אליין ווערן פירער און באַאַמטע פון די פּאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

פאַרקריצט די ווערטער אין זכרון: „שטיצן די פּאַ־שיסטישע פירער", צושטיין צו די פּאַשיסטישע פירער". די קאָמוניסטישע דעקלאַראַציע אליין אין דעם „אינפּרעקאָר" אונטערשרייבט די ווערטער שטיצן און צושטיין.

דער גאַנצער קאָמוניזם ווערט דאָ פּשוט אַרויסגע־וואָרפן האַק און פּאַק, און א נייע, פּונקט א פאַרקערטע, פּאָליטיק ווערט אַוועקגעשטעלט. א פּאָליטיק ניט פון באַ־קעמפן דעם פּאַשיזם, נאָר פון איינלעבן זיך און איינמאָסטן זיך אין אים. דאָס איז ניט גלאַט א נייע טאַקטיק: עס איז אַן איבערקערעניש פון פונדאַמענטן. דער גאַנצער מאַרקסיזם ווערט דאָ אַוועקגעלייגט אָן א זייט. די אַרבייטער רעוואָלוציע און פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור — די צוויי גרונט־זיילן פון דער קאָמוניסטישער אַרבייטס־פּראָגראַם — ווערן פּאַררוקט אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט. אָנשטאָט קאַמף — שלום, אָנשטאָט פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — נאַציאָנאַלע איינהייט, אָנשטאָט דעם באַגריף פון קלאַסן — דער באַ־גריף פון א פאַרברידערטן „פּאַשיסטישן פּאָלק".

די אַלע דערמאָנטע קאָמוניסטישע דאָקומענטן זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט די ווערטער: פּאָלק, שלום, איינִיקייט, פאַרברידערונג, „רעקאָנסיליאַיישאָן" „פּאַרזענונג", וואָס מיינען אין אידיש — איבערבעטן זיך.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ריידן דערפון ווי פון א פאַרזוך אויף א פאַראייניקטן פראָנט פון די קאָמוניסטן מיט די פּאַ־שיסטן. אָבער דאָס איז א טעות. דאָס איז ניט קיין פאַר־אייניקטער פראָנט — דאָס איז פולשטענדיקער אונטערגעבן

זיך צום פאשיזם. ווענן א פאראייניגטן פראָנט איז שייך צו רעדן דאָרט, וואו צוויי פאַרטייען פארהאנדלען צווישן זיך ווי גלייכע, מאכן א שותפות אויף א געוויסער פראָגראם, אָבער אויסערהאלב יענער פראָגראם בלייבן זיי עקזיסטירן באזונדערע ווי פריער. אזוי האָבן די קאָמוניסטן אַלע מאָל פארשטאנען דעם פאראייניקטן פראָנט. אָבער אין דעם איצ־טיקן פאַל גייט עס ניט אין א פארהאנדלטן אָפּמאך צווישן די קאָמוניסטן און פאשיסטן. די פאשיסטן רעדן גאָרניט מיט די קאָמוניסטן וועגן דעם. ווען די קאָמוניסטן וואָלטן גע־קומען צו די פאשיסטן און געזאָגט: מיר, קאָמוניסטן... — וואָלטן זיי שוין ווייטער מסתמא גאָרניט געקאָנט רעדן. מען וואָלט זיי אָנגעגאָסן קאסטאָר־אויל אין די מיילער. דאָס רעדן אלץ די קאָמוניסטן צווישן זיך אליין, פאר זיך אליין, און זאָגן: קיין האָפנונג, אז דער פאשיזם זאָל פאלן איז ניטאָ; קיין האָפנונג, אז דער קאָמוניזם זאָל זיגן איז ניטאָ. טאָ לאָמיר זיין פראקטיש, אָנערקענען דעם פאקט, און אָנ־נעמען דעם פאשיזם, אָנערקענען זיינע יוניאָנס, ארייגגיין אין זיינע אָרגאניזאציעס ווי איטאַליענער, ווי ברידער, און זען, פון אינווייניק ארויס, ווי ווייט מעגלאך צו שטויסן דעם פאשיזם לינקס.

אין אנדערע ווערטער: די קאָמוניסטן אין איטאַליע ווילן ווערן דער לינקער פליגל פון דער פאשיסטישער פאַרטיי.

דאָס איז אַ גאנץ אנדער זאך, ווי א פאראייניקטער פראָנט.

זיי הויבן אָן מיט דער פאשיסטישער פראָגראם פון 1919.

זיי מאכן זי פאר זייער אייגענער פראָגראם.

וואָס שטייט דאָרט אזוינס אין דער פאשיסטישער פראָגראם פון 1919?

אפילו ווען דאָרטן זאָלן שטיין גאָלדענע בערג איז עס אויך ניט וויכטיק. וואָרים וויכטיק איז ניט אַ פּראָגראם מיט אירע צוזאָגעכצן, נאָר די מענשן און די כוחות, וואָס

שטייען הינטער איר. אַלע דעמאַגאָגן און אַלע פֿאָלקס־פֿאַר־פירער קומען מיט טייערע, גאָלדענע פּראָגראַמען.

אין 1919, איז נאָך געווען גאָר דער אָנהויב פֿון פֿאַ־שיזם. מוסאָליני האָט נאָך גאָרניט געהאַט קיין פּראָגראַם. פֿאַרקערט, ער האָט דעמאָלט ביי יעדער געלעגנהייט באַטאָנט, אַז דער פֿאַשיזם דאַרף נישט האָבן קיין שום אייגענע טעאָ־ריע און פּראָגראַם, נאָר בלויז קאָנקרעטע ליניעס און פֿאָ־דערונגען. זיין הויפּט־ליניע און הויפּט־געשריי איז געווען: „באַקעמפֿן יענע פֿינסטערע, פֿאַרברעכערישע דערשיינונג פֿון רעאַקציע, קאָנטר־רעוואָלוציע און אומפֿעאיגקייט, וואָס רופֿט זיך „באָלשעוויזם”. אַזוי האָט ער געשריבן דעם 18טן אַפּריל, 1919, אין „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ”. וואָס מוסאָליני האָט געוואָלט איז נאָר — מאַכט. ווי אַזוי צו קומען צו איר, האָט ער נאָך נישט געוואוסט גענוי, און ס'איז אים געווען אַלץ איינס: דורך רעוואָלוציע, אָדער קאָנטר־רע־וואָלוציע. האָט ער געטאַנצט אויףביידע חתונות, ווי עס איז שטענדיק געווען זיין מאָדע און טאַלאַנט צו אַרבעטן אין צוויי ריכטונגען מיט איינמאָל, כדי שטענדיק צו לאָזן פֿאַר זיך אַ צווייטן אויסוועג. אַזוי האָט ער אויך געהאַנדלט אין 1919. ער האָט דעמאָלט מיט איין האַנט גענומען ראַדי־קאַלע פֿראַזן ביי ראַדיקאַלן, און מיט דער אַנדערער — געלט פֿאַר זיין פֿאַשיזם ביי די קאַפּיטאַליסטן. פֿון איין זייט האָט ער געשמייכלט צו די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, האָט אַפֿילו דערמוטיקט די באַרימטע פֿאַרכאַפּונג פֿון די פֿאַבריקן דורך די אַרבעטער, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אויסגעאַרבעט פּלענער מיט די מיליטערישע פירער אויף צו דערשטיקן די אַרבעטער באַוועגונג, און דעם פּלאַן „צו מאַר־שירן אויף רוים”. אין יענע פּאַרלאַמענט־וואַלן פֿון 1919, ווען ער האָט אַרויסגעשטעלט זיין „פּרייהייט־פּראָגראַם פֿון 1919”, מיט כלומר'שטע פֿאָדערונגען פֿון הויכע שטייערן אויף די רייכע און קאָנפֿיסקירן די גיטער פֿון די קירכן־געמיינדעס, האָט די רעגירונג אים געשטיצט! און די אַרמיי־

אָפּיצערן האָבן פאַרשפּרייט זיין ציימונג אומזיסט צווישן די סאָלדאַטן!

דאָס זיינען היסטאָרישע פאַקטן, וואָס זיינען פאַרשריבן אויך אין דער קאָמוניסטישער ליטעראַטור וועגן פאַשיזם („פאַשיזם און סאָציאַלע רעוואָלוציע" זייטל 150).

מוסאָליני איז געווען און געבליבן אַן ערשט־קלאַסיקער פּאָליטישער שאַרלאַטאַן, און די איטאַליענישע אַרבעטער האָבן שוין דאָס דעמאָלט גוט געוואוסט. זיי האָבן דאָס גע־וואוסט נאָך פון דער צייט ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אים אויסגעשלאָסן פאַר פּאַרטיי־פאַראַט. און דעריבער האָבן זיי ניט גענומען ערנסט ניט אים, און ניט זיין „פּראָ־גראַם פון פרייהייט". דער בעסטער באַווייז איז, אַז אין יענע וואַלן פון 1919, האָט מוסאָליני'ס פאַשיסטישע פּאַרטיי קיין איין דעפּוטאַט ניט אויסגעקליבן פאַר'ן פּאַרלאַמענט, און מוסאָליני אַליין האָט געצויגן 4,795 שטימען, בשעת זיין סאָציאַליסטישער קעגנער האָט געקראָגן 180 טויזנט שטי־מען. צוויי יאָר שפּעטער האָט שוין מוסאָליני אַוועקגעוואָרפן יעדן אָנשטעל און האָט אַוועקגעשטעלט די פּראָגראַם, וואָס איז געבליבן די פאַשיסטישע פּראָגראַם ביז היינטיקן טאָג.

איצט, אין 17 יאָר אַרום, קומען די קאָמוניסטן און דערמאָנען אָט דעם שאַרלאַטאַן אָן זיין „פּראָגראַם פון 1919". זיי מאָנען ביי אים דעם „נדן" וואָס ער האָט צו־געזאָגט.

אויב שוין מאָנען ביי מוסאָליני'ן אַלטע פּראָגראַמען, פאַרוואָס שוין ניט מאָנען ביי אים זיין פּראָגראַם פון דע־מאָלט, ווען ער איז נאָך געווען א סאָציאַליסט?

און פּונקט אַזאַ נדן ווי ביי מוסאָליני'ן אין איטאַליע קומען איצט די קאָמוניסטן מאָנען ביי היטלער'ן אין דייטש־לאַנד.

וועגן דייטשלאַנד זיינען איצט פאַראַן צוויי אָפיציעלע קאָמוניסטישע דאָקומענטן. איינער — די פּראָקלאַמאַציע, וואָס די דייטשע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזן צו די נאַצים אין דייטשלאַנד גופא, און דער צווייטער —

אַן אַרטיקל וועגן דער פּראָקלאַמאַציע אין דעמזעלבן נומער פון דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון קאָמינטערן, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט.

דאָ ציען די קאָמוניסטן אויף אויס אַ „ברידערליכע האַנט" צו די נאַצים. דאָ האָבן זיי אויך אוועקגעוואָרפן „רעוואָלוציע", „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור", קלאַס און קלאַסן־קאַמף, און זיי רעדן וועגן „שלום" און „אחדות" אין „דייטשן פאָלק". אויס מאַרקס און לענין! אָנשטאָט רע־וואָלוציאָנערע פּסוקים פון מאַרקס און לענין ברענגען זיי פּאַטריאָטישע פּסוקים פון געטהע און שילער. אַזוי ווי אין איטאַליע האָבן זיי אויך אין דייטשלאַנד זיך אָנגעכאַפּט אָן יענע טיילן פון נאַצישן פּראָגראַם, וואָס זיינען „אין די אינ־טערעסן פון פאָלק". זיי געפינען דאָ פּלוצים אפילו גאַנצע שטיקער סאָציאַליזם. רופן זיך דאָך די נאַצים — „נאַ־ציאָנאַל סאָציאַליסטן". מער ניט, די אַלע גוטע זאַכן האָבן די נאַצים נאָך ניט מקיים געווען, און די קאָמוניסטן ווילן דאָס איצט ביי זיי אויפמאָנען.

יאָרן און יאָרן האָבן די קאָמוניסטן אַליין געשריען, אַז די אַלע „גוטע זאַכן" האָבן די נאַצים אריינגעשטעלט אין זייער פּראָגראַם, נאָר כדי אָפּצונאַרן די מאַסן, אבי צו גרייכן צו דער מאַכט. איצט קומען די קאָמוניסטן און פאַרלאַנגען פון די דעמאַגאָגן און שווינדלער זיי זאָלן „האַלטן וואָרט."

די קאָמוניסטן זיינען געקומען מאָנען ביים וואָלף דאָס שעפּסעלע, וואָס ער האָט אויפגעגעסן!

„די פּראָקלאַמאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, — זאָגט דער אָרגאַן פון קאָמינטערן, — רופט דאָס דייטשע פאָלק זיך צו פאַרברידערן, כדי צו האַלטן די נאַצישע פירער ביים וואָרט, זיי זאָלן פאַרווירקלאַכן יענע פריערדיקע פאָדערונגען פון דער נאַצי־פּאַרטיי, וואָס זיינען אין די אינטערעסן פון פאָלק".

אין דער נאַצי־פּאַרטיי גופא איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ ראַדיקאַלער פליגל, וואָס האָט געפאָדערט דאָס, וואָס די קאָמוניסטן פאָדערן איצט: היטלער זאָל דורכפירן יענע

גוטע זאכן פון דער אָריגינעלער נאַצי־פּראָגראם. ווילהעלם געהרינג און יאָזעף געבעלס — שטעלט אייך פאָר די ראַדיקאַלן! — האָבן זיך איין צייט גערעכנט צו יענעם לינקן פליגל. קאַפּיטאַן רעהם, דער דערשאָסענער פירער פון די שטורם־טרופּן, האָט זיך גערעכנט צו יענעם לינקן פליגל. אָבער דער לינקער פליגל פון דער נאַצי־פּאַרטיי האָט פאַרלאָרן זיין איינפלוס אונטער דער דיקטאַטור פון די איצטיקע נאַצישע הערשער ביי וועמען דער האס קעגן מארקסיזם איז דער גאנצער יסוד פון נאַצישן פּראָגראם. די באַרימטע בלוט־ריייניגונג פון 30טן יוני, 1934, ווען היטלער האָט אויסגעשאָסן זיינע נאָענטסטע מיטארבעטער, מיט קאפּיטאן רעהם בראש, איז געווען טיילווייז א קאמף קעגן אָט דעם ראדיקאלן פליגל פון דער נאַצי־פּאַרטיי.

איצט האָבן די קאָמוניסטן אויפגעמישט די אלטע נאַצישע פּראָגראם, אָפּגעשטויבט די „גוטע זאכן" אין איר, און ארויסגעשטעלט יענע אלטע פאָדערונגען פון דעם אלטן לינקן פליגל אלס זייערע אייגענע פאָדערונגען און זייער אייגענע פּראָגראם. דאָס מיינט:

די קאָמוניסטן ווילן ווערן דער נייער לינקער פליגל פון דער נאַצי־פּאַרטיי.

און זיי ווילן עס ווערן, ניט אויף אן אונטערערדישן אופן ווי ביז איצט, ניט בויערנדיק אינווייניק צווישן די מאסן, וועקנדיק אָפּאָזיציע צו די פירער. זיי ווילן ווערן א געזעצלאכער לינקער פליגל!

שרייבט דער „אינפּרעקאָר" אין זעלבן נומער, זייטל 1303:

„עס ווערט אלץ קלערער און קלערער פאר די אנטי־פאשיסטן, אז עס איז מעגלאך צו באַוועגן די ארבעטער־מאסן צו האנדלען פאראייניקט בלויז ווען זייערע פאָדערונגען וועלן אַרויסגעשטעלט ווערן געזעצלאך אין דעם אַרבעטס־פראָנט (די היטלער־יוניאָנס), ווען אלע קלענערע אָפּיציעלע אמטן וועלן אויסגענוצט ווערן"...

אָט האָט איר אלץ קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר:

געזעצלאך... אויף א געזעצלאכן אופן ארויסשטעלן פאָדע־רונגען, אויף אַ געזעצלאכן אופן אויסנוצן די אָפיציעלע אמטן.

און רעדנדיק וועגן דער דערמאָנטער בלוט־ריינינגונג אין דעם יאָר 1934, הערט און שטוינט: שלאָגט זיך דער אָפי־ציעלער אָרגאן פון קאָמינטערן חטאתי, פארוואָס די קאָמו־ניסטן האָבן שוין דעמאָלט ניט פארשטאנען זיך צו פאר־בינדן מיט קאפיטאן רעהם! (זייטל 1302).

וואָס באדייט דאָס אַלץ? עס קען זיין, אז הינטער דעם באהאלט זיך די סאָוועטישע פּאָליטיק בנוגע די פאשיסטישע לענדער, אָבער עס ווייזט זיכער אויך דאָס: די קאָמוניסטן זיינען דעמאָראליזירט, אנטמוטיקט, נידערגעשלאָגן, מיד. זיי האָבן פארלאָרן דעם גלויבן אין דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע, זיי האָבן פארלאָרן די האָפנונג אויף זייער אונ־טערערדישער ארבעט, אויף זייער אומלעגאַלער אָפּאָזיציע, און זיי ווילן אַ לעגאַלן שלום מיט די נאצים. זיי ווילן אין דייטשלאַנד ווערן אַ ראדיקאַלער, אָבער געזעצלאכער טייל פון דעם נאציזם.

פרידן און אחדות ביי די קאָמוניסטן מיט די נאצים, חבר׳שאפט און מיטארבעטערשאפט אין זייערע רייען!

נאָר פאָרט ווי אזוי פאראייניקט מען זיך מיט די נא־צים? די נאצים, וואָס זיינען געוואָרן אזא פארהאסטער נאָמען אין דער וועלט?

פוילן זיך ניט די קאָמוניסטן און קערן איבער דעם פעלץ און מאָלן אַ גאנץ ניי בילד פון די נאצים. אַ בילד פון גוטע, פיינע, איידעלע מענשן, מענשן ממש צו גאָט און צו לייט.

שרייבט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאַל אין זעלבן פלאַץ:

„אַ סך אנטי־פאשיסטן באטראכטן נאָך די קלענערע נאצישע באאמטע פאר „קליינע היטלערס" און באגרייפן אָפט ניט, אז אָט די ארבעטער ליידן פון דיזעלבע אומ־שטענדן און האָבן די זעלבע סאָציאַלע אינטערעסן, וואָס די

קאָמוניסטן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די קאַטאָליקן.
פאַרשטייט זיך — זאָגט דער קאָמינטערן ווייטער — עס זיינען פאַראַן א סך קאָרופּטע עלעמענטן צווישן זיי, א סך שטורם־טרופּערס און נאַצי־באַאַמטע, וואָס האָבן ערשט נעכטן געקעמפט קעגן אונז מיט וואָפן אין האַנט, אָבער זיי זיינען קעגן די באַלעבאַטים, וואָס ווילן נאָך אַלץ זיין די הערשער אין זייער פאַבריק, זיי זיינען קעגן די פּריווילעגיעס פון די רייכע, קעגן די אַלטע רעאַקציאָנערן. זיי ווילן, אז די אַלטע סאָציאַלע פאָדערונגען פון דער נאַצישער פּאַרטיי זאָלן פאַרווירקלאַכט ווערן."

טראַכט זיך נאַר אריין גוט אין די דאָזיקע ווערטער: די נאַצישע באַאַמטע, אָט די מענשן, וואָס פירן אויס היט־לער'ס און געבעלס'עס געמיינעם ווילן, זיי, דער בייטש אין היטלער'ס האַנט; זיי, וואָס דריקן און שטיקן די אַרבעטער, וואָס פּייניקן די נאַצישע קעגנער אין די תּפיסה'ס און קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן; זיי, וואָס פירן אָן די העסלאַכסטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין דער געשיכטע און טוען די אַרבעט פון אויסוואָרצלען די אידן — זיי זיינען ביי די קאָמוניסטן פּלוצלונג געוואָרן בלויז אַרבעטער, מיט אַר־בעטער גלייך!

און טראַכט זיך אריין און שטוינט נאָך מער: אפילו די פון זיי, וואָס האָבן מיט וואָפן אין האַנט צעטראָטן די דייטשע רעפּובליק, צעפּאָגראָמירט די דייטשע פרייהייט, פאַרניכטעט די דייטשע יוניאָנס און אַרבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס, אומגעבראַכט טויזנטער אומשולדיקע אַרבעטער־לעבנס, אויסגעווייקט דייטשלאַנד אין אידיש בלוט — אָט די שטורם־טרופּן, אָט די בלוט־הינט פון דעם נאַציזם — זיי זיינען געוואָרן ביי די קאָמוניסטן פיינע לייט, ווייל... זיי זיינען קעגן דעם באַלעבאָס אין פאַבריק! אזוי דער־קלערט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל! אזא אַטעסטאַט אויף כשרות האָט נאָך קיינער ניט געגעבן היטלער'ן.

אויב די נאַצים זיינען טאַקע קעגן דעם באַלעבאָס אין פאַבריק, אין וועמעס אינטערעסן זייערז זיי עס — אין די אַרבעטער־אינטערעסן? די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז נישט. זיי זיינען עס אין די אינטערעסן פון דעם נאַצישן רעזשים, פון דער נאַצישער דיקטאַטור, פון דעם רעזשים, וואָס איז קעגן פרייהייט, קעגן דעמאָקראַטיע, קעגן מענשלאַכקייט, קעגן קולטור, פאַר מלחמה, פאַר אַנטי־סעמיטיזם!

אָט פון וועמעס הענט די קאָמוניסטן זיינען גרייט צו נעמען „ישועות און נחמות" אויף די אַרבעטער!

קעגן אָט די אַלע שרעקלאַכע זינד פון דעם נאַציזם און פאַשיזם זאָגן די צוויי דעקלאַראַציעס פון די צוויי קאָמוניסטישע פּאַרטייען קיין איין וואָרט נישט. מען רעדט נישט מער וועגן די שלעכטע זייטן פון דעם נאַציזם, נאָר פון זיינע גוטע זייטן. ניט קיין וואָרט קעגן היטלער'ן און מוסאָליני'ן.

בלויז אין דעם אַרטיקל וועגן דער נייער קאָמוניסטישער פּראָגראַם אין דעם „אינפּרעקאָר" רעדט זיך נאָך וועגן באַקעמפן דעם „היטלער־רעזשים". אָבער אין דעם מאַניפעסט אַליין וואָס די קאָמוניסטן האָבן אַרויסגעלאָזט צו די נאַצים אין דייטשלאַנד גופא, ווערט קיין איין וואָרט ניט געזאָגט קעגן דעם נאַציזם און קעגן היטלער'ן. אַזוי אויך ווערט געשאָנעוועט מוסאָליני און זיין פאַשיזם אין דער קאָמוניסטישער רעזאָלוציע אין איטאַליע. זיי זיינען ניט מער די שונאים. די קאָמוניסטן רעדן איצט פון אַנדערע שונאים וואָס זיינען צוגלייך אויך די שונאים פון די נאַצים און פאַשיסטן. די דאָזיגע שונאים זיינען — די גרויסע קאַפּיטאַליסטן.

אין ביידע דעקלאַראַציעס פון די קאָמוניסטן אין די צוויי לענדער, ווי אויך אין דעם באַלייכטנדיקן אַרטיקל אין דעם „אינפּרעקאָר", רופן די קאָמוניסטן זייערע נייע פאַשיסטישע פריינט אין אַ קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטישע מאַגנאַטן.

געפינען מיר אין דעם גופא אַ גאַנצע איבערקערעניש

ביי די קאָמוניסטן, אַז איבערקערעניש פון טאָג צו נאכט. וואָרים זייער טעאָריע איז ביז איצט געווען, אַז דער פאשיזם איז דורך און דורך נאָר א שאַפונג פון גרויס קאַפּיטאַל, זיין לעצטער פאַרצווייפלטער מיטל זיך צו ראטעווען פון אונטערגאנג.

מען דאַרף זיין באַקאַנט מיט דער קאָמוניסטישער ליטעראטור, כדי צו באגרייפן וואָס פאַר א ראָלע עס האָט געשפּילט ביי די קאָמוניסטן אָט דער, און דוקא דער באַגריף פון פאשיזם. בערג מיט ביכער האָבן זיי אָנגעשריבן צו באווייזן, אַז פאשיזם איז נאָר פון גרויס קאַפּיטאַל און פאַר גרויס קאַפּיטאַל. אַלע רעדער פון זייער ריזיגער פּראָפּאַגאַנדע מיל האָבן יאָרן לאַנג געמאָלן נאָר איין פּראָדוקט, נאָר איין דעפיניציע: פאשיזם איז די טעראָריסטישע דיקטאַטור פון גרויס־קאַפּיטאַל. געווען סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, און אויך ניט־סאָציאַליסטישע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז פאשיזם איז א פּראָדוקט פונ׳ם מיטל־קלאַס. האָבן זיי די קאָמוניסטן פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט און זיי גערופן דערפאַר אַליין פאשיסטן. מיט ציין און נעגל האָבן זיי געקעמפט פאַר זייער באַגריף, און האָבן אַרויסגערופן אַלע גרעסטע עדות, מאַרקס׳ן, לענינ׳ען און סטאַלינ׳ען, און עס באווייזן מיט טויזנט באווייזן. דאָס איז זיי געגאַנגען ממש אין לעבן, ווייל זיי האָבן געזאָגט: אויב מען וויל וויסן ווי אַזוי דערפאָלגרייך צו באַקעמפן דעם פאשיזם, מוז מען פריער ריכטיק פאַרשטיין זיין וועזן.

אַזוי, למשל, שרייבט זייער אָפיציעל ווערק „פאַשיזם און סאָציאַלע רעוואָלוציע״ (זייטל 123, און ווייטער):

„עס איז קלאָר, אַז באַטראַכטן דעם פאשיזם פאַר א קליינבירגערלאַכע רעוואָלוציע קעגן דער גרויס־בורזשואַזיע איז פאַקטיש נישט ריכטיק און איז זייער שעדלאַך פאַר אַן ערנסטער פאַרשטענדניש פון דעם אמת׳ן כאַראַקטער פון פאשיזם און דעם קאַמף קעגן אים.

„הגם אויף זיינע ערשטע שטופן פון אנטוויקלונג האָט

ער אָנגעפירט א שוואכע און נישט געלונגענע אַנטי־קאַפּי־טאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, כדי צו קריגן די שטיצע פון דער מאַסע, איז דער פאַשיזם אָבער פון אָנפאַנג אָן דערצויגן, אויפגעהאַלטן און סובסידירט געוואָרן פון דער גרויס־בורזשואַזיע — פון די רייכע פּריצים, פון פינאַנסירן און אינדוסטריאַליסטן".

„דער פאַשיזם... איז די טעראָריסטישע דיקטאַטור פון גרויס־קאַפּיטאַל" — ווערט געזאָגט אין דער פּראָגראַם פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל פון 1928.

„פאַשיזם איז די אָפענע טעראָריסטישע דיקטאַטור פון די סאַמע רעאַקציאָנערסטע, די סאַמע שאָוויניסטישע און סאַמע אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל" — זאָגט די רעזאָלוציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין 1935.

דאָס איז געווען דער פאַשיזם ערשט אין 1935! און אין 1936, רופט מען שוין דעם פאַשיזם צו א פאַראייניקטן קאַמף קעגן גרויס־קאַפּיטאַל!

עס קומט אויס פון די דריי קאָמוניסטישע דעקלאַראַציעס אַזוי: דער פאַשיזם אַליין איז גוט, די צרה איז נאָר וואָס די גרויסע קאַפּיטאַליסטן האָבן אים פאַרכאַפּט פאַר זיך.

רופן דעריבער די קאָמוניסטן צו ברודערשאַפט מיט די פאַשיסטן, כדי צוזאַמען אַרויסצערעטעווען דעם פאַשיזם פון די קאַפּיטאַליסטישע הענט.

דעם כשר'ן, שיינעם, ריינעם פאַשיזם.

וואָס איז דאָ געשען מיט די קאָמוניסטן?

זיי האָבן פאַרלאָרן די האָפנונג, זיי האָבן פאַרלאָרן דעם מוט, זיי האָבן פאַרלאָרן דעם קאָפּ, זיי האָבן פאַרלאָרן דעם וועג, זיי האָבן פאַרלאָרן דאָס געפיל פון ערע און דאָס געפיל פון שאַנדע, זיי האָבן אַלץ פאַרלאָרן, ווען זיי זיינען שוין דערגאַנגען צום פאַשיזם!

דער דריטער חורבן

ווען אין פּאַלעסטינע האָט זיך באַוויזן די ערשטע קאָמוניסטישע פּראָגראַם־פּראָקלאַמאַציע, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון די אומרוען פון 1936, האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורם און אַ גרויסער וכוח.

מיט קולות ביז׳ן הימל האָבן די קאָמוניסטן אין אַלע לענדער, און די היגע קאָמוניסטן העכער פון אַלעמען, געשריען אַז די פּראָקלאַמאַציע איז אַ בלבול. מיט גיפט אויף די צינגער און שוים אויף די ליפּן האָבן זיי באַשפּיגן יעדן איינעם, וואָס האָט געזאָגט, אַז די פּראָקלאַמאַציע איז די אַרבעט פון קאָמוניסטישע הענט.

„אונז קען מען באַשולדיקן אין העצן צו פּאָגראָמען — האָבן זיי גע׳טענה׳ט — אונז וואָס מיר האָבן אָפּגעשאַפט פּאָגראָמען אין סאָוועט־רוסלאַנד? ס׳איז אַ ליגן, אַ בלבול, אַ פּראָוואָקאַציע פון שונאים!״

און מענטשן האָבן געפרעגט: פאַרוואָס שוויַיגן די פּאַלעסטינער קאָמוניסטן אַליין? אויב ס׳איז אַ בלבול פאַרוואָס קומען זיי ניט אַרויס און וואַשן ניט אָפּ די הענט פון דער פּראָקלאַמאַציע? פאַרוואָס גיבן זיי ניט אַרויס קיין פּראָקלאַמאַציע קעגן פּאָגראָמען?

און צום סוף האָבן די פּאַלעסטינער קאָמוניסטן אַליין גענומען דאָס וואָרט. די „פרייהייט״ האָט דעם 12טן דעצעמבער, 1935, געדרוקט אַ דעפּעשע פון זיי און אין דער דעפּעשע האָבן זיי געזאָגט:

„דער דאָקומענט האָט אַנטהאַלטן אַ פּרינציפּיעלן טעות. אַלס צוגאָב האָט די פּרעסע דעם דאָקומענט פאַרקריפּלט. דער טעות איז אָנערקענט און פאַריכט געוואָרן דורך אַן אַנדער דאָקומענט״...

אַלזאָ ניט קיין ליגן, ניט קיין בלבול, ניט קיין פּראָוואָקאַציע פון שונאים איז עס געווען, נאָר אַן אמת׳ער קאָמוניסטישער דאָקומענט! ניט קיין אונטערגעוואָרפענער ממזר, נאָר אַ ריין, כשר, קאָמוניסטיש קינד...

בלויז עפּיס אַ פּרינציפּעלער טעות נעבאַך איז אַריינגע־פאַלן...

נאָך אַזאַ ווידוי פון די קאָמוניסטן — וואָס וואָלטן מיר געדאַרפט טאָן, מיר סאָציאַליסטן, מיר אידן, מיר אי־דישע אַרבעטער?

מיר וואָלטן געדאַרפט טריומפירן. מען וואָלט אונז געקענט פאַרשטיין ווען מיר גייען אַרויס אין די גאַסן און שרייען: נו, וואָס האָבן מיר אייך געזאָגט? איצט זעט איר שוין ווער די קאָמוניסטן זיינען? אונזערע רייד, אונ־זערע טענות, אונזער זיג!

אָבער ניט קיין טאָג פון טריומף איז אַזאַ טאָג, ניט קיין טאָג פון זיג־געשרייען איז עס. אַ תשעה־באָב איז עס, אַ טאָג פון צער און טרויער, צער און טרויער אויפ'ן חורבן פון מענטשן, אויפ'ן חורבן פון אַרבעטער, אויף דער טיפער, אומענדלאַך טיפער געפאַלנקייט צו וועל־כער עס האָבן געקענט זינקען מענטשן, וואָס רופן זיך סאָ־ציאַליסטן, אידעאַליסטן, וועלט־דערלייזער.

און ווי טיף געזונקען זיינען די מענטשן, אַז זייער ווידוי אַליין איז נאָך פאַר זיי ניט גענוג און פון דעם ווידוי גופא נעמען זיי וועבן נייע שנאה, נייעם שווינדל און שאַנ־טאַזש!

הערט זיך נאָר צו צו די רייד פון דעם ווידוי: „דער דאָקומענט האָט אַנטהאַלטן אַ פּרינציפּיעלן טעות. אַלס צו־גאָב האָט די פּרעסע דעם דאָקומענט פאַרקריפּלט".

און די „פרייהייט" פון איר זייט האָט צוגעגעבן: „די טעלעגראַמע שטעלט אַרויס די העצער און אַנטי־קאָמוניסטן נאָך אין אַן ערגערער ליכט ווי ביז איצט. עס ווייזט זיך אַרויס אַז די העצער האָבן געפעלשט דורך דעם וואָס זיי האָבן געדרוקט און דורך דעם וואָס זיי האָבן אונטערדריקט".

אַלזאַ, אפילו נאָכדעם ווי די קאָמוניסטן האָבן זיך שוין אַליין געשטעלט צום שאַנדקלאָץ זיינען נאָך אַלץ די אַנדערע די העצער און פעלשער, און זיי די ערלאַכע לייט.

וואָס קען מען זאָגן וועגן אזא לאָגיק, וועגן דער גערעכ־טיקייט פון אזא ארגומענט? דער ערגסטער משוגע׳נער קען אזא קרומע לאָגיק ניט ווייזן, דער נידעריקסטער פארברע־כער וואָלט זיך געשעמט אזא טענה ארויסצושטעלן. אזא ארגומענטאציע קען נאָר קומען פוןביידן אינאיינעם: פון א נידעריקן פארברעכער, וואָס איז אינגאנצן פון זינען אראָפּ.

וואָס האָט די פרעסע געקענט אזוינס פארקריפּלען אָדער פעלשן אין דעם פּאָגראָם־דאָקומענט? די פּאָגראָם־פּראָ־קלאמאציע איז געווען אין אראביש. האָט די פרעסע זי אי־בערגעזעצט, ווער אין העברייאיש און ווער אין אידיש. און אין אן איבערזעצונג קען איין איבערזעצער באנוצן איין וואָרט, אן אנדער איבערזעצער אן אנדער וואָרט פאר׳ן זעלבן טערמין. אָבער וואָס איז דער חילוק צי איינער שרייבט „אויסוואורף” אָדער „זשוליק”, אז עס מיינט סיי־ווי „לומפּ”?

א וועלט מיט שווינדל ליגט אין דער טענה, אז מען האָט זיי דעם דאָקומענט „פארקריפּלט”. נאָך שווינדלערי־שער און שוידערלאכער איז די דערקלערונג, אז דער דאָ־קומענט האָט „אנטהאלטן א פּרינציפּיעלן טעות”. מערקט אייך: די קאָמוניסטן זאָגן ניט, אז די גאנצע פּאָגראָם־פּראָקלאמאציע איז געווען א פּרינציפּיעלער טעות. זיי זאָגן נאָר, אז ס׳איז אין איר ארייגעפאלן א פּרינציפּיעלער טעות. אָבער וואוהין האָט דאָרט געקענט ארייגפאלן איין פּרינצי־פּיעלער טעות ווען די גאנצע פּראָקלאמאציע איז פון איין שניט און איין גוס? איין טראָפּן וואסער איז דאָס זעלבע וואסער, ווי דער גאנצער ים. יעדער איינציקער פּאראגראף אין איר און יעדע איינציקע שורה שטימט גענוי מיט דעם איבעריקן אזוי ווי אויגן, נאָז און מויל שטעלן צונויף איין פּנים. און יעדע איינציקע שורה אין איר איז א זינד, א פארברעכן, וואָס שרייט צום הימל — גענוג אויף אייביק צו פארדאמען א מענטשן און א פארטיי!

„די אידן האָבן שוין צוגענומען דעם גרעסטן טייל פון

אייער פרוכטבארן באָדן — הויבט אָן די פּראָקלאַמאַציע — און אייערע איינטרעגלאכסטע געשעפטן און מלאכות, זיי האָבן אוועקגערויבט אַלע קוואַלן פון אייער חיונה, זיי האָבן זיך באַזאָרגט מיט אַלערליי געווער און אַמוניציע, מיט די שטאַרקסטע און שאַרפסטע מיליטערישע וואָפן, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט נאָר אויף איין ציל — די הער־צער פון אראבישן פאָלק, כדי עס אינגאַנצן צו פאַרניכטן". צוויי וועגן האָט דאָס אַראַבישע פאָלק פאַר זיך, זאָגט די פּראָקלאַמאַציע אינמיטן, אַ געמיינעם טויט אָדער אַן ערנ־האַפטיק לעבן, און „ווער פון אייך וויל אַן ערנהאַפטיק לעבן דער מוז אַרויסטרעטן אין קאַמף אַזוי ווי עס האָבן געקעמפט דיינע פאָטערס און זיידעס, אָה, אַראַביש פאָלק, וועלכע האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט פאַר'ן פאָטערלאַנד".

און די פּראָקלאַמאַציע ענדיקט זיך מיט דעם רוף צו די אַראַבער זיי זאָלן גיין אין אידישע הייזער, אין די אי־דישע שטעט און דערפער, און זוכן געווער, און דאָס געווער זאָל מען צונעמען ביי די אידן און אָפּגעבן די אַראַבער, און: „הערט ניט אויף צו סטרייקן ביז מען וועט ניט אָפּשטעלן די אידישע אימיגראַציע" און פאַרווערן אידן קויפן באָדן אין לאַנד.

דאָס איז דער אָנהויב, דער מיטן און דער סוף פון דער קאָמוניסטישער פּראָקלאַמאַציע. וואָס איז דאָ פּרינצי־פּיעל אויסגעהאַלטן און וואָס איז דאָ אַ פּרינציפּיעלער טעות?

ווי געמיין דאָס איז ביי אַזאַ שאַנדטאַט בכלל נאָך צו ריידן פון פּרינציפּן.

און ווען געוויסע אַראַבישע פירער האָבן ניט געוואָלט גיין אַזוי ווייט ווי די קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציע האָט געפאָדערט, האָבן די קאָמוניסטן זיי אָנגערופן „נאַציאָנאַלע פאַררעטער" („פרייהייט", דעצעמבער 10, 1935). וואָס פאַר אַ ביטערער שפּאַס דאָס איז!

ניין, ניט קיין פּרינציפּיעלער טעות איז די פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציע געווען נאָר גוטע, פּרינציפּיעלע, קאָמוניסטי־

שע אויסגעהאלטנקייט. מיר האָבן עס אַלע מאָל געוואוסט, אַלע מאָל געזאָגט. נאָך אין דעם פּאָגראָם פון 1929 איז שוין אויפגעדעקט געוואָרן די פּאָגראָם־ארבעט פון די קאָמו־ניסטן אין פּאַלעסטינע*) נאָר זיי האָבן עס דעמאָלט גע־לייקנט. איצט שטייען זיי פאַר'משפט פון זייער אייגענעם מויל. אויב עס איז ביי די קאָמוניסטן באַגאַנגען געוואָרן אַ טעות איז עס געווען אין — דעם מודה זיין זיך. עס איז אַ חידוש פון חידושים וואָס זיי האָבן מודה געווען אויף אַזאַ זאַך. און ווער ווייס צי האָט ניט עמיצער פון זיי טייער באַצאָלט פאַר'ן טעות אַרויסצוגעבן דעם „טעות". אָדער עס קען זיין, אַז זייער אייגענע שוידערלאַכע טאַט האָט זיי אַזוי דעמאָראַליזירט, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעגעבן אַזוי ווי אַ מערדער ווערט אַמאָל דערדריקט פון זיין טאַט און גיט זיך אַליין איבער צו דער פּאָליציי. גיכער פון אַלץ איז, אַז זיי האָבן פּשוט אַראָפּגעוואָרפן די שאַנד פון זיך, אַראָפּגע־נומען די מאַסקע און זיינען אַרויסגעטראָטן אָפן און חוצפּה'־דיק ווי אָפענע, נאַקעטע, אומפאַרשעמטע, אידישע פּאָג־ראָמשטשיקעס.

און די איראָניע פון דעם אַלעמען: אין די זעלבע טעג, וואָס די קאָמוניסטן האָבן מודה געווען אויף זייערע פּאָגראָם־מעשים אין פּאַלעסטינע האָבן זיי גערופן די אידן אין אַמעריקע צו אַ פּאַראייניקטן פראָנט וועגן דער פּאָגראָם־כוואַליע אין פּוילן...

מען וואָלט געקענט זאָגן: די פאַרשטאָכענע אויגן פון אַ זונה. אָבער עס וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר דער זונה. קיין זונה איז קיינמאָל ניט געווען אַזאַ זונה ווי אונ־זערע קאָמוניסטן! דאָס זיינען דעגענעראַטן וואָס פּאַראַדירן פאַר צדיקים, פּאָגראָם־מאַכער פאַרשטעלט פאַר וועלט־רעט־טער, מענטשן, וואָס האָבן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און אידעאַליזם פאַרוואַנדלט אין באַנדיטיזם!

---

*) אין דעם געהיימען דאָקומענט וואָס איך האָב דאַמאָלט גע־קראָגן אין פּאַלעסטינע און פאַרעפנטליכט אין „פאָרווערטס".

און זיי קומען נאָך ארויס און ארגומענטירן: ווי קען מען זאָגן אויף אונז „פּאָגראָמען", אויף אונז וואָס האָבן אָפּגעשאפט פּאָגראָמען אין סאָוועט־רוסלאנד...

אזוי ווי עס וואָלט זיי געקומט אַ קניפּ אין בעקל דאָרט פאַרוואָס זיי האָבן אָפּגעשאפט פּאָגראָמען...

אָבער עס איז איבערהויפּט נאָך אומזין, און אַ זינד, צו ריידן וועגן זייערע אַרגומענטן און הערן זייערע טענות, זיי, וואָס האָבן פון דער צונג געמאַכט אַ שאַנד, פון דעם וואָרט אַ חרפּה. זיי זיינען טמא און זייערע רייד זיינען טמא און זיי האָבן אונזער גאַנצן דור מטמא געווען, אַ דור פון אזוי פיל אידעאַליזם, אידישן, סאָציאַליסטישן, אַרבעטאָרישן.

גרויס און טיף און אומהיילבאַר איז די וואונד, וואָס זיי האָבן פאַרוואונדעט, אומהיילבאַר די שאַנד וואָס זיי האָבן געבראַכט. אין זייער פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציע, ארויסגעגעבן אין נאָמען פון אַ פרייהייט־באַוועגונג פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, האָט אונזער פינצטערע צייט דערגרייכט איר טיפסטע פינצטערניש. עס איז אַ טאָג פון שוואַרצן חורבן. עס איז אַ שוואַרצער חורבן פאַר דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, עס איז אַ שוואַרצער חורבן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אזוינס ארויסגעגעבן, עס איז אַ שוואַרצער חורבן פאַר אידן, וואָס האָבן געבוירן זייערע אייגענע צעשטערער און פאַרדאַרבער.

ניט קיין טאָג פון זיג און טריומף איז עס פאַר די וואָס האָבן עס פאַרשטאַנען, געוואוסט און געוואָרנט. עס איז אַ טאָג פון גרויסן ווייטיק, אַ טאָג פון שאַנד און צער, אַ נייער תשעה־באב, דער תשעה־באב פון דריטן חורבן... *)

*) דערשינען, ווי אַ לייט־אַרטיקל אין „פאָרווערטס" דעצעמבער 13, 1935.

שפּינען וואָס טראָגן פייער

די פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אינמיטן פון די אומרוען פון 1936, אין סאַמע ברען פון דער קאַטאַסטראָ־פע, האָט אַרויסגעלאָזט פּראָקלאַמציע נאָך פּראָקלאַמאַציע, איינע שרעקלאַכער פון דער אַנדערער. די פּראָקלאַמאַציעס האָבן גערופן אָפּצושטעלן די „בלוטיקע ציוניסטישע אַטאַקעס אויף די אַראַבער"; זיי האָבן דערקלערט אַז „די אידישע זעלבסטשוץ האָט פּאַראויס געפּלאַנט" די אָנפאַלען אויף די אַראַבער, און האָבן גערופן די אַראַבישע יוגנט זי זאָל זיך אויפהויבן און „פאַרניכטן די ציוניסטן און אָפּשטעלן די אידישע אימיגראַציע"!

וואָס קען מען זאָגן צו אַזעלכע מעשים פון אידן און קאָ־מוניסטן? די תוכחה איז ווייניק. צונג און פעדער ווערן שטום...

ווי גוט באַקאַנט עס זיינען אונז דידאָזיגע ווערטער פון די קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציעס! זיי זיינען אונז באַקאַנט פון די צייטן פון די צאַריסטישע פּאָגראָמען: די צאַריסטי־שע הערשער פלעגן אויך זאָגן, אַז די אידן זיינען שולדיג אין די פּאָגראָמען, ניט די „רוסישע פּאַטריאָטן"; זיי זיינען אונז באַקאַנט פון דער היטלעריסטישער פּראָגראַם: אידן האָבן פאַרכאַפּט דייטשלאַנד און דעריבער פאַרניכטונג צו די אידן; זיי זיינען אונז באַקאַנט פון די פּוילישע פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פּאָגראָמען אַרויסצוטרייבן די „איבעריגע אידן" פון פּוילן; און ענדליך זיינען זיי אונז באַקאַנט פון די קאָמוניסטן גופא, די קאָמוניסטן פון 1929: דעמאָלט האָבן זיי אויך פּראָקלאַמירט, אַז ניט די אַראַבער זיינען באַפאַלן די אידן, נאָר די אידן האָבן געמאַכט דעם פּאָגראָם אויף די אַראַבער, און אַז די אידן האָבן קיין פּלאַץ ניט אין פּאַלעסטינע.

נאָר דוכט זיך, אַז אונזערע קאָמוניסטן פון 1936 זיינען נאָך ערגער געוועןפון די קאָמוניסטן פון 1929, אויב

ס'איז נאָך מעגליך ערגער צו זיין: אין 1929, ווען דער פּאָגראָם, וואָס זיי האָבן געהאָלפן מאכן, האָט זיך פאנאנ־געשפּילט צו גרויס, האָבן זיי אליין זיך דערשראָקן פאר אים און זיינען צעקראָכן אין די לעכער און זיינען שטום גע־וואָרן. געווען אייניגע פון זיי, וואָס האָבן זיך אפילו אָנגע־שלאָסן אָן דער זעלבסטשוץ און זיך געשטעלט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. אָבער אין 1936 זיינען זיי, אינמיטן דעם פּאָגראָם, ארויסגעקומען מיט גיפטיגע רופן און נייע גיפטיגע רופן. זיי האָבן אָנגעהעצט דעם אונטערצינדער, און בשעת דאָס הויז האָט געברענט, מיט לייב און האָב אינוויינינג, האָבן זיי אונטערגעטראָגן נייעם ברענשטאָף, נייעם פייער.

זיי זיינען אין 1936 נאָך ערגער געווען ווי אין 1929, ווייל דאָס יאָר 1936 איז אַן אנדער צייט געווען, ווי עס איז געווען 1929. אין 1929 איז עס געווען פאַר'ן וועלט־קרי־זיס. אין 1929 איז נאָך דער פאשיזם געווען אין זיינע וויקעלאך. אין 1929 איז היטלער נאָך בא זיין מאכט נים געווען. אָבער 1936 איז שוין געווען דער זיבעטער יאָר קריזיס, וואָס האָט אָפּגעשוואכט די עקאָנאָמישע לאגע פון די אידן איבער דער גאנצער וועלט; דאָס פערטע יאָר היטלעריזם, וואָס האָט פארניכטעט דאָס אידנטום אין דייטשלאנד און אונטערגעגראָבן דעם קיום פון אידן אין פוילן און געבראכט סכנה פאר אידן אין אַלע לענדער. קיינ־מאָל איז די אידישע נויט נים געווען גרעסער, קיינמאָל איז די אידישע נויט צו וואַנדערן נים געווען גרעסער, און קיינ־מאָל זיינען טיר און טויער פון דער וועלט נים געווען שטיי־פער פארשפּארט. און דער איינציגער פלאַץ, דאָס איינציגע שטיקל ווינקל, וואָס איז געבליבן אָפן פאר אידישע אי־מיגראנטן, איז פאלעסטינע. קומען די קאָמוניסטן און רופן די אראבער אויסצוּיהרגיענען די אידן וואָס זיינען שוין דאָרט, און פארשפּארן דאָס לאנד פר נייע אידישע אימי־גראנטן אריינצוקומען! וואו איז נאָך אזא שאנדטאַט געשען? וואו איז אין דער היסטאָריע דאָ אַ גרעסערער פארברעכן קעגן אידן ווי דאָס? אדרבא, זאָלן די קאָמוניסטן אָנווייזן!

און דאַרף מען נאָך ריידן דערפון, אז די קאָמוניסטן זיינען געווען די יעניגע, וואָס האָבן צוגעגרייט די גאַנצע זאַך פון אָנהויב אָן? ווען עס זיינען געקומען זייערע ערשטע פּראָקלאַמאַציעס, די פאַרלויפער פון די אויסברוכן פון 1936, פּראָקלאַמאַציעס אויף וועלכע זיי האָבן אליין מודה געווען, האָבן דעמאָלט שטימען מזהיר געווען: אידן, זייט געוואָרנט, די קאָמוניסטן גרייטן א נייע שחיטה אין פּאַלעסטינע! און לײדער איז די נבואה מקוים געוואָרן.

וואָס טוט זיך אין די קאָמוניסטישע קעפּ? וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויפ׳ן אידישן ישוב אין פּאַלעסטינע? איז עס טאַקע צוליב בירא־בידזשאַן? איז עס רעכט פאַר זיי צוליב בירא־בידזשאַן אונטערצוברענגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק? וואָרום באַגרייפן זיי דען ניט וויפיל טרייסט און פאַרגעניגן און נייעם כח זיי ברייגגען צו די פאַשיסטן און אַלע אידישע שונאים אין אַלע לענדער? אין טויזנט זאַכן האָבן די קאָמוניסטן געביטן זייער פּנים. מערקט אייך, זייער פּנים, ניט זייער האַרץ. אין טויזנט זאַכן זיינען זיי געוואָרן מילדער און נאָכגיביקער. ניט פאַר נחת האָבן זיי עס געטאָן. אין דער גאַנצער וועלט איז זייער באַוועגונג אין פאַנאַנדערפאַל און זיי האָבן, זיך צוצופּאַסן, געביטן זייער פאַרב. זיי זיינען ווי דער ווייזלטיר, וואָס אין ווינטער, בייט ער זיין רויטע פעל אויף ווייס. וואָס־זשע האָט זיך זייער גאַנצער צאָרן אויסגעגאָסן אויף ארץ ישראל? פאַרוואָס לאָזן זיי דאָ ניט אָפּ אויף א האָר?

נאָר צו פאַרגלייכן די קאָמוניסטן צו א ווייזלטיר איז א צו גרויסער כבוד פאַר די קאָמוניסטן און א צו טיפער אומכבוד פאַר׳ן ווייזלטיר. פאַראַן א בעסערער פאַרגלייך פאַר זיי. אידישע קינדערלאַך דערציילן זיך, אז ווען דער בית־המקדש האָט געברענט, האָבן פויגעלאַך געטראָגן וואַסער און שפּינען האָבן געטראָגן פייער. די קאָמוניסטן טראָגן פייער אויפ׳ן אידישן הויז, די קאָמוניסטן — די שפּינען פון דער אידישער לעגענדע. *)

*) לייט-אַרטיקל אין „פאָרווערטס״, אַפּריל 25, 1936.

שפיל אין נויאָרק

דר. ח. זשיטלאָווסקי

וואָס אין מאָסקווע איז בלוט איז אין ניו יאָרק א שפּיל אזא ביי איינִיקע פון אונזערע „גרויסע", אידישע און ניט־אידישע. קינדער שפּילן זיך אין צייכנס, גרויסע אין בלוט.

דער בלוטיקער שפּיל פון די דאָזיקע גדולים מיט די קאָמוניסטן איז דער „פּאַראייניקטער פראָנט".

טויזנט צילן האָבן די קאָמוניסטן מיט זייער פּאַראייניקטן פראָנט, און איינער פון זיי איז דערזועלבער, וואָס מירקע'ס אין שאַבשאָוויטש'עס הייזל: מטמא זיין רבקה'לען. זיי ווילן מטמא זיין די „בירגערלאַכע", די אומפּאַרטייאישע, די ליבעראַלן מיט קאָמוניזם. א צווייטער ציל איז — יאַנקל שאַבשאָוויטש'ס: האָבן א תורה'לע אין הייזל. פאַר א סגולה.

אזעלכע צוויי תורה'לאך אין קאָמוניסטישן הייזל זיינען ביי אונז דר. חיים זשיטלאָווסקי און ש. ניגער.

צי דאָס תורה'לע אין שאַבשאָוויטש'עס הייזל איז טמא געוואָרן צי ניט, זאָל א רב פּסק'ענען. אָבער דר. זשיטלאָווסקי און ש. ניגער האָבן זיך צוויי מאָל מטמא געווען. איינמאָל דורכדעם וואָס אלע וואָס חבר'ן זיך מיט די קאָמוניסטן טראָגן א טייל אחריות פאַר זייערע בלוטיקע מעשים, לויט דעם אלטן כלל: א גנב איז ניט נאָר דער

גנב, נאָר אויך דער אָפּנעמער. און דאָס צווייטע דורכדעם וואָס זיי האָבן פאַרקרימט אידייען און געדאַנקען פאַר׳ן קאָמוניזם וועגן.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף אַלץ וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן דעם פּאַראייניקטן פראָנט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. איך וועל זיך באַנוצן נאָר מיט זייער שרייבן אין דער צייט פון די פּאַלעסטינע-געשעענישן אין זומער פון 1936. דעמאָלט איז די פראַגע פון פּאַראייניקטן פראָנט דע־באַטירט געוואָרן אויף דער אידישער גאַס מיט באַזונדערער שאַרפקייט, און דר. זשיטלאָווסקי און ש. ניגער זיינען געשטאַנען אין צענטער פון די דיסקוסיעס, ווייל זיי זיינען דעמאָלט, קעגן דעם פּראָטעסט פון ברייטע קרייזן, דעמאָנ־סטראַטיוו אַרויסגעטראָטן מיט די קאָמוניסטן. פון דעמאָלט אָן איז עס ביי זיי געוואָרן אַ געוואוינהייט. און אַ גע־וואוינהייט איז אַ צווייטע נאַטור.

איך האָב שוין דר. זשיטלאָווסקי׳ן ניט געלייענט אַ יאָר צען. איך האָב אָבער אריינגעקוקט אין זיינע אַרטיקלען „צו דער טעאָריע", ווי ער וואָלט געזאָגט, פון דעם פּאַר־איניקטן פראָנט, און האָב געפונען, אַז ס׳איז דערזעלבער דר. זשיטלאָווסקי: דערזעלבער בריה אויף מרחיק מן השכל זיין, דערזעלבער קינסטלער אויף צונויפפּירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, קורץ — דערזעלבער „נאַציאָנאַלער פילאָזאָף". נאָר מיט איין נייעס: אַ נייעם, אייגענעם, פּרי־וואַטן אידיש. איצט איז עס ביי אים ניט „אויפמערקזאַמ־קייט", נאָר „אויפמערק"; ניט „אויפקלערונג", נאָר „אויפ־קלער", ניט „אָן איבערטרייבונג", נאָר „אָן איבערטרייב", א. אז. וו.

פאַרשידענע מענשן האָבן פאַרשידענע השגות. איינער שאַפט זיך איין אַ פּריוואַטן פּאַלאַץ, אַ צווייטער — אַ פּרי־וואַטע יאַכט, אַ דריטער — אַ פּריוואַטן פּאַרק. דר. זשיט־

לאָווסקי האָט זיך איינגעשאפּט אַן אייגענע פּריוואַטע אי־דישע שפּראַך.

מילא, ווער עס פאַרגינט אים ניט זאָל אַליין ניט האָבן. אָבער אין זיין נייער שפּראַך מערקן זיך דיזעלבע איינגע־שאפּטן זיינע, וואָס אין דער אַלטער: ס'איז אים שווער זיך אָפּצוגעוואוינען פון אַלטע נארישקייטן, און שווער זיך צוצוגעוואוינען צו נייע חכמות. דערזעלבער דר. זשיט־לאָווסקי.

איך האָב נאָך ניט געהאַט באַוויזן איבערצולייענען צוויי ציַיטונגס־שפּאַלטן אין זיינע אַרטיקלען וועגן פּאַראַיי־ניקטן פראָנט, און שוין האָט די ערד מיר גענומען פאַר־שווינדן פון אונטער די פיס און איך האָב גאָר געגומען שוועבן אין די „ריינע זעפירן פון אבסטראַקטן געדאַנק" (זיינער אַן אויסדרוק). עס האַנדלט זיך, ווי באַקאַנט, וועגן די קאָמוניסטישע פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס אין פּאַלעסטינע און דער פראַגע צי מעג מען, נאָך אַזאַ נבלה, האָבן מיט די קאָמוניסטן װעלכע עס איז מגע ומשא (ביי זשיטלאָווסקי'ן איז עס מסתמא „מג ומש"). קומט דר. זשיטלאָווסקי און נעמט דרש'ענען אַזוי: „לאָמיר אויף אַ ווײַלע אוועקלייגן דעם ציוניזם אַן אַ זייט! ווי וואָלט געווען ווען עס וואָלט בכלל ניט געווען אויף דער וועלט, ניט קיין ציוניזם, ניט קיין אידישע באַפעלקערונג א. אַז. וו. (טאָג, יוני 5, 1936). אַזוי גיט ער אַ דרש'ע און שוין, מיט איין פיר מיט דער האַנט, און מיר ווייסן שוין ניט אויף וואָסער וועלט מיר זיינען! דוכט זיך צו וואָס זיך פאַרשטעלן, אַז ס'איז ניטאָ ווען עס איז יאָ דאָ? אָבער ניין, זשיטלאָווסקי קען ניט גיין אויף דער ערד ווי אַ פּשוט'ער מענש. ער דאַרף פליען אויף פילאָזאָפישע פליגל „אין די ריינע זעפירן פון אַב־סטראַקטן געדאַנק".

און דאַן, ווען ער האָט שוין אייך אין די זעפירן, הויבט ער אָן פּראַווען פילאָזאָפישן כישוף. איר האָט נאָך ניט איבערגעלייענט קיין צוויי שפּאַלטן אין זיין אַרטיקל „צי מעג מען גיין מיט די קאָמוניסטן?" (טאָג, מאַי 22

און שוין זיינט איר פארפלאָנטערט און פארוועבט אין אַ נעץ פון הויך־קלינגנדיקע און שאַלנדיקע ווערטער: „אַב־סאָלוטער אמת", קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו", פּרינציפּיע־לער באדייט", „ריינע אָביעקטיוויטעט", „אַלגעמיין מענש־לאכע פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג", און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער. עס שאַלט, עס קנאַלט, באַמבעס פּלאַצן, גאַנצע וועלטן קערן זיך: זשיטלאָווסקי רעדט!

און דאָס איז אַן אַלט געצייג זשיטלאָווסקי'ס, שוין שטארק אָפּגעטעמפּט, נאָר ער ווייס עס נישט. אַמאָל, אין זיין בלי־פּעריאָד, ווען ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן אויף דער פּלאַטפאָרמע פאר געפּאַקטע זאלן און מיט זיין שיינער שטים און געשליפענער צונג נעמען ראָלן אַזעלכע ווערטער ווי: נאַ־טור־רא נאַ־טור־אַנס! קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו! קוויד־פּראָ־קוואָ! סינע קווא נאָן! — פלעגן די צונויפגע־לאָפענע אינגלאך און מיידלאך פון כעלם בלייבן זיצן פּריטשמעליעטע: אַזעלכס איז נאָך ביי אידן ניט געווען! דער גאָט פון פילאָזאָפיע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונזער ערד!

און זשיטלאָווסקי האָט זיך, זעט אויס, ניט אָפּגע־וואוינט דערפון ביז'ן היינטיקן טאָג. היינט, אזוי ווי אַמאָל, גיט ער זיך נישט אַ קער אָן פילאָזאָפיע. ער האָט נאָך איצט אויך ליב, ווען ער מאכט אַ טראָט, צוצוקוקן ווי אזוי די צעשראָקענע גענז צעפליען זיך אין אַלע זייטן.

אין פילאָזאָפיע פילט זיך זשיטלאָווסקי ממש ווי אַ פיש אין וואַסער.

כאָטש, צווישן אונז גערעדט, באַווייזט עס גאָרנישט: וואָרים מיר האָבן אַ קיימאָ לן אַז פיש לעבן טאַקע אין וואַ־סער, נאָר טרינקען קיין וואסער טרינקען זיי נישט...

ס'איז דעריבער נאַטירלאך, וואָס אויך אין דער פראַגע פון די פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס און פאראייניקטן פראָנט האָט דר. זשיטלאָווסקי ארויסגעפירט זיין פילאָזאָפישע אַר־טילעריע. די פּראָטעסט־געשרייען קעגן די קאָמוניסטן „באַ־ווייזן" — גיט ער אַ פּאָר ארויס אין זיין ארטיקל — ווי

הינטערשטעליק אונזער אידייאישער עולם איז אין פּרט פון א דעמאָקראַטיש־געזעלשאַפטלאכער קולטור". די אמת'ע דעמאָקראַטישע קולטור, זאָגט ער, פּאַדערט, „מיר זאָלן איינ־זען, אז קיינער פון אונז האָט ניט דעם אבסאָלוטן אמת אין איין טאש און דעם אבסאָלוטן יושר אין דעם אנדערן טאש". אַלזאָ, עס הילכט, עס קנאַלט, גוואַלדיקע ווערטער: אידייאיש, דעמאָקראַטיע, קולטור, אמת, יושר, דער „אַב־סאָלוט".

וויפיל האָט עס שוין דר. זשיטלאָווסקי אין זיין לעבן צעפּייניקט די דאָזיקע שיינע ווערטער! איצט נעמט ער דעם פּרעסטיזש און דעם כבוד פון די דאָזיקע ווערטער און וויל מיט זיי כשר'ן די מיאוס'טע און נידעריקסטע זאַך אין דער וועלט, די פּאָגראָם־אַרבעט פון די קאָמוניסטן אין פּאַלעסטינע.

מערקט אייך: אין דעם אַרטיקל זשיטלאָווסקי'ס האנדלט זיך נישט וועגן דער פראגע פון א פאראייניקטן פראָנט פון די קאָמוניסטן מיט די סאָציאַליסטן — די סאָציאַליסטן, וואָס ווילן ניט גיין מיט קעגנער, וואָס זיינען טויט־שונאים אין אַנשויאונג און טאַקטיק. דאָס איז אַן ענין פאַר זיך. דאָ האנדלט זיך וועגן אידן, וואָס זאָגן, אז מען טאָר ניט אויפטרעטן מיט די קאָמוניסטן צוליב זייערע פּאָגראָם־מעשים אין פּאַלעסטינע. און זיי, ווייַ די יאָר, זיינען עס ביי זשיטלאָווסקי'ן „הינטערשטעליק אין דעמאָ־קראַטיש - געזעלשאַפטלאכער קולטור", זיי זיינען עס נעבאך אַזוי אומפילאָזאָפיש אין דער פראגע פון אַבסאָלוטן אמת און אבסאָלוטן יושר! אַך, ווען אַלע אידן וואָלטן געווען זשיטלאָווסקי'ס וואָלטן זיי דאָך געוואוסט, אז פילאָזאָפיש איז מעגלאך, אז דער אַבסאָלוטער אמת און דער אבסאָלוטער יושר זיינען נאָר ביי די קאָמוניסטן, און דעריבער קען גריילאך זיין, אז זייערע פּאָגראָם־פּראָקלאמאציעס זיינען אי אמת'דיק אי יושר'דיק...

וואָס קען מען זאָגן דערצו? מען קען זאָגן: ניט

נאָר איז קיין אבסאָלוטער אמת און קיין אבסאָלוטער יושר ניטאָ, נאָר קיין אַבסאָלוטע חכמה און קיין אַבסאָלוטע נאַרישקייט זיינען אויך נישטאָ, און עס איז נאַריש אָן א ברעג צוצוגיין צו דער פראגע פון די קאָמוניסטישע פּאָגראָם־מעשים מיט פילאָזאָפישע שמועסן וועגן אבסאָלוטן יושר.

עס איז אויך קיין גרעניץ נישטאָ צו דער נארישקייט — און צו דער חוצפה! — צו קומען און זאָגן, אז דערפאר זיינען די אידן קעגן גיין מיט די קאָמוניסטן, ווייל זיי זיינען אַנטי־דעמאָקראַטן און פּאַנאַטיקער, ווייל זיי זיינען באַרבארן, ניין, דאָס פאנאטישסטע, אַנטי־דעמאָקראַטישסטע פאָלק פון אַלע פעלקער!

עס קלינגט ווילד, איאָ? אָבער גענוי דאָס זאָגט זשיטלאָווסקי אין זיין דערמאָנטן ארטיקל.

נאָר לאָמיר דאָ זאָגן גלייך אין אָנהויב: שטארק זיך מצער זיין פון די דאָזיקע רייד זשיטלאָווסקי'ס וועגן אידישן פאָלק דארף מען ניט. ווארים ביי א סך געלעגנהייטן האָט דר. זשיטלאָווסקי געשריבן אויך, אז אידן זיינען גראָד דאָס פרייסטע פאָלק אין דער וועלט, דאָס סאמע אויבערשטע פון שטויסל פון קולטור. נאָר מען קאָן דאָך ניט פארלאנגען פון א מענשן ער זאָל געדענקען אלץ וואָס ער האָט געשריבן: א מענש שרייבט אזוי פיל... און עס ווענדט זיך דאָך וואו, ווען, און וואָס עס פאסט. גראָד איצט פאסט צו זאָגן, אז אידן זיינען בארבארישע פאנאטיקער. אזוי פאָדערן, אין איצטיקן מאָמענט, די אינטערעסן פון אבסאָלוטן אמת און יושר.

און אזוי ווי זשיטלאָווסקי מאכט ניט קיין טריט אָן „גרינטלאכן אנאליז", גיט ער טאקע גלייך א דערקלערונג פון וואנען עס נעמט זיך, וואָס אידן זיינען אַזעלכע בארבארישע, אנטי־דעמאָקראטישע פאנאטיקער. ערשטנס, צוליב היסטאָרישע אורזאכן: דערפאר, זאָגט ער, וואָס „אידן האָבן קיינמאָל ניט געלעבט דורות־לאנג אין א דעמאָקראטישער ספערע, ווי די ענגלענדער, למשל". צווייטנס, צוליב פילאָזאָפישע אורזאכן: דערפאר וואָס „מיר האָבן טויזנטער

יאָרן אָפּגעלעבט אין אַ רעליגיעזער ספערע... מיט אַן איינ־
ציקן גאָט". דריטנס, צוליב ביאָלאָגישע אורזאַכן: דערפאַר
וואָס מיר האָבן „די ליידענשאַפטלאַכקייט פון דעם סוב־
טראָפּישן בלוט, וואָס פליסט נאָך אין אונזערע אָדערן". אָט
די אַלע וויסטע חסרונות, הייסט עס, זיינען אונז אַריבער
בירושה פון אונזערע אבות אבותינו!

אָ, ווען מיר וואָלטן געווען שכל געהאַט און ניט געגלויבט
אין אַן איינציקן גאָט, נאָר אין אַ סך געטער, ווי די אַלטע
דייטשן, למשל; און ווען מיר וואָלטן ניט געקומען פון
דער הייסער פּאַלעסטינע, נאָר פון דעם קאַלטן צפון, פון
וואַנען די נאַציס, צום ביישפּיל, קומען, אָ, דעמאָלט וואָלטן
מיר דאָך ניט געווען אַזעלכע וויסטע באַרבאַרן, פאַנאַטיקער
און אַנטי־דעמאָקראַטן!...

אַזוי קומט אויס לויט דר. זשיטלאָווסקי'ס גרינטלאָכן
אַנאַליז פון היסטאָריע, פילאָזאָפיע און ביאָלאָגיע, — דריי
געביטן, וואו ער איז ווי — אַ פיש אין וואַסער...

און עס מאַכט ווידער ניט אויס, וואָס ביי טויזנט גע־
לעגנהייטן האָט דר. זשיטלאָווסקי גראָד באַזונגען דעם פאַקט
וואָס אידן האָבן געגלויבט אין אַן איינציקן גאָט און דערמיט
געשאַפן אַ שיין וואָרט פאַר זשיטלאָווסקי'ן זיך צו פּוצן
מיט אים: „מאָניזם". ביי יענע געלעגנהייטן האָט זיך גע־
פּאַסט צו זאָגן, אַז דער אידישער איינאיינציקער גאָט איז
דער קוואַל פון אַלע גרעסטע און שענסטע מעלות. איצט
פּאַסט זיך צו זאָגן, אַז דאָס איז דער קוואַל פון אַלע גע־
פערלאַכסטע חסרונות. דאָס, ווי געזאָגט, מאַכט ניט אויס.
וואָס מיר ווילן דאָ דער עיקר אָנווייזן, איז, אַז אין די דער־
מאָנטע כאַראַקטעריסטיקן פון אידישן פאָלק, וואָס זשיט־
לאָווסקי גיט, דערקענען מיר גלייך זיין אַלטע טשוטשעלאָ,
זיין טעאָריע פון אידישן ראַסן־בלוט און פון „נאַציאָנאַלע
מאַרך־מאַשינקעס". מיט יאָרן צוריק האָט איינער אַ חיים
ליבערמאַן אים אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע טעאָריע איז אָפּ־
שיילאַך־פאַלש וויסנשאַפטלאַך און רעאַקציאָנער־געזעל־
שאַפטלאַך, און שוין דעמאָלט געוואָרנט אַז אין די הענט

פון רעאקציאָנערן קען אַזאַ טעאָריע ווערן געפערלאַך. היט־לער איז נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט ניט געווען. איצט איז דאָ היטלער און דער היטלעריזם שטייט אויף דער זעל־בער טעאָריע פון ראסן־בלוט, און אויף דערדאָזיגער טעאָריע איז געבויט זיין גאַנצער קאַמף נעגן אידישן פאָלק סיי אין דייטשלאַנד, סיי אין דער גאַנצער וועלט. ווי אַ געגנגיפט צו היטלער'ן זיינען אַ ריי פון די גרעסטע ראסן־געלערטע ארויסגעקומען און אָפּגעלייקנט און אויסגעלאַכט די דאָזיקע טעאָריע. אָבער זשיטלאָווסקי, ווייזט זיך ארויס, האַלט זיך נאָך אַלץ אָן איר — און דאָס האָב איך געמיינט ווען איך האָב פריער געזאָגט אַז ער קען זיך ניט אָפּגעוואוינען פון אַלטע נארישקייטן*).

און אויפ'ן גרונט פון דער דאָזיקער באַ'חוזק'טער טע־אָריע קומט ער איצט צו באַווייזן, אַז לויט „אונזער אידישן מהות", צוליב היסטאָרישע און פילאָזאָפישע סיבות און צוליב אונזער „סובטראָפּישן בלוט", זיינען מיר פאַנאַטישע באַרבאַרן.

נאָר מילא, אַזוי געבאָרן, איז פארפאַלן. אָבער אַז מיר האָבן שוין קיין שכל ניט געהאַט אמאָל אין וועלכן גאָט צו גלויבן און פון וועלכן קלימאַט צו קומען, נעבאַך וואָלטן מיר שכל געהאַט כאָטש איצט זיך אָפּצולערנען פון לייטישע ;ים און „זיך דערהויבן — ווי זשיטלאָווסקי שרייבט — צו יענער הויך פון אַ דעמאָקראַטיש־געזעלשאַפטלאַכן אויפפיר, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס דעמאָקראַטישסטע פאָלק פון אונזער צייט, די ענגלענדער"...

הערט, הערט! דער גאַנצער טאַראַראַם מיט די קאָמו־ניסטן, פאַר וועלכע זשיטלאָווסקי קעמפט אַזוי בראַוו, איז ארויסגעוואָקסן דערפון וואָס זיי שרייען, אַז די ענגלענדער ויינען דאָס אימפּעריאַליסטישסטע פאָלק אין דער וועלט; צום סוף קומט זשיטלאָווסקי און שטעלט פאַר אונז אידן ארויס די ענגלענדער ווי דאָס דעמאָקראַטישסטע פאָלק...

*) זע „דר. זשיטלאָווסקי אַלס טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַ־ליזם" אין מיין בוך „דיכטער און וועלטן".

אידן? פע! אידן געפעלן אים ניט מער. ענגלענדער גיט אים! גיט זשיטלאָווסקי׳ן ענגלענדער! ביי זיי דאָרט איז אזוי פריי. ביי אונז דאָ שטערט מען אים זיך צו חבר׳ן מיט די קאָמוניסטן, און זיין גייסט ווערט נעבאך דער־שטיקט, זיין פרייער, „אלגעמיין מענשלאך פּראָגרעסיווער גייסט"...

און וואָס, מיינט איר, האָט זשיטלאָווסקי אזוינס גע־פונען ביי די ענגלענדער?

זיי גיבן, זאָגט ער, גלייכבארעכטיגונג צו יעדער אידייע, „ווי פאלש און שעדלאך זי זאָל ניט זיין". זיי האָבן א פּאָליטישע ליגע, זאָגט ער, וואו אלע פּאָליטישע ריכטונגען זיינען פארטראָטן. דאָס איז איינס אוועק. און צווייטנס: קראָפּאָטקין איז אמאָל געזעסן ביי איין טיש מיט דעם ארצי־בישאָף פון קענטערבורי! און ער פרעגט מיט פּאַטאָס: „ווי אזוי האָט דאָס קראָפּאָטקין געטאָרט?"

ווילן מיר פרעגן זשיטלאָווסקי׳ן: צי האָט דער ארצי־בישאָף פון קענטערבורי אמאָל ארויסגעלאָזט פּאָגראָם־פּראָקלאמאציעס? און צי וואָלט קראָפּאָטקין געזעסן מיט אים ביי איין טיש ווען דער ארצי־בישאָף וואָלט יאָ געהאט א האנט אין פּאָגראָם־פּראָקלאמאציעס? און צי דענקט דר. זשיטלאָווסקי, אז אין דער פּאָליטישער ליגע אין ענגלאנד באלאנגען אויך פארפאסער פון פּאָגראָם־פּראָקלאמאציעס? און ענדלאך, צי וויים דר. זשיטלאָווסקי, אז דוקא אין ענג־לאנד, ביי זיין דעמאָקראטישסטן פאָלק פון אונזער צייט, האָט די ארבעטער פּארטיי אָפּגעטיילט די קאָמוניסטן פון זיך ווי מצורעים, און אז אין די ענגלישע טרייד־יוניאָנס קען קיין קאָמוניסט ניט האלטן דעם קלענסטן אמט? און דאָס אלץ — כאָטש די ענגלישע קאָמוניסטן האָבן קיין פּאָגראָם־פּראָקלאמאציעס קעגן ענגלישע ארבעטער נישט ארויסגעלאָזט, נאָר אזוי זיך, ווייל זיי זיינען גלאַט קאָמו־ניסטן . . .

פון דעם אלעם מאכט זיך זשיטלאָווסקי גאָרנישט ווּיסנדיק, און כאָטש ער האָט אונז שוין אין זיין לעבן

געלערנט אזוי פיל זאכן, פונדעסטוועגן פוילט ער זיך נישט זיך אוועקצוזעצן לערנען מיט אונז נאָך איין זאך — ענגלישע דעמאָקראַטיע. אָבער ניט אזוי ווי די ענגלענדער פאַרשטייען זי, נאָר ווי ער פארשטייט זי בעסער. און אין נאָמען פון דער דאָזיקער דעמאָקראַטיע פאָדערט ער גלייכבארעכטיקונג פאַר דער קאָמוניסטישער ריכטונג אין אונזער לעבן אזוי ווי, זאָגט ער, מיר גיבן גלייכבארעכטיקונג דער משיח־אָרטאָדאָקסיע און דער אסימילאציע, וועלכע זיינען אויך אַנטי־ציוניסטיש. גלייך ווי עמיצער וואָלט געהאַט טענות צו די קאָמוניסטן פארוואָס זיי זיינען אַנטי־ציוניסטיש...

אַי די אָרטאָדאָקסן און אסימילאטאָרן מאַכן נישט קיין פּאָגראָמען און די קאָמוניסטן יאָ, וועגן דעם הייסט אונז זשיטלאָווסקי מיר זאָלן נאָר בלייבן קיל, זיך ניט לאָזן הינרייסן פון „צער און צאָרן”, ניט לאָזן די הייסע אויפגעברויזטע געפילן אונז פארשלעפּן אין אלף הששי אריין. אָנשטאָט דעם, זאָגט ער, זאָלן מיר פרעגן זיך אליין אין הארצן: צי איז די מעשה מיט'ן פּאָגראָם די איינציקע זאך הינטער דער אגיטאציע קעגן דעם פאראייניקטן פראָנט? צי לויערן נישט הינטער דעם אנדערע חשבונות מיט די קאָמוניסטן? מאַכט אַ חשבון־הנפש, זאָגט ער, אַ געלאַסענעם, קאַלטן חשבון הנפש.

זיינען שוין ווידער מיר, ניט די קאָמוניסטן, אויף דער אַנקלאַגע באַנק. מיר דאַרפן אַרויסנעמען דעם מחזור און זיך שטעלן זאָגן על־חטא.

כאָטש וואָס איז דער חטא, אז דאָ גייען אריין אנדערע חשבונות אויך? וואָס איז — די פּאָגראָם־אַרבעט אין פּאַלעסטינע איז דען אַ צופעליקע זאך און האָט גאָרניט צו טאָן מיט אנדערע חשבונות? איז עס ניט אַ רינגעלע אין אַ לאַנגער קייט? האָבן מיר, סאָציאַליסטן, די גאַנצע צייט ניט געשריען, אַז די קאָמוניסטן, וועלכע פאַלשעווען אַלע חשבונות, זיינען פּייאיק אויף אַלץ, אפילו אויף פּאָגראָמען? דר. זשיטלאָווסקי איז דאָך אַ מאָדים אויף „אידייען־פאַר־

בינדונגען", קען ער ניט באגרייפן, אז פּאָגראָם און טעראָר זיינען גאָר נאָענטע בלוט־קרובים, אז די פּאָגראָם־אַרבעט איצט איז אַ קינד פון דעם רויטן טעראָר פריער? די קאָמוניסטן האָבן דערשמעקט בלוט, דר. זשיטלאָווסקי, און דער ריח פון בלוט האָט א שרעקלאכע ווירקונג אויף מענש גראָד ווי אויף חיה. יאָ, די חשבונות מיט די קאָמוניסטן ציען זיך נאָך פון דעמאָלט אָן. נו, און דר. זשיטלאָווסקי האָט שוין טאַקע אונטערגעפירט אַלע זיינע חשבונות מיט די קאָמוניסטן און האָט געפונען, אז אַלץ שטימט ביי אים מיט זיי?

און מיט וואָס פארא רואיקייט ער גיט זיך עס א זאָג אָפּ, אז מיר זאָלן זיך, חלילה, ניט לאָזן פארפירן פון הייסע געפילן! זשיטלאָווסקי איז, פארשטייט איר מיך, אויפ־געצויגן געוואָרן אויף די פלאטאָנישע דיאַלאָגן, וואו די פילאָזאָפן שפּאצירן זיך אין קילן נאָכמיטאָג אויף דער אגאָרא, אָדער זיצן געמיטלאך ביי פיינע טישן, מיט צובייסן און קילן ווייך, און שמועסן זיך מיט קילער לאָגיק וועגן פּלאטאָנישער ליבע. וויל ער דעריבער אויך ביי פּאָגראָמען פּלאטאָנישע קילקייט. אזוי איז ער געוואוינט. פאר ווארימע געפילן שרעקט ער זיך. הייסע ליידנשאפטן? פע, ניט שיין! צער און צאָרן? פילאָזאָפיש טריף! ער האָט ליב בלוט און געפילן קיל — ווי דזשעלאָ: שיין, **צאַרט־ציטערדיק** און קיל, דער עיקר קיל. זיינע געפילן האלט זשיטלאָווסקי אויף אייז... זומער און ווינטער...

אָבער וועגן די געפילן לאָזט זיך אויך פרעגן דיזעלבע זאך, וואָס וועגן די חשבונות: פארוואָס זאָלן געפילן דאָ ניט שפּילן קיין ראָלע? אז מיט געפילן דארף מען זיך ניט רעכענען, אז אויף געפילן דארף מען נאָר שפּייען און טרעטן מיט די פיס — דאָס גופא איז אַ קאָמוניסטישער שטאנדפּונקט. אָבער ווי קומט צו אַ פילאָזאָף דער שטאנד־פּונקט, אז קענן געפילן דארף מען זיך היטן, אז געפילן פארפירן? האלט דאָך די פילאָזאָפיע אליין, אז ס'איז אַ סברא, אז ניט אין דעם קילן פארשטאנד נאָר דוקא אין

דעם וואַרימען געפיל ליגט „דער אבסאָלוטער אמת און אבסאָלוטער יושר". דוכט זיך, אז דער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו", מיט וועלכן זשיטלאָווסקי טראָגט זיך ארום ווי אַ פּאָליסמאַן מיט זיין בלעכל, איז דאָך אויך נאָר גאָלע געפיל. פאַר וואָס־זשע שרעקט זיך אזוי זשיטלאָווסקי פאַר געפילן? דענקט ער, אז אביסעלע „צער און צאָרן", דער־עיקר'שט צער, וואָלט אים געשאַדט?

דערוואַרט אָבער נישט פון זשיטלאָווסקי'ן קיין די־רעקטן, קלאָרן, פאַקטישן ענטפער אויף די דאָזיקע דירעקטע, קלאָרע, פאַקטישע פראַגן. אָנשטאָט אַ קלאָרן ענטפער וועט ער אייך נעמען אויף אַ רייזע (כ'מיין „אויף אַ ראַיד") אין זיינע „ריינע זעפּירן", וואו די לופט איז אזוי שיטער, אז קיין גראָדער מענשלאכער פארשטאַנד קען דאָרט נישט אויסהאַלטן. אויף אזא „ראַיד" נעמט ער זיינע לעזער אין זיין ארטיקל אין „טאָג" פון 5טן יוני. „וואָלטן די פּראָ־קלאַמאַציעס — זאָגט ער — מיט איין וואָרט גערופן די אראַבער צו פּאָגראָמען אויף אידן, וואָלט גאָר קיין ברעקל ספק ניט געווען, אז דער חרם אויף די קאָמוניסטן וואָלט געווען דורכאויס באַרעכטיקט". נאָר וואָס דען, זאָגט ער, „איך האָב מיט'ן גרעסטן אויפמערק דורכגעלייענט די העברעאישע פּראָקלאַמאַציע . . . ניטאָ ערגעץ נישט קיין רוף צו פּאָגראָמען. וואָס איז דאָרטן פאַראַן? אין תוך איז דאָס אַ פּראָגראַם פון צוויי פּונקטן: אַ ראַדיקאַל אַנטי־ציוניסטישן און אַ ראַדיקאַל פּראָ־אַראַבישן".

איר זעט ווי ער האָט שוין אייך פארשלעפּט אין די „ריינע זעפּירן"? איידער איר קוקט זיך ארום איז שוין די פּראָקלאַמאַציע אליין, און איר אינהאַלט, אויף דער וועלט ניטאָ. אָנשטאָט דעם ווערט איר שוין פריטשמעליעט מיט „תוך", „פּראָגראַם", „צוויי פּונקטן", און „ראַדיקאַל" און „אַנטי" און „פּראָ", און וואָס איר ווילט אליין, נאָר די פּראָקלאַמאַציע און דער פּאָגראָם אין איר זיינען נישטאָ.

די צרה איז, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געלייענט מיט'ן „גרעסטן אויפמערק". ווען ער וואָלט געלייענט מיט דער

קלענסטער אויפמערקזאמקייט וואָלט ער דאָרט געזען אַלץ, וואָס דאָרט איז דאָ. שטייט דאָרט אַ רוף צו די אַראַבער אויפצושטיין און אָפּשלאָגן די „ציוניסטישע אַטאַקעס"? שטייט. שטייט דאָרט, אַז די אידישע זעלבסט־שוץ האָט געפּלאַנט און דורכגעפירט איבערפאַלן אויף די אַראַבער? שטייט. שטייט דאָרט, אַז די אידישע אימיגראַציע זאָל אָפּגעשטעלט ווערן? שטייט. שטייט דאָרט, אַז אידן זאָל פאַרבאָטן ווערן צו קויפן ערד? שטייט. דוכט זיך קלאָרע, ריינע, דייטלאַכע, פּאָגראָם־רייד. אַזוי זעט עס יעדער בר־דעת. אָבער ניט אַזוי זשיטלאָווסקי. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן ביי אים פּשוט'ע רייד? ער גיט עס גלייך אַ הויב אויף צום „אַבסטראַקטן געדאַנק" און באַלד ווערט גאָר דערפון בלויז אַן אומשולדיקער פּראָגראַם פון צוויי פּונקטן. „וואָס ביי אַנדערע איז אַ „פּאָגראָם" איז ביי אים אַ „פּראָגראַם". און וואָס פאַר אַ פיינע צוויי פּונקטן דאָס זיינען: איינער אַנטי־ציוניסטיש און דער אַנדערער פּראָ־אַראַביש, און ווייטער גאָרניט: ריין, קיל און אומשולדיק, ווי ביי יענעם „אמת'ן" שפּילער: הער, אַי ווין, טעיל, יו לוז (אום געווין איך, גראָד פאַרלירסטו)...

אָט ווי גוט עס איז צו זיין אַ פילאָזאָף! וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע קונצן מען קען באַווייזן! איינס, צוויי, דריי, און פון אַ הייסן פּאָגראָם ווערט אַ קילער פּראָגראַם.

שוין אָפּגערעדט פון דער פּראָוואָקאַציע אויף די אידן וועגן „אַטאַקעס" און „צוגעגרייטע איבערפאַלן" וואָס די קאָמוניסטישע פּראָקלאַמאַציע אַנטהאַלט; דער פּרינציפּ פון מאַכן אויסנאַמס־געזעצן קעגן אידן, צו פאַרווערן זיי אַריינקומען אין לאַנד, קויפן ערד — דאָס אַליין איז אַ פּאָגראָם־פּרינציפּ, וואָס אַ מענש ווי זשיטלאָווסקי האָט געמעגט צוריקווייזן מיט צער און צאָרן. אָבער ניין, זשיטלאָווסקי וויל דוקא דאָס וואָרט „פּאָגראָם" אין דער פּראָקלאַמאַציע. גיט אים „פּאָגראָם" וועט ער די קאָמוניסטן צערייסן ווי אַ הערינג! אָבער, חבר זשיטלאָווסקי, ווייסט איר דען ניט, אַז פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס האָבן שוין אַן אייגענעם

אויסגעארבעטן, כמעט ראפינירטן סטיל? פּאָגראָם־העצער זאָגן זעלטן אין זייערע פּראָקלאמאציעס: גייט, מאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידן. זיי מאכן עס פיינער. זיי זאָגן: פּאָ־ליאַקן! אידן האָבן פארכאַפּט אַלץ אין זייערע הענט. זיי האָבן צוגענומען אייערע בעסטע פּרנסות, אייערע בעסטע שטיקער ערד, זיי זויגן אויס דאָס פּוילישע בלוט, דערוואַכט! פּוילן פאר די פּאָליאַקן!

וואו איז דאָ פאראן דאָס וואָרט פּאָגראָם? אָבער ווי גוט די פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס פארשטייען וואָס זיי דארפן טאָן...

אזוי אייגנטלאך רעדט די העברעאישע פּראָקלאמאציע אויך, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געלייענט מיט'ן גרעסטן אויפמערק. אָבער נאָך קלערער זאָגט עס אַ פריערדיקע קאָמוניסטישע פּראָקלאמאציע, ניט אין העברעאיש, נאָר דוקא אין אראביש. אין יענער פּראָקלאמאציע שטייט:

„אראבער, איר האָט געזען די אָפענע און קלאָרע נידערטרעכטיקייטן פון דער ציוניסטישער דעראָבערונג. דורך די דאָזיקע נידערטרעכטיקייטן האָט זיך איינגעגעבן די ציוניסטן איינצונעמען דעם גרעסטן טייל פון אייער באָדן און פארנעמען פאר זיך די בעסטע ארבעטן און אבסאָלוט אָפּשניידן פון אייך אלע קוואַלן פון דערנערונג... זיי ברענ־גען וואפן אין אַ גרויסער צאָל און דער ציל פון די דאָזיקע וואפן איז נאָר איינער — די הערצער פון די אראבער, ווען זיי ווילן אָפּמעקן און אָפּווישן פון דער ערד". און זי ענדיגט זיך, די פּראָקלאמאציע, מיט די פייערלאכע דערקלערונגען, אז פאר די אראבער בלייבט צו טאָן איינס פון די צוויי: אונטערגיין אָדער אויסלייזן דאָס לאנד מיט בלוט אזוי ווי די אבות פון דעם אראבישן פאָלק האָבן געטאָן...

דאָס איז שוין „פּאָגראָם" לכל הדעות, אפילו למהדרין מן המהדרין, ווי דר. זשיטלאָווסקי איז. און אפילו לויט די קאָמוניסטן אליין. וואָרים די „פרייהייט" האָט וואָכן לאנג געשריען, אז עס קען גאָרניט געמאָלט זיין,

אז קאָמוניסטן זאָלן ארויסלאָזן אזא פּאָגראָם־פּראָקלאמאַ־ציע, ס'איז אַן אונטערגעוואָרפן קינד. נאָר ווען די פּאַ־לעסטינער חברים האָבן צוגעגעבן, אז עס איז פּאָרט זייערע האָט די „פרייהייט" צוגעזאָגט, אז זי וועט זי אָפּדרוקן און „דערקלערן", ווען זי וועט אָנקומען פון פּאַלעסטינע, און האָט דערביי צוגעגעבן: אויב די פּאָסט וועט זי ניט אוועק'גנב'ענען ביי איר! און כך הוה: אזוי ווי דאָס הארץ האָט איר געזאָגט — די פּאָסט האָט זי טאַקע אוועק־גע'גנב'עט, און זי איז אין דער „פרייהייט" קיינמאָל נישט דערשינען. אָרימע קאָמוניסטן, נעבאך, נאָר מען באַ־גנב'עט זיי . . .

אָבער פאַרוואָס באַ'גנב'עט זשיטלאָווסקי אונז מיט יענער פּראָקלאמאציע? פאַרוואָס מאַכט ער זיך נישט וויסנדיק פון איר? ס'איז מאָדנע, אז זשיטלאָווסקי, וואָס איז אזא בריה אויף „היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען" און אויף צונויפצופירן א וואַנט מיט א וואַנט, זאָל ניט קאָנען צונויפפירן איין פּאָגראָם־פּראָקלאמאציע מיט דער צווייטער. קיינער איז ניט אזוי בלינד, ווי דער וואָס וויל ניט זען . . .

מאַכט זיך דר. זשיטלאָווסקי בלינד, און נעמט נאָך אָן א פרומע מינע (א בלינדער און א פרומער דערצו איז א „גוטע" קאָמבינאַציע) און וויל, מיט א דריי מיט דער פּען, גאָר אונז בלינד מאכן די אויגן. ער גיט זיך א זאָג, אומ־שולדיק, מיט בלינדע אויגן און פרומע ליפּן: „וואָלטן די פּראָקלאמאציעס מיט איין וואָרט גערופן די אראבער צו פּאָגראָמען וואָלט דער חרם געווען בארעכטיקט". גע־דענקט אלזאָ: פּראָקלאמאציעס, אלע פּראָקלאמאציעס. דערנאָך אָבער זאָגט ער: „איך האָב מיט דעם גרעסטן אויפמערק דורכגעלייענט סיי די העברעאישע פּראָקלאמאַ־ציע, וואָס איז געווען געדרוקט אין „טאָג", סיי די קאָמענ־טאַרן צו איר אין דער „מאָרגן פרייהייט", און ניטאָ דאָרט אין ערגעץ קיין רוף צו פּאָגראָמען". דער „סיי" און „סיי" קלינגט אזוי ווי פּראָקלאמאציעס, אין מערצאָל, אָבער עס

איז דאָך נאָר איין פּראָקלאַמאַציע מיט קאָמענטאַרן צו איר. וואָס־זשע ווערט מיט די פּראָקלאַמאַציעס? גאַנץ פּשוט: די אַנדערע פּראָקלאַמאַציע איז ניט געווען אַזוי גרינג צו כשר'ן, האָט זי דר. זשיטלאָווסקי, בלינדערהייט, צעריבן צווישן די פינגער. ניטאָ!

אָבער אַזאַ געשיקטע סטיליסטישע פינגער־אַרבעט איז שוין נישט בלויז אַ פאַרטיידיקונג פון קאָמוניסטן, עס איז שוין קאָמוניזם אַליין, חבר זשיטלאָווסקי.

ווען עס איז ניט דר. זשיטלאָווסקי, וואָלט איך געזאָגט, — און איך זאָג עס, כאָטש עס איז דר. זשיטלאָווסקי! — דאָס איז פּשוט'ע גניבת־דעת, ריינע גייסטיקע גענאַרעריי — אין בעסטן קאָמוניסטישן סטיל.

וואָס זשע איז זשיטלאָווסקי'ס מיין דערביי? פאַר־וואָס וויל ער באַגיין אויף אונז די דאָזיקע גניבת־דעת? איז עס אין די אינטערעסן פון אַבסאָלוטן אמת און אַב־סאָלוטן יושר?

אָבער ששש... וואַרט נישט אויף קיין ענטפער. וואַרט אויף אַ רייזע אין די „ריינע זעפירן פון אַבסטראַקטן געדאַנק", וואו איר וועט זיך טרעפן מיט אייערע אַלטע פריינט: דעם „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו", דער „ריינער אָביעקטיוויטעט", דעם „פּריציפּיעלן באַדייט", דער „דעמאָ־קראַטיש־געזעלשאַפטלאַכער קולטור" און דעם „אַלגעמיין מענשלאַכן פּראָגרעסיוון גייסט".

ש. ניגער

איך מוז זיך מודה זיין גלייך אין אָנהויב: עס איז אומגעהייער שווערער זיך אויסצו׳טענה׳ן מיט ניגער׳ן ווי מיט זשיטלאָווסקי׳ן. וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן זשיטלאָווסקי׳ן מיט זיינע אידייען און טעאָריעס — ער האָט אידייען, ער האָט טעאָריעס, איך מיין, וואָס מען קאָן זיי באַהאַנדלען ווי אידייען, ווי טעאָריעס, ווי געדאַנקען, און ער האָט שטענדיג געקעמפט פאַר זיי מיט איבערצייגונג, מיט קראַפט, מיט כאַראַקטער. די צרה איז, וואָס ער האָט זיי שוין צו פיל און אין אַ צו גרויסן פלאַנטער. נאָר ס׳איז כאָטש דאָ ביי זשיטלאָווסקי׳ן אין וואָס זיך צו פלאָנטערן.

אָבער ניגער, — ביי דער זייט פון זשיטלאָווסקי׳ן איז ער נאָר אַ שטומער בוכשטאַב אין אַ וואָרט. שטייט אַ בוכשטאַב אין אַ וואָרט, נאָר זאָגן זאָגט ער גאָרניט. דאָס באַרמהערציקסטע, וואָס מ׳קאָן זאָגן וועגן ניגער׳ן איז, אַז ער פּאָרקעט זיך מיט מיינונגען אַרום אַלערליי פראַגן. אָבער געדאַנקען, אידייען, טעאָריעס, אין דעם זין פון פאַרטיפונגען, גריבלערייען, זוכענישן — דאָס ניט און ניט. אין קיין זאַך ניט. ניט אין זיין געבעיט אַלס קריטיקער, ניט אין זיין „סאַיד לאַין" אַלס דענקער און פּובליציסט. ביי די געלעגנהייטן, וואו זשיטלאָווסקי האָט געשריבן וועגן ליטעראַטור, האָט ער אפילו פאַר ליטעראַטור אַרויסגעוויזן אַ סך אַ טיפערע פאַרשטענדניש ווי ניגער.

ניגער איז אַן אמת׳ע טראַגעדיע אין דער אידישער ליטעראַטור, אַ טראַגעדיע, וואָס באַגעגנט זיך אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן און וואָס קאָן אָנגערופן ווערן „די טראַגעדיע פון איין בוך". עס האָט שוין פּאַסירט ניט איין מאָל, אַז אַ שרייבער איז געקומען און האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ ווערק, אַ ליד, אַ דערציילונג, אַ ראָמאַן, אַ גלאַנץ געטאָן און זיך אויסגעלאָשן. מיט יאָרן צוריק, אין זיין אייגענער יונגשאַפט און אין דער יונגשאַפט פון דער אידישער ליטע־

ראטור, איז ניגער געקומען מיט א פיין ווערק „וועגן אידי־שע שרייבער". און די ליטעראטור האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרמס. אָבער באַלד נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעלאָשן און איז געבליבן שרייבן ניט מיט גלאַנץ און ניט מיט פייער, נאָר מיט אַן איבערגעברענטער קויל. דער שיינער צוזאָג האָט זיך, צום באַדויערן, אויסגעלאָזט מיט ניט.

איך וואָלט געוואָלט קענען מסביר זיי פאַר'ן לעזער מיט וואָס ניגער איז ניט, אָבער ס'איז גרינגער צו ריידן פינף טעג ווענן עפּעס וואָס איז יע, איידער פינף מינוט ווענגן עפּעס וואָס איז ניט. וואָרום צו ניט איז דאָך גאָר קיין שיעור ניטאָ. דר. זשיטלאָווסקי וועט עדות זאָגן ווי שווער עס איז אַפילו פאַר פילאָזאָפן צו ריידן ווענן ניט און גאָרניט, ווענגן דעם אין־סוף, דעם סוף וואָס איז ניטאָ. דעם „אָן אָנהויב" און „אָן אַ סוף" קען דער מענטש ניט באַגרייפן און ניט אויס־ריידן, און וואָס איז שייך ניגער'ן, איז עס גאָר קיין אָנהויב און קיין סוף ניטאָ ווי ווייט עס איז באַ אים ניט. ווען גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד וואָלט איך געזאָגט, אַז ניגער קען באַשרייבן ווערן טאַקע נאָר, להבדיל, ווי גאָט אליין: אינו גוף ולא ישיגיהו משיגי הגוף ואין לו שום דמיון כלל... ניט קיין גוף, ניט קיין באַגריף, קיין שום גע־שטאַלט ניט... ס'איז ניט און ניט.

און איך בין זיכער, אַז גאָט און לייט ווען מיר מוחל זיין, וואָס איך באַנוץ „געטליכע טערמינען" אויף מסביר צו זיין ניגער'ן. ווייל גאָט ווייס דאָך דעם אמת, וואָס איך מיין. איך מיין צו זאָגן, אַז ניגער, ממש אַזוי ווי גאָט, שאַפט אָן שטאָף און אָן געצייג: ער שרייבט אַזוי גוט ווי מען קען נאָר אָן טאַלאַנט, און ער דענקט אַזוי טיף ווי ס'איז נאָר מעגליך אָן געדאַנקען. און לייט וועלן אויך קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָרום אַלע ווייסן, אַז עס זיינען דאָ באַ אונז מענטשן, באַ וועלכע ניגער איז אַ „גאַנצער גאָט".

אָט אַזעלכע מענטשן, שטעלט איך פאָר, זענען נאָך דאָ אויף דער וועלט...

די בעסטע ראיה דערויף איז טאַקע די ראָלע, וואָס ער שפּילט אין דעם ענין פּאַראייניקטער פראָנט. דוכט זיך, פאַר וועלכע מעשים־טובים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער אין דעם אַרבעטער געדאַנק, קומט עס אים? דאָך איז ער דאָ אַ גאַנצער צד אין טיש: די קאָמוניסטן זענען איין צד, די סאָציאַליסטן זענען אַ צווייטער צד, די אַרבעטער־באַוועגונג אַ דריטער צד, און ניגער — דער פערטער צד. און איך ווייס ניט צי די קאָמוניסטן האָבן אַוועקגעלייגט מער כח אויף צו קריגן די אַרבעטער־באַוועגונג ווי זיי האָבן אַוועקגעלייגט צו קריגן ניגער'ן. ניגער איז געווען די ערשטע פעסטונג, וואָס זיי האָבן געשטורמט און — איינגענומען. מסתמא האָבן זיי געהאַט אַ גוטע אויסרעכענונג דערביי. זיי האָבן אודאי געטראַכט, אַז נאָך ניגער'ן וועט נאָכגיין די אידישע אינטעליגענץ.

אַזאַ „אינטעליגענץ", מישטיינס געזאָגט, איז נאָך אפנים באַ אונז דאָ...

נאָר וואָס די קאָמוניסטישע חשבונות זענען ניט געווען, די סאָציאַליסטן האָבן געזאָגט ניין, די אַרבעטער־באַוועגונג האָט געזאָגט ניין, די אידישע געזעלשאַפטליכקייט האָט געזאָגט ניין. נאָר ניגער האָט געזאָגט יע.

און שטעלט איך פאַר, ניגער האָט אַ „טעאָריע" דערויף!

וואָס איז ניגער'ס טעאָריע?

לאָמיר דאָ דערמאָנען אַז דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן דעם ענין פּאַראייניקטער פראָנט ווי ער שטייט פאַר דער אַלגעמיינער עפענטליכקייט בכלל, נאָר אין דעם ענגערן זין, ווי די זאַך איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער אידישער גאַס אַלס רעזולטאַט פון דער קאָמוניסטישער פּאָגראָם־אַרבעט אין פּאַלעסטינע. ניגער פאַרנעמט דאָ אַ גאַנץ אַנדער פּאָזיציע ווי זשיטלאָווסקי. זשיטלאָווסקי זאָגט, אַז אויב די קאָמוניסטן וואָלטן נאָר מיט איין וואָרט גערופן צו פּאָגראָמען אין פּאַלעסטינע קומט זיי אַריינלייגן אין חרם. נאָר וואָס רען, ער האַלט ניט, אַז זיי רופן צו פּאָגראָמען. ניגער אָבער

האַלט, פאַרקערט, אַז די קאָמוניסטן זענען דווקא גאָר טיף פּרקנאַקט אין פּאָגראָם־מעשים, נאָר ניט געקוקט דערויף דאַרף מען מיט זיי גיין אין פאַראייניקטן פראָנט.

„איך האַס און פאַרפלוך — שרייבט ער („טאָג", יוני 3, 1936) — אַזוי ווי אַלע ניט־פאַרבלענדטע מענטשן, די אומפאַרשטענדליכע, אומפאַראַנטוואָרטליכע, ווילדע און העס־ליכע אַגיטאַציע, וואָס די קאָמוניסטן פירן אין פּאַלעסטינע, אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט קעגן דער רע־טונג־ און אויפבוי־אַרבעט אין פּאַלעסטינע. איך האַלט עס פאַר'ן גרעסטן פעלער און שווערסטן פאַרברעכן פון זייער זייט".

איז דאָך גוט, נאָר פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז ניגער פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט.

מוזן דאָך, מיינט איר, אודאי זיין זייער וויכטיקע פּי־לאָזאָפישע און מאָראַלישע אורזאַכן, פאַרוואָס מען זאָל פאַרקוקן „דעם שווערסטן פאַרברעכן פון זייער זייט" און גיין מיט די קאָמוניסטן. הערט, אדרבא, וואָס ניגער האָט געזאָגט אין זיין ענטפער אויפ'ן פּראָטעסט, וואָס די פּועלי־ציון־צעירי־ציון האָבן אין יענער צייט אָנגענומען קעגן אונ־זערע „צוויי גרענאַדירן" פון פאַראייניקטן פראָנט.

„איך בין מסכים מיט אייער הנחה... אָבער איך קאָן זיך נישט העלפן, איך גלויב אין דער איינפאַכער סטראַ־טעגיע, אין באַגעגענען זיך מיט דעם קעגנער פּנים אל פּנים און אַטאַקירן אים און באַקעמפן אים" (דאָרטן).

געוואָרט האָט איר אויף אַ פילאָזאָפישער אָדער מאָראַ־לישער באַגרינדונג, אָבער ס'איז ניט. מיר דערזעען גאָר פּלוצלינג ניגער'ן אין דער ראָלע פון אַ העלד! ער האַלט פון גיין צום שונא אין לאַגער אריין און אים אַטאַקירן גלייך אין פּנים אריין! פאַר'ן גלית פון דער קאָמוניסטישער באַווע־גונג האָט זיך ענדליך געפונען אַ דוד'ל...

אַז עס קענען זיין אַזעלכע קעגנער, מיט וועלכע מען טאָר זיך ניט באַגעגענען פּנים אל פּנים אפילו זיי צו באַ־קעמפן — און פּאָגראָם־מענטשן זענען אַזעלכע קעגנער;

און אז עס זענען פאַראַן אַזעלכע ענינים, וואָס שטייען אויסער יעדער דיסקוסיע, דעבאַטע און קאַמף — און פּאַגראָמען זענען אַזאַ ענין, דאָס זעט ניט ניגער אונזער העלד. ער וויל זיך דוקא גיין שלאָגן מיט די קאָמוניסטן.

נאָר אפנים, אַז באַלד דערשרעקט זיך ניגער פאַר קלעפּ און ער בייט זיין פראָנט.

„וואָס זאָל איך טאָן — זאָגט ער דאָרט ווייטער — (וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אים ליב" — געדענקט מאַלי פּיקאָנ'ס לידעלע ?) וואָס זאָל איך טאָן אויב מיר דוכט זיך פאַרט, אַז דוקא דערפאַר, וואָס אַ סך פון זייערע מיינונגען זענען פאַלש, דאַרפן מיר זיך ניט דערווייטערן פון זיי, אַז דוקא דערפאַר, וואָס געוויסע האַנדלונגען זייערע זענען אומפאַרצייליך, טאָרן מיר ניט אויסבויען קיין וואַנט צווישן אונז און זיי ?"

אַלזאָ, אַ צווייטער יסוד אין ניגער'ס טעאָריע פון פאַראייניקטן פראָנט : מקרב זיין די זינדיגע, אַרויספירן די רשעים אויפ'ן אמת'ן וועג, מיט סליחה און מחילה זיי לערנען צו דערזען דאָס ליכט פון אמת'ן גאָט . . .

ממש קריסטליכע גוטסקייט און קריסטליכע מיסיאָנערישקייט : גיין צו די רשעים . . .

ניגער און דר. זשיטלאָווסקי — זיי וועלן ווערן די „סאַלוויישן אַרמי" בא דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי . . .

זיי וועלן דאָרט זינגען : „קאָם טו דזשיזוס" . . .

איז דאָ קודם כדאי אָנצעווייזן אויף דער גענאַרעריי וואָס שטעקט אין דעם גאַנצן ענין : מען נאַרט אויפ'ן גאַנצן פראָנט אין פאַראייניקטן פראָנט. די קאָמוניסטן מיינען, אַז זיי וועלן אַריינאַרן ניגער'ן, און ניגער מיינט, ער וועט אַריינאַרן די קאָמוניסטן.

האָט די זאַך אָבער נישט נאָר אַ „גנבה'שע זייט", נאָר אויך אַ קאָמישע. ניגער דענקט, אַז ווען ער וועט שטיין מיט די קאָמוניסטן, וועט ער זיי מאַכן פאַר גאַנצע לייט : ער וועט פאַרריכטן זייערע פאַלשע מיינונגען, ער וועט זיי אָפּגעוואוינען פון אומפאַרצייליכע האַנדלונגען, ער וועט . . . וועט . . . קורץ . . .

דער באַרימטער „לאָזט מיך". ווער מיר סטאַלין, וואָס מיר קאָמינטערן, ווער מיר קאָמוניסטישע דיקטאַטור, קאָמוניס־טישע טעאָריע און פּראַקטיק — ניגער וועט אַלץ „פיקסן".

מען קען ניט זאָגן, דער מענטש איז ניט קיין קליינער עניו . . .

אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַזוי שפּעט. ווען ניגער וואָלט זיך געוואָלט נעמען צו מענטשלען די קאָמוניסטן פריער אַביסל, ווער ווייס, צי די וועלט וואָלט היינט ניט געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים . . .

עס איז גרינג צו באַווייזן, אַז מיט אַזעלכע רייד ווייזט נאָר ניגער, אַז ער פאַרשטייט בכלל ניט דעם גאַנצן ענין פאַר־איינגיקטער פראָנט. די קאָמוניסטן האָבן אַ סך צילן און כונות מיט׳ן פאַראייניקטן פראָנט, נאָר ס׳איז כלל ניט זייער ציל צו מאַכן פון אים אַ דעבאַטן־געזעלשאַפט אויף צו פאַרהערן זיך וועמעס טעאָריעס זענען בעסער, ניגער׳ס אָדער די קאָמוניסטישע, און וועמעס מאָראַל ס׳איז „שע־נער". וואָס זיי ווילן באַ זיך אין האַרצן איז — קריגן צוטריט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג; וואָס זיי זאָגן מיט׳ן מויל איז — צו פאַראייניקן זיך פאַר „באַשטימטע אַק־ציעס". אָבער זיך לערנען באַ ניגער׳ן די וועגן פון יעזוס — דאָס ליגט זיי אַפילו אין דער לינקער פּאה ניט.

און ס׳איז אויך קיין האָפענונג דערויף ניטאָ. קיין זאַך, קיין לערעס און קיין רייד וועלן ניט בויגן אָדער ענדערן אַ קאָמוניסט. בלויז דער טויט קען ענדערן אַ קאָמוניסט, און ערשט דעמאָלט ווערט ער נאָך שטייפער . . .

ניגער אָבער דענקט, אַז ער קען יע באַווייזן דעם נס, און זיין גיין צוזאַמען מיט די אידישע פּראָגראַם־העצער און געזעלשאַפטליכע צעשטערער, צו להכעיס אידן, צו להכעיס דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו להכעיס דער סאָצי־אַליסטישער באַוועגונג, באַרעכטיקט ער מיט דעם פאַנטאַס־טישן תירוץ, אַז ער וועט זיי מענטשלען, אויפקלערן, באַ־לערנען.

נאָר אויב דאָס איז זיין רעכטפּערטיגונג, דעמאָלט זענען מיר, פון אונזער זייט, באַרעכטיקט אים צו פרעגן: מיט וועלכן כח דענקט ער עס וועט ער זיי באַזיגן און מיט וועלכן טאַלאַנט וועט ער עס איבערקערן זייערע נשמות? מיט זיינע שיינע אויגן?

אפשר, ווי עס זינגט זיך דאָרט אין דעם פאָלקס־לידע־לע: מיט זיינע שיינע אויגן און אידעלן ראַזגאַוואָר...

עפּעס אַ קלייניקייט: ניגער'ס „ראַזגאַוואָר"...די גרויסע, די גוואַלדאָוונע זאַכן, וואָס ניגער האָט צו זאָגן...

און אַזוי אַרום צווינגט אונז ניגער צוריק צום פּונקט פון וואַנען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, צו ניגער'ס ניט. ער צווינגט אונז אים צו זאָגן, אַז ער דאַרף זיך ניט מטריח זיין, ער מעג רואיק זיצן אין דערהיים. ווייל וואָס אַזוינס קאָן ער, מישטיינס געזאָגט, בייטראָגן אידייאיש צום קאָמוניסטישן פּראָבלעם? עס איז גאָר קיין אָנהויב און גאָר קיין סוף ני־טאָ ווי ווייט ער האָט ניט וואָס מיטצונעמען אַהין און ווי ווייט ער קאָן גאָרניט מיטברייננגען צוריק.

ניגער איז — זאָל עס ענדליך אַמאָל געזאָגט ווערן, ווי פּיינליך עס זאָל ניט זיין דאָס צו זאָגן און צו הערן — ניגער איז דער ליידיקסטער און לאַנגווייליקסטער מענטש אין אונ־זער ליטעראַטור און פּרעסע. ווי זאָל איך עס מסביר זיין? ווי קען מען דערקלערן „ליידיקייט" און איבערגעבן „לאַנג־וויל"? יעדערער וואָס לייגט נאָר צו זיין אויער מוז אַליין דערפילן, און פילט, די שווערע קללה פון פלאַכקייט, וואָס ליגט אויף זיין גאַנצן שרייבן. „פלאַכקייט" און „שווער" זענען, דוכט זיך, אַ ווידערשפּרוך, אָבער די פלאַכ־קייט איז די איינציקע זאַך, וואָס איז וואָגיג ביי ניגער'ן. און די לאַנגוויל איז די איינציקע זאַך, וואָס איז אינטערע־סאַנט בא אים. ווי זאָל איך עס דערקלערן: אינטערעסאַנ־טע לאַנגוויל? כ'האָב אַמאָל געקענט אַ קאַפע אין בערלין, וואו די אַטראַקציע איז געווען, ניט אַ זייער שיין מיידל, נאָר אַ שרעקליך מיאוס מיידל. אַזוי מיאוס איז זי געווען, אַז מענטשן זענען געגאַנגען קוקן אויף דער מיאוס'קייט

אזוי ווי אויף עפּיס אַ פּאַרקערטן קונסט־ווערק. ניגער׳ס שרייבן דערמאָנט מיר שטענדיק אין יענעם פּאַראַדאָקס: ס׳איז אזוי לאַנגווייליק, אַז ס׳איז אזש אינטערעסאַנט.

אדרבא, געפינט בא ניגער׳ן אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק אינטערעסאַנט ארויסגעזאָגט! אַ רענדל אַ געדאַנק!

יע, אויף זיין לאַנגווייליקן און פלאַכן אופן איז ניגער אפילו אַ גרויסער „קינסטלער״. דער צייכן פון אַ קונסט־ווערק איז דאָס, וואָס עס בלייבט ניט באַגרעניצט אויף זיך אליין, נאָר שפּרייט זיך אויס אויף דער וועלט ארום. אַן אומקינסטלעריש ווערק איז ווי אַ שטיין אריינגעוואָרפן אין אַ זומפּ: ער רוזנעט איין און פאַרזינקט; אַ קונסט־ווערק איז ווי אַ שטיין אריינגעוואָרפן אין אַ טייך: עס מאַכט רינגען ארום רינגען, וואָס צעוואַקסן זיך און צעשפּרייטן זיך פון ברעג צו ברעג.

ניגער׳ס שרייבן שפּרייט זיך אויך אויס איבער׳ן ארום. ווען ער באַהאַנדלט אַ טעמע, ווערט ניט זי אליין אונטער זיין פעדער פלאַך, נאָר עפּיס אַלץ ארום אייך ווערט פלאַך: בערג און ביימער לייגן זיך איין, די סטעליע איבער אייער קאָפּ לאָזט זיך אראָפּ, די טעלער אויף אייער טיש ווערט פלאַטשיק, דאָס מעסער ווערט אייך טעמפּ, און דאָס שטיקל פלייש אויף אייער גאָפּל ווערט עפּיס — פאַרעוועו... די גאַנצע וועלט ווערט בלאַאה, ווען ניגער שרייבט.

אָבער זיין קריטיק — הער איך אַ באַמערקונג — ער איז דאָך עפּעס דער קריטיקער פון דער אידישער ליטעראַטור, דער „נאַציאָנאַלער קריטיקער״, און דאָס גיט אים אַ זכות און איז שוין מכפּר. אזוי זאָגן די נאַאיווע.

אָבער ווי קען אַ מענטש זיין אזוי פלאַך אין דער וועלט און זיין טיף אין ליטעראַטור?

לאָמיר דערויף זאָגן:

אין אַנדערע שפּראַכן, אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, למשל, זענען פשוט׳ע רעצענזיעס, וואָס די רעצענזענטן שטעלן אפילו ניט אַוועק זייערע נעמען אויף זיי, אינטערעסאַנטער און גייסטרייכער ווי ניגער׳ס קריטיק, פאַר וועלכע נאַראָנים

רופן אים דער „נאַציאָנאַלער קריטיקער". ניגער'ס קאַריערע אין דער אידישער ליטעראַטור איז בלויז נאָך אַ ביישפּיל, איי־נער פון אַ סך, ווי ווייניג מ'האָט אַמאָל געדאַרפט בײַ אונז פּאַרמאָגן, כדי צו ווערן אַ שטערן אין אונזער הימל.

דער אמת'ער קריטיקער פּאַרמאָגט טעמפּעראַמענט, פון צאַרטע געפילן ביז גרויסע ליידנשאַפטן, ער האָט פאַנטאַ־זיע, וויזיע, גייסט, וויץ, חכמה, געדאַנקען, קולטור, סטיל, פּער־זענליכקייט, גרויסוועלטיקייט, וועלט־אַנשויאונג: — וויפיל פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן פאַרמאָגט ניגער? אדרבא, ווי־פיל? און וועלכע?

ניגער האָט ניט קיין שטימונגען; ער איז טרוקן ווי די זאַמד אין זאַהאַרא. ער האָט ניט קיין ליידנשאַפטן; ער איז שטייף ווי ער וואָלט געווען אָנגעצויגן אויף בלעך. און ווער האָט בײַ אים אַמאָל געפונען אַ בליץ הומאָר, כאָטש אַ שאָטן פון אַ שמייכל, דעם שמייכל פון חכמה און טיפער מענטשלאַכער דערפאַרונג? אַ רענדל פאַר אַ געדאַנק בײַ ניגער'ן, צוויי רענדלאַך פאַר אַ שמייכל! און פאַר אַ טרער פון אמת'ן און עכטן טראַגיזם! יע, איז אייך אַמאָל אויפגעפאַלן, אַז ניגער איז אַ מענטש, וואָס קען ניט לאַכן און קען ניט וויינען? יע, אַזאַ מענטש איז ער. ווען אַ מאַמע האָט אַזאַ קינד וואָלט זי אויסגעפּאָרן דערמיט צו אַלע גוטע אידן... און ווי מאָדנע דאָס איז: ליטעראַטור איז דער שפּיגל פונ'ם טיפסט־מענטשלאַכן, פון זיינע קאָמעדיעס און טראַגעדיעס, פון זיין געלעכטער און זיינע טרערן, און בײַ אונז איז אַ ממונה אויף ליטעראַטור אַ מענטש, וואָס קען ניט וויינען און קען ניט לאַכן... דאָס אליין איז אַן אַ ברעג קאָמיש און טראַגיש.

און אַז ניט וויינען און ניט לאַכן — וואָס דען טוט ער?

ער בורטשעט, יע, דאָס איז דאָס ריכטיגע וואָרט: בור־טשען! ניגער בורטשעט קריטיק.

ער בורטשעט, אָן סטיל, אָן קנייטש, אָן פאַרב, אָן פּאַ־טאָס, אָן וויספּער און אָן געשריי, אָן אַרויף און אַראָפּ, אין אַן אייביגן פאַרשלעפּערנדיגן מאַנאָטאָן.

דער אמת׳ער קריטיקער — די ליטעראַטור צינדט אים און ער צינדט די ליטעראַטור און ביידע ברענען און אַלעמען איז ליכטיג, בלענדיג און וואַרים אַרום זיי.

און ניגער? ניטאָ קיין ברענשטאָף, ניטאָ קיין צינד־שטאָף אין אים... זיין טאָג און זיין נאַכט זיינען אַלצייגנס גרוי. זיין וואַכזיין איז אַן וויזיעס, ווי זיין שלאָף איז אָן חלומות. ווי זאָל איך עס קלאָר מאַכן? איך וואָלט געזאָגט: ניגער איז אין דער ליטעראַטור ווי אַ פליג אין אַ גלאָז: קריכט אַרום די פליג אין דער גלאָז און קריכט אַרום, נאָר זען די גלאָז זעט זי ניט און קען ניט פאַרשטיין, אַז זי זעט זעט זי ניט און פאַרוואָס זי קען ניט אַרויס. אַזוי איז מיט ניגער׳ן. טאַפּטשעט זיך ניגער אין דער ליטעראַטור און טאַפּטשעט זיך, יאָר־איין, יאָר־אויס, זונ־טאָג־איין, זונטאָג־אויס, נאָר זען די ליטעראַטור זעט ער נישט, און זעט נישט, אַז ער זעט ניט, און די בלינדע, וואָס גייען אים נאָך זעען ניט, אַז זיי ווערן געפירט פון אַ בלינדן. ער האָט די אידישע ליטעראַטור טרוקן גע־מאַכט ווי אַ בלאַט אין הערבסט, ער האָט זי פלאַך געמאַכט ווי דאָס פּאַפּיר אויף וועלכן זי איז געשריבן, ער האָט זי פאַר־לאַנגווייליגט פערציג מייל אויף פערציג מייל אַרום. עס הייסט ער „וואַכט״ איבער דער אידישער ליטעראַטור נאָר אין אמת׳ן דריקט זיין שווווערער טעמפּעראַמענט אויף איר ווי אַ טויזנט טאָניקע מאַסע. ער העלפט ניט קיין שריי־בער, נאָר שטערט זיי. ער וועקט ניט, ער רופט ניט אַרויס, ער באַגייסטערט ניט, ער עפנט ניט קיין פענצטער און קיין האָריזאָנטן, נאָר ער פאַרשלעפּערט, פאַרפרירט, אַטראָפירט. ער האָט אָפּגעשאָרן די לאָקן און אויסגעשטאָכן די אויגן ביי דער אידישער ליטעראַטור! די פּאָעזיע אין זיינע הענט גייט אויס ווי אַ פיש אויפ׳ן ברעג. די בעסטע ווערק פאַלן פון זיין אָטעם ווי פויגל אין אַ שווערן פראָסט. ווען די רוימער האָבן פאַרניכטעט קאַרטאַגאָ האָבן זיי צעאַקערט די שטאָט און באַשאָטן דאָס פעלד מיט זאַלץ עס זאָל דאָרט מער קיינ־

מאָל גאָרניט וואַקסן. ניגער'ס קריטיק איז אַזאַ מין שיכט זאַלץ אויף דער אידישער ליטעראַטור!

אין דער גסיסה פון דעם אידישן בוך האָט קיינער נית אַזאַ חלק ווי ניגער. אַז דאָס גרעסטע בוך ווערט עפּיס איינגעדאַרט און איינגעשרומפּן אונטער זיינע הענט! עס איז באַקאַנט אַ פאַל, וואו אַ לעזער האָט באַשטעלט אַ בוך, און דערנאָך האָט ער עס אָפּגעזאָגט, ווייל... ווייל אינצווישן האָט ער געליענט ניגער'ס אַ קריטיק. און ניגער האָט געלויבט דאָס בוך!

דער דיכטער א. לוצקי האָט עס אַלץ אַזוי גלענצענד אויסגעדריקט אין אַ „פּאָרטרעט" פון ניגער'ן: ניגער — האָט ער געשריבן — שטייט ביים עמוד פון דער אידישער ליטעראַטור און שאָקלט זיך און שאָקלט זיך, נאָר מען וויים נית, וואו ער האַלט; ניגער שרייבט אַ קריטיק — דאָס באַגלייט ער שוין נאָך אַ אידיש בוך צו קבר־ישראל... ניגער — אַ נאָנע, אַ וואָרענע...

לוצקי'ס בילד פון ניגער'ן איז באמת טרעפליך. דאָס בעסטע וואָס ניגער האָט געשאַפן אין די לעצטע פופצן יאָר איז לוצקיס פּאָרטרעט פון אים. כאָטש איך דענק ס'איז ריכטיקער צו זאָגן, אַז ניגער דאַווענט אין פּאָליש איידער ביים עמוד. אינעווייניק אין שוהל שטייט די ליטעראַטור און דאַווענט, דרויסן אין פּאָליש דרייט זיך אַרום ניגער, און אַז דאָרט זאָגט מען די הויכע שמונה־עשרה, שטייט ניגער דאָ און שרייט ברוך הוא — אָמן, און ווען דאָרט האַלט מען בא „עלינו", גיט ניגער דאָ אַ שפּיי. און אָפט פּאַסירט עס פאַרקערט, אַז ער שפּייט אויף דער הויכער שמונה־עשרה און שרייט אָמן, וואו מען דאַרף שפּייען, און נית אַלעמאָל קומט עס פון טעמפּקייט...

שרייען אָמן אָדער שפּייען — דאָס איז ניגער'ס גאַנצע קריטיק.

דאָס פּלאַץ דערלויבט מיר דאָ נית זיך אַריינצולאָזן אין אַן אַנאַליז פון ניגער'ס קריטיק. כ'וועל אָבער, לויפנדיק, זאָגן, אַז בדרך־כלל באַשטייט ניגער'ס אַ קריטיק פון דריי טייל,

לאמר אזוי צו זאָגן: חיים ברוך האָט נאָר וואָס ארויסגע־לאָזט א ניי בוך. דאָס איז שוין דאָס פינפטע בוך. די זאכן וואָס גייען אריין אין דעם בוך זענען שוין פריער געדרוקט געוואָרן אין זשורנאַלן דאָרט און דאָרט. רוטינע. ערשטער טייל.

צווייטער טייל: בא חיים ברוך'ן איז עס ניט אזוי וואָס ער זאָגט, נאָר ווי ער זאָגט עס. און אמאָל גייט עס פאר־קערט: בא חיים זרח'ן איז עס ניט אזוי ווי ער זאָגט, נאָר וואָס ער זאָגט. (דער קורסיוו איז זיינער). דאָס איז ניגער'ס גאַנצער קריטישער אינהאַלט. צווייטער טייל.

און דער דריטער טייל: הורא פאר דער אידישער לי־טעראַטור!

און דאָס איז דער וויכטיקסטער טייל בא אים. גלאָצן מיט די אויגן, פאָכן מיט דער פאָן, קרעכצן פאַטריאָטישע ווייטאָגן אויף דער אידישער ליטעראַטור — דאָס איז בא אים דער עיקר. מיט דעמדאָזיקן דריטן טייל פאר־דעקט זיך שוין די לײדיקייט פון די ערשטע צוויי. און פאר דעם דאָזיקן הורא־שרייען און קרעכצן זענען אים שוין א סכ'ן מוחל זיין לײדיקייט און פלאַכקייט, טרוקנקייט און מיזערנעקייט: אידישיסטן, ליבהאָבער פון דער אידישער ליטעראַטור, פאַטריאָטן. די אידישע ליטעראַטור פירט אָן אָרים לעבן, די קריטיק איז דער פארוואָרלאָזסטער טייל אין איר, און די חזקה (פריץ־פאראיין חזקה!) אויפ'ן שטיקעל „עמוד" וואָס איז דאָ, האַלט ניגער זינט די טעג פון יענעם ערשטן גלאָנץ־בוך. און אזוי שלעפט זיך די צרה. און ווי זאָגן די שניידער א ווערטל: פון א צרה ווערט א מאָדע...

אָה, די חזקה, די אָרענדע! קיינער טאָר עס ניט אָנ־רירן! פאראן בא אונז א מענטש מיט קאָלאָסאַלע פאר־דינסטן פאר דער אידישער ליטעראַטור, יואל ענטין. ער האָט א דור, צוויי דורות אימיגראַנטן אויפגעצויגן מיט וואָרט און פעדער פאר ליטעראַטור און טעאַטער. פון זיין פעדער ליגן פאַנאַנדערגעוואָרפן פערל פון קריטיק איבער

פערציק יאָר אידישע צייטונגען און זשורנאַלן. און ער פאַרשטייט ליטעראַטור מיט דער נשמה, ניט מיט אַ בלעטערנעם פינגער. האָט ער ארויסגעלאָזט אַ ביכל וועגן עטליכע אידישע שרייבער. איז אים ניגער באַפאַלן מיט אַ רציחה אַזוי ווי ער וואָלט געווען עפּיס אַ גאַסן־יונג: מען גייט אויף דער ערענדע!...

און ענטין איז ניט דער איינציגער פאַל. ב. ריווקין איז אַ צווייטער. מיט׳ן שטורם פון איין שורה ריווקינ׳ס קען מען צעבלאָזן ניגער׳ס גאַנצן באַרג מיט קריטיק. נאָר ווי האָט עס ניגער זיך איזדיעקעוועט איבער דעם מענטשנ׳ס שרייבן...

און ניגער האָט די זאַך איינגעשטעלט אַזוי: ווען ער זידלט אַ מענטשן הייסט עס ער קריטיקירט. און ווען עמיצער קריטיקירט אים ווערט אַ גוואַלד: מען זידלט די אידישע ליטעראַטור.

ווי קאָמיש דאָס איז: קריטיקער ניט על פּי טאַלאַנט, נאָר על פּי חזקה... און על פּי יד חזקה...

בלויז די נאַאיווע לייענער פון דער אידישער ליטעראַטור, ליטעראַרישע אלף־בית׳ניקעס, האַלטן נאָך ניגער׳ס קריטיק פאַר קריטיק, אָבער די בעסערע אידישע לייענער דערוואַרטן שוין לאַנג פון ניגער׳ן גאָרניט. זיי ווייסן: ער שרייבט און שרייבט און דערשרייבט זיך צו גאָרניט. אפילו על פּי טעות כאַפּט זיך קיינמאָל ניט ארוים פון זיין פעדער אַן אינטערעסאַנטער אָדער וויכטיקער שריפטשטעלערישער אויפטו. און דאָס איז ביז גאָר מאָדנע. וואָרום אפילו אַ זייגער וואָס שטייט ווייזט דאָך אויך צוויי מאָל אין טאָג ריכטיג די צייט!

ניגער איז אפילו ניט קיין שלעכטער זייגער...

דאַרף מען נאָך אָנווייזן דערויף, אַז צו אַלע זיינע מעלות, אין דער ביסל מיינונגס־אָרימקייט, וואָס ער פאַרמאָגט, פעלט אים נאָך איבערצייגונג, פעסטקייט, זיכערקייט און גראַדקייט? מיט דעם ביסל פאַרמעגן, מישטיינס געזאָגט, איז ער נאָך אויך ניט „זיכער".

און אזוי ווי עס וואָלט אים ווייניק געווען לאַנגוויי־ליקייט דאָ איז ער געפאָרן ברענגען נאָך פון מרחקים. די לעצטע יאָרן האָט ניגער באַרייזט אַ סך לענדער און האָט די רייזעס באַשריבן. ווען איינער קומט אין אַ נײַ לאַנד באַפאַלן אים נײַע בילדער און געדאַנקען ווי די פליגן. און ניגער, אין די מײַלן־לאַנגע רייזע באַשרײַבונגען זײַנע, צי האָט ער געבראַכט איין נײַע זעאונג? ניט אַ שאָטן פון אַ זעאונג, פון אַ בילד אָדער געשטאַלט. אזוי ווי ער וואָלט געפאָרן אין אַן אייביקן מדבר, אָן אַן אַאַזיס און אָן אַ מיראַזש. ווען ער וואָלט אויפ׳ן וועג ערגעץ געווען אָנטרעפן דעם גן־עדן — פון זײַנע באַשרײַבונגען וואָלט דער עץ־החיים געשטאָרבן, און פון דעם עץ־הדעת וואָלט אַרויסגעקומען אַ נאַרישע קלאָץ, גוט נאָר אויף פלעקער און צאָנשטעכער...

ס׳איז ניט, גאָלע ניט. און מיט אָט דעם גרויסן, אומ־ענדליכן ניט, אין זײַן קריטיק ווי אין זײַן גאַנצן שרײַבערישן טרײַבן, גייט ער עס „ציוויליזירן" די קאָמוניסטן, באַקערן זיי, מאַכן פון זיי צדיקים!

נאָר אָפּנים די קאָמוניסטן זענען גרעסערע בריה׳ס פון ניגער׳ן, און איידער ער האָט זיי געמאַכט פאַר צדיקים, האָבן זיי אים געמאַכט פאַר אַ רשע. זײַן אַרטיקל וועגן די זעכצן הינגעריכטעטע באַלד נאָכ׳ן ערשטן מאָסקווער פּראָצעס איז געווען אַ שטיק רשעות, וואָס האָט געקאָנט געבאָרן ווערן נאָר אין קאָמוניסטישער טומאה („טאָג", אויגוסט 27, 1936). ס׳איז געווען ניט קיין אַרטיקל, נאָר אַ פלעק אויף אַ געווויסן. מיט אַ ווילדער רציחה האָט ער מיט די פיס געטראָטן די פרישע מתים און געשפּיגן אויף זיי עפּעס מיט אַזאַ העס־ליכער שפּייעכץ און זיי גערופן: פּאַסקודניאַקעס, נבזה׳ס. עס האָט געשטימט גוט מיט׳ן כאָר פון סטאַלינ׳ס קאָמוניסטן אין יענע טעג.

נאָר צו רשעות דאַרף מען אויך האָבן טאַלאַנט. די גע־דאַנקען פון יענעם אַרטיקל זענען געווען קרום און לאָם גלײַך ווי זיי וואָלטן אויפגעשטאַנען פון אַ לאַנגער שלאָפיקער קרענק. ניגער האָט אָפּגעפרעגט די גאַנצע זאַך, צי זינאָוו־

עוו איז גאָר לחתחילה ווען עס איז געווען אַ סאָציאַליסט אָדער קאָמוניסט. פאַר לעניג׳ען איז ער עס געווען, פאַר ניגער׳ן ניט. און זיין גאַנצע אָפּפרעגעניש אויף וואָס באַגרינ־דעט ניגער? אויף זינאָוויעוו׳ס שטימע. ער האָט אַמאָל געהערט זינאָוויעוו׳ן ריידן, און ווענדיק זיין „ליטעראריש־פּסיכאָלאָגיש״, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קריטיקער, שרייבט ער: „כ׳האָב אין זינאָוויעוו׳ס קוויטש ניט געהערט קיין גוטע בשורה אויף דער צוקונפטיגער סאָציאַליסטישער פירער־שאַפט... כ׳האָב זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז פון זיין הייזעריקייט זאָל אַרוים דער טאָן פאַר דער מוזיק פון דער צוקונפט״... „און געווען איז עס נאָך,—שרייבט ניגער,—אין די צייטן, ווען קיינעם איז נישט איינגעפאַלן גאָר חושד צו זיין אים אין אַזעלכע נבלה׳ס...״

אַ ווייטער קוק ביי ניגער׳ן, מען קען נישט זאָגן. עס איז באַלד ווי דער מופת פון יענעם רבי׳ן, וואָס האָט אין דעם חזנ׳ס „שמע ישראל״ דערקענט, אַז ער איז ניט געגאַנגען אין מקוה פאַר׳ן דאַווענען.

און אַזוי באַשאַפט ניגער אַ טשיקאַווע טעאָריע (ווידער אַ „טעאָריע״ ביי ניגער׳ן!), נעמליך, אַז די בעסטע סאָציאַ־ליסטן דאַרפן זיין די חזנים... און כאַריסטקעס, להבדיל.

אָבער מיר׳ן צוריקגיין צו ניגער׳ס „טעאָריע״ פון פאַר־איניקטן פראָנט. מיר האָבן שוין געזען צוויי יסודות פון זיין טעאָריע: דעם העלדישן יסוד פון קאַמף מיט די קאָמו־ניסטן און דעם מיסיאָנערישן יסוד פון באַקערן זיי צו קריסט־ליכקייט. ניגער האָט אויך אַ דריטן יסוד, וואָס איז דער אמת׳ער יסוד זיינער, און וואָס ער וויל פאַרבאָרגן, נאָר ער סטאַרטשעט אַרויס: ניגער איז איבערגעשראָקן פאַר׳ן קאָ־מוניזם, און וויל גלייכער זיין אויף דער „ריכטיקער״ זייט איידער אויף דער קעגנערישער. אַזוי שרייבט ער אין דעם זעלבן ענטפער צו די פּועלי־ציון־צעירי־ציון:

„קאָמוניזם איז ניט אָלגין; קאָמוניזם איז ניט די „מאָרגן־פרייהייט״; קאָמוניזם איז ניט די אידישע ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי... ס׳איז אָן אומרו, אַן

אויפּברויז, אַ גרויסע צערודערטקייט, אַ געפיל פון ביטערניש און אַן ענטוזיאַזם פון גלויבן, וואָס כאַפּט אַרום אַ וועלט מיט מענטשן, צינדט אָן די מאַסן, פאַר׳כישופ׳ט די יוגנט... אַזאַ באַוועגונג, אַזאַ רעליגיע קאָנען מעכטיקערע פון אונז ניט האַלטן אונטער׳ן שלאָס. אירע קערנדלעך וואַקסן אונטער די פיס, וועלכע ווילן זיי צוטרעטן. אירע גלויביקע, אירע פּאַנענטרעגער זוכן זיך אָפּ אין די פאַרבאָרגענסטע ווינקעלעך פון אונזער לעבן. ווי וועט איר זיי אַרויסטרייבן? זיי געפינען זיך אין אונזערע היימען, זיי דרינגען אַריין אין אונזערע שולן (אַפילו אין ישיבת ר׳ יצחק אלחנן). זיי פאַרנעמען אָן אָרט אין אונזער ליטעראַטור, אין אונזער טעטער... ווייסט איר וויפיל קינדער?... אָט די אַרבעטער, אָט די סטודענטן, אָט די יוגנט...״

אַ ססרַעק באַפאַלט אייך ממש, ווען איר לייענט דידאָזיקע שורות! איר וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס לייענט איר אין חומש פון פרעה׳ס צווייטער מכה, און אַז די חיה׳לעך זענען שוין בּאַ ניגער׳ן אויפ׳ן טיש, אין זיין דייזשע, אונטער זיין בעט, און אָט־אָט שוין בּאַ אים אין די שקאַרפּעטקעס. נאָר אסור אויב פרעה איז געווען אַזוי דערשראָקן ווי ניגער. פרעה האָט גערופן חרטומים, זיך געפרואווט שטעלן קעגן משה רבינו, אָבער ניגער — ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין די אָרימס פון משה אַלגין.

וואו איז אַהינגעקומען זיין קעמפערישע העלדישקייט, וואָס ער האָט ערשט אַזוי פייערליך פּראָקלאַמירט? רעדט דאָ אַ העלד, אָדער דאָס ציטערט אַ האָז?

און ווייטער שרייבט ניגער צו די פועלי־ציון־צעירי־ציון:

„ווייסט איר, חשוב׳ע פריינט, וויפיל קינדער מיר וואָלטן געדאַרפט אויסשליסן פון אונזערע מיטל־שולן? ווייסט איר, ליבע חברים, וויפיל קינדער די לערער פון אייערע מיטל־שולן וואָלטן ניט געטאָרט מער אַרויפלאָזן אויפ׳ן שוועל? און וואָס עפּעס נאָר לערער? וואו זענען די עלטערן? זענען עלטערן פטור פון מצוות? אויב דער זון איז קאָמו־

ניסטיש געשטימט, זאָלן די עלטערן זיין טאָלעראַנט צו דעם בן־סורר ומורה? זאָלן זיי נאָך אַלץ האָבן מיט אים אַ מגע־ומשא? צו איין פאַראיין געהערן מיט אים טאָרן זיי ניט, און געבן אים אַ היים מעגן זיי יע?״

אָך, ס'אַ חורבן עס קאָן אונז באַפאַלן, אויב מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון דער קלייניקייט — ״געהערן״ מיט די קאָמוניסטן צו ״איין פאַראיין״. (ווי פשוט דאָס זעט אים אויס!) געדענקט איר יחזקאל הנביא'ס זעאונג פון'ם טאָל מיט די ביינער? אַ קינדערשע קאָמפּאָזיציע אין פאַרגלייך מיט ניגער'ס זעאונג! ביינער, אַ הויפן ביינער וועט נאָר פון אונז בלייבן...

ניט קיין העלדישקייט ליגט הינטער דידאַזיקע ווערטער, נאָר אַ גרויסע שרעק. דער פייגלינג סטאַרטשעט דאָ ארוים איבער דעם העלד. וואָס איז ניגער אַזוי דערשראָקן? זעט ער שוין טאַקע דאָס אָנקומען פון ״יענעם טאָג״ און נעמט שוין באַצייטנס קלעטערן אין קאָמוניסטישן וואָגן?

די גייסטיקע גבורה וואָס ניגער ווייזט דאָ ארוים, איז ממש אין די ״קראַליקעס״ צו פאַרשרייבן. פּונקט אַזאַ גייס־טיקע גבורה דאַרף מען טאַקע דערוואַרטן פון דעם וועכטער פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס איז די וועכטערין פון דעם אידישן גייסט, וואָס איז טויזנטער יאָרן געשטאַנען אַליין מיט מוט און שטאָלץ און איבערצייגונג קעגן רעליגיעס ״מעכטיקערע פון אונז״ און קעגן שונאים, וואָס מ'האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען וועט ״זיי ארויסטרייבן״.

נאָר עס איז גאַנץ ווייט פון מיינע געדאַנקען צו זוכן בּאַ ניגער'ן גייסט אָדער גבורה. איך וואָלט נאָר געוואָלט באַרו־היגן זיינע נערוון און אים אָנווייזן, אַז נאָר אין זיין צעשראָ־קענער פאַנטאַזיע זעט ער, ווי דער קאָמוניזם ״כאַפּט ארום אַ וועלט מיט מענטשן״. ווען דער קאָמוניזם וואָלט טאַקע ארומגעכאַפּט אַ וועלט מיט מענטשן, וואָלטן דאָך די קאָ־מוניסטן זיך אַזוי ניט געבעטען בּאַ ניגער'ן מיט'ן פאַראיי־ניקטן פראָנט.

זאָל נאָר ניגער ניט פאַרבייטן די וועלט מיט זיין

וועלט. אין דער גאַנצער ענגלישער אימפעריע זענען מסתמא נישטאָ אַזוי פיל קאָמוניסטן ווי אין ניגער'ס וועלט — פון איסט בראָדוויי ביז יוניאָן סקוועער. און וואָס שייך „יענעם טאָג" דאַרף זיך ניגער ניט אַזוי שרעקן: קוואַטש שרייבן וועט מען שטענדיק קענען, און אויף געשטעלט ווערן „צום ווענטל" וועלן זיין בילכערע ווי ער...

און נאָך אַ טשיקאַווע, פסיכאָלאָגישע טענדענץ פילט זיך בא ניגער'ן: ווי באַלד שוין דערשראָקן איז שוין בע־סער זיין פאַרליבט... דערמאָנט אייך נאָך אַמאָל זיין אויס־גוס וועגן דעם קאָמוניזם אַלס „אויפבּרויז" און „אומרו" און „רעליגיע" — וואָס פאַר אַ וואַרימקייט, וואָס פאַר אַ באַ־גייסטערונג! ווען האָט מען געהערט ניגער'ן רעדן מיט אַזעלכע פלאַמען? געוויינליך, אַז מען לייענט ניגער'ן דאַרף מען אָנטאָן אַ פעלץ אין תמוז, אפילו ווען מ'איז אַ חכם ניט קיין חמור. ער איז די פולשטענדיקסטע אַפּליקנונג פון זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע פון דעם פאַרפלוכטן, הייסן אי־דישן בלוט. און דאָ אַזאַ היץ!

אָנגעצונדען און פאַרברענט אַזוי האָט אים די קאָמו־ניסטישע יוגנט, די קינדער, די סטודענטן (ער איז קיינמאָל קיין סטודענט ניט געווען, האָט ער גרויס אָפּשיי פאַר סטו־דענטען). „די יוגנט, ווייסט איר וויפיל יוגנט, וויפיל קינדער" שרייט ער. אַך די יוגנט, די יוגנט! „דהאַט סקולגוירל קאָמפּלעקשאָן"... איז עס נישט קיין חידוש. אַמעריקע איז אַ לאַנד פון יוגנט, אַ לאַנד, וואו מענער פאַרלייקענען יאָרן אַזוי ווי ווייבער, און ניגער גרינט זיך אויס. שוין צייט. און זינט דער מלחמה, איז ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אי־בער דער גאַנצער וועלט, געגאַנגען דער געשריי קעגן דער אַלטוואַרג, וואָס האָט פאַראומגליקט די וועלט און פאַר דער יוגנט, וואָס וועט זי אויסלייזן. און זי האָט אויסגעלייזט! אדרבא, קוקט אויף דייטשלאַנד, אויף איטאַליע. אגב, וואָלט ניגער דאָרט אויך געלאָפן מיט דער יוגנט?

נאַטירליך, ס'איז אונז ניט גלייכגילטיק וואוהין די יוגנט לויפט, צום קאָמוניזם אָדער צום פאַשיזם. אָבער דאָ

רעדט זיך ניט וועגן פאַשיזם אָדער קאָמוניזם. דאָ רעדט זיך וועגן דער יוגנט. און ווי אַזוי די יוגנט קלייבט אויס אירע באַוועגונגען ווייסן מיר. דורך טראַכטן און דער־טראַכטן זיך? דורך פאַרגלייכן טעאָריעס און באַוועגונגען און ציען שלוסן? הויבט זיך ניט אָן. דורך בלינדן הינ־געריסן ווערן. וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז דער קאָמו־ניזם פאַרמאָגט דעם צויבער, וואָס קען מיטרייסן די יוגנט און עס וואָלט געווען אַ פּראָוואָ־שטיין אי פאַר׳ן קאָמוניזם, אי פאַר דער יוגנט — ווען עס וואָלט נישט געווען פּונקט אַזאַ גרויסע באַגייסטערט־מיטגעריסענע יוגנט ביים נאַציזם און פאַשיזם. און זעענדיק די ראָלע, וואָס די יוגנט שפּילט אין דער געשיכטע פון אונזער צייט, דענק איך גאָר, אַז עס קומט אַ מאָנומענט דעם פּראָפעסער פונ׳ם לידל, וואָס איז ערשט אַזוי פּאָפּולער געווען אין אַמעריקע:

I don't want to make history,
I just want to make love.

איך ווייס ניט צי דער פּראָפעסער פון דעם לידל האָט עס געמיינט — מסתמא ניט, אָבער וואָס פאַר אַ גרויס־אַרטיקע פאַראַכטונג צו דער אַזוי גערופענער „געשיכטע־מאַכנדיגער" יוגנט! זאָל זי שוין בעסער גיין שפּילן ליבעס, איידער זיך שפּילן אין געשיכטע.

יאָ, אַ וואונדערבאַרע יוגנט די קאָמוניסטישע. מען האָט איר געהייסן דראַפּען די אויגן, איז זי געוואָרן אַ קאַץ און האָט אייך געדראַפּעט די אויגן. מ׳האָט איר געהייסן „בויערן פון אינווייניק", איז זי געוואָרן אַ מויז און האָט שטיל געבויערט און געגריזשעט פונדאַמענטן. איצט הייסט מען איר מאַכן אַ פאַראייניקטן פראָנט, איז זי געוואָרן אַ זינג־פויגעלע און זיצט אויף אייער פענצטער און פּישטשעט טאָג און נאַכט: פאַראייניקטער פראָנט, פאַראייניקטער פראָנט. ניט זי האָט געוואוסט פריער פאַרוואָס קאַץ און מויז, ניט זי ווייס איצט פאַרוואָס אַ זינג־פויגעלע. און ווען מען וועט איר הייסן צוריק ווערן אַ קאַץ, וועט זי אויפעסן דאָס פויג־

געלע מיט די פעדערן אינאיינעם. וואָס פאַר אַ וואונדער־באַרע יוגנט!

ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ יוגנט, פון וועלכער ניגער איז אפּנים זייער ווייניק אַנטציקט: די סאָציאַליסטישע. און זי איז גראָדע די וואונדערבאַרסטע. און די וואונדערבאַרסטע איז זי דערפאַר, וואָס זי איז בייגעשטאַנען אַלע רופן צו אי־רע צעשערערישע אינסטינקטן. וואָרום מען האָט, צוזאַמען מיט דער גאַנצער יוגנט פון דער וועלט, זי אויך געלאָקט מיט אַלץ, וואָס אַפּעלירט אַזוי צו די יונגע הערצער—מיט פּאַ־ראַדן און פאָנען, מיט פּויקן און טראָמפּייטן, מיט הבטחות אויף גילדערנע בערג, מיט באַפרייען פון אַלע עטישע יאָכן, היתרים צו שפּייען אויף טאַטע־מאַמע, אויף וואַרפן שטיי־נער אין פרעמדע שויבן, און מיט ספּעקטאַקלען פון פייער און בלוט. און זי, די סאָציאַליסטישע יוגנט, האָט אַרויס־געוויזן די גבורה, וואָס איז די גרעסטע פון אַלע גבורות: אין אַ דעמאָראַליזירטער וועלט איז זי געבליבן שטיין אַ לעצטע, געטריי וואַך איבער דער מאָראַל פון אַלע מאָראַלן, איבער'ן גוטן פּרינציפּ — ווירקליך און אמת אַ וואונ־דערבאַרע יוגנט! וואָרום דער חילוק צווישן דער סאָצי־אַליסטישער יוגנט פון איין זייט און דער קאָמוניסטישער און פאַשיסטישער יוגנט פון דער אַנדערער זייט, איז דער חילוק צווישן סאָציאַליזם, קאָמוניזם און פאַשיזם בכלל: סאָציאַליזם וויל טאָן גוטס דורך גוטס; קאָמוניזם — גוטס דורך שלעכטס; פאַשיזם — שלעכטס דורך שלעכטס.

ניגער'ן ציט אָבער דווקא צו דער קאָמוניסטישער יוגנט. געווען אַ צייט, ווען די דאָזיקע יוגנט, ווען מען האָט איר גע־הייסן, האָט אים געשפּיגן אין פּנים און אויסגעפייפט גאַנץ הילכיק. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען דער קאָמוניזם האָט זיך נאָך געפילט ווי אַ יונג, שיין און פאַרשייט מיידל, וואָס בריקעט זיך און איז שטאַרק איבערקלייבעריש. זי איז דעמאָלט געווען אַזוי זיכער מיט זיך, אַז זי האָט די שענסטע קאַוואַליערן געטריבן פון זיך. יע, זאָל מען ניט פאַרגעסן, אַז זי איז דאָס געווען, וואָס האָט איינגעפירט חרם אויף קעגנער,

און זאָל מען ניט מיינען, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג דאַרף זיך אָפּטראָגן אָדער קומען צולויפן, ווען די קאָמוניסטן פאַרווילט זיך, און ווי אַזוי זיי פאַרווילט זיך. איצט איז זי שוין נע־בעך אין דער בחינה פון אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער מויד, וואָס וויל שוין מער גאָרניט, נאָר חתונה האָבן. חתונה האָבן! אַ פאַראייניקטער פראָנט! דאָס איז איצט איר איינציקע זאָרג. חתונה האָבן אונטער אַלע אומשטענדן, מיט אַבי וועמען!...

אָבער קיינער וויל זי שוין ניט. דוכט זיך, אַז אפילו „פאַטהער דיוואַין" האָט איר אָפּגעשיקט די תנאים. האָט זיך ניגער דערבאַרימט אויף איר.

עס ווילט זיך אים — קינדער און רעליגיע...

יע, אין אירע פאַרשייטע יאָרן האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג געבראָכן, געשטאָכן, אַלץ און אַלעמען גע־טראָטן מיט די פיס, און דערביי אויפגעטאָן איין קלייניקייט: חרוב געמאַכט די דעמאָקראַטיע און איר קולטור אין איין האַלבער וועלט, און רואינירט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער אַנדערער האַלבער וועלט. נאָר אַזעלכע קלייניקייטן קאָן ניגער מוחל זיין. די ליבע, ווי באַוואוסט, איז בלינד. בפרט נאָך דאָ, אַז דער ליבהאָבער איז אויך אַ בלינדער...

פאַר דער צייט אָבער, וואָס די קאָמוניסטישע באַווע־גונג איז געווען אַזוי פאַרשייט, איז מיט איר אַליין אויך עפּעס געשען: אין דעם פּראָצעס פון ברעכן און שטעכן, האָט זי פאַרלוירן די מיידעלשע כחות, און פון אַ פּול־בלו־טיקן קאָמוניזם איז זי סוף כל סוף דערגאַנגען צום וואַסער־דיקן פאַראייניקטן פראָנט.

דער קאָמוניזם, דער פּול־בלוטיקער, דער פאַנאַטישער, דער סעקטאַנטישער, דער שטירמישער און ברעכערישער — פאַר אים האָבן שוואַכע הערצער געמעגט האָבן מורא, מוטי־קע הערצער האָבן געמוזט האָבן דרך־ארץ, און מענליכע הערצער האָבן געקענט האָבן ליבע. אָבער פאַר'ן מוטנעם וואַסער פונ'ם פאַראייניקטן פראָנט — וואָס?

נאָר פונקט דעמאָלט, ווען פון דעם קאָמוניזם איז אַוועק

דער הערָאאישער אידעאַליזם, זיין שטירמישער וואוט, זיין שרעקליכע שיינקייט, פונקט דעמאָלט איז ניגער באַגייס־טערט געוואָרן איבער זיין אויפברויז, זיין אומרו, זיין רע־ליגיע.

ס׳איז מער גאָרניט, מיסטער ניגער, ס׳איז ניט מער קיין אויפברויז, ניט מער קיין אומרו, ניט מער קיין רעליגיע, ס׳איז געוואָרן — ניט.

אָבער דוקא דערפאַר איז עס געוואָרן א פאַסיקע פאָר פאַר ניגער׳ן.. ממש א זיווג מן השמים: ניט מיט ניט...

מיסט אין די ווינטן

מ. אַלגין

פעלזן אין אַ שטורם ווערן געשמיסן אָבער זיי רירן זיך ניט פון אָרט. בוימער האַלטן אויס אָדער ווערן איבער־געבראָכן. אָבער מיסט און שטויב — זיי איז וואויל: זיי כאַפּן זיך ארויף אויפ׳ן שטורם און פליען וואוהין ער טראָגט. פאַר זיי איז עס גאָר אַ טאַנץ אזא.

און דאָס מיסט קריכט אריין מענטשן אין די האָר, אין די אויגן, אונטער די נעגל, און מען מוז גיסן וואסער אויף זיך, זיך צו רייניגן און וואשן פון אים.

לאָמיר אָפּגיסן נעגל־וואסער!

אַלגין האָט שוין אָנגעשריבן בערג. גאַנצע וועלדער זיינען שוין אוועק אין ניוועץ אויף פאַפּיר פון זיינעטוועגן. און נעמען דורכזיפּן זיין שרייבן איז אַן ארבעט וואָס מען טאָר אפילו קיין קאַטאָרזשניקעס ניט פארגעבן, פשוט פון צער בעלי חיים.

איך וויים אָבער פון אַ ביכעלע ביי אים וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. ס׳איז אַ קליין ביכעלע, אָבער ס׳איז דאָרטן דאָ דער גאַנצער אַלגין: פאַר אַ קליין מענטשעלע איז אַ קליין ביכעלע גענוג. דאָס ביכעלע הייסט: „אב. קאהאן״, און איז ארויסגעגעבן געוואָרן, 1935, פון דער אידביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פארטיי אין אמעריקע.

איז דאָס ביכעלע ווי מען זאָגט — אַ קליינס, אָבער אַ רעכטס.

ווי יעדע זאַך, קען עס באַטראַכט ווערן פון פאַרשיי־דענע שטאַנדפּונקטן. אָבער דער אינטערעסאַנטסטער שטאַנדפּונקט, און דער שטאַנדפּונקט פון וועלכן איך האָב עס בדעה דאָ צו באַטראַכטן, איז ווי פון אַ מענטשלעכן דאָקומענט, אַ דאָקומענט קודם־כל וועגן דעם מענטשן אַלגין.

דאָס דאָזיקע ביכעלע בעט זיך ממש מען זאָל עס אַזוי באַטראַכטן און עס איז זייער טשיקאַווע גראָד פון אַזאַ שטנדפּונקט. וואָרים אָנגעשריבן געוואָרן איז דאָס ביכעלע פון אָנהויב ביז'ן סוף וועגן קהאַנ'ען, נאָר אַרויסגעקומען איז גאָר אַלגין! און איז עס ניט מאָדנע: אַ מענטש מאָלט אַ פּאָרטרעט פון אַ צווייטן, און עס קומט גאָר אַרויס זיין אייגענער פּאָרטרעט, אַ געמאָל פון אים אַליין! און אין פולער גרויס, און אין פולער נאַקעטקייט, און אומפאַר־שעמט, און אַזוי קאָמיש . . .

און דער קאָמיזם איז פון דעם סאָרט וואָס פּאַיאַצן פּראַקטיצירן אָפט: דער פּאַיאַץ וויל זיך כלומר'שט צודעקן און דעקט זיך גאָר אָפּ, ער וויל אויפשטיין און פאַלט אַלץ צוריק, ער וויל אַריין אין די הויזן און קריכט גאָר פון זיי אַרויס.

און פּאַיאַצן, ווייסן מיר, זיינען אָפט גאָר טראַגישע מענטשן. מיר ווייסן עס פון די אָפּערעס און די ביכלעך. איצט ווייסן מיר עס אויך פון אַלגינ'ס ביכעלע וועגן קאַהאַנ'ען.

אַלגין הויבט אָן זיין ביכעלע אַזוי: „רעדט מען וועגן „פאָרווערטס", קען מען ניט אויסמיידן דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אב. קאַהאַן. רעדט מען וועגן קאַהאַנ'ען, קען מען ניט אויסמיידן פּאַראַכטונג".

און שוין גלייך דאָ, אין די ערשטע ווערטער אַלגינ'ס, שפּרינגט פאַר אונז אַרויס דער פּאַיאַץ. וואָרים עס איז באַוואוסט, אַז פון די פיל, פיל מענטשן, וואָס האָבן אין

משך פון די יאָרן געאַרבעט מיט קאַהאַנ׳ען, האָט זיך קיינער אים אַזוי אָפּט ניט דערקלערט אין ליבע ווי אַלגין. אַלגין איז ממש געהאַנגען אויף קאַהאַנ׳ס אָטעם. ער האָט פּשוט געקושט זיינע טריט. וואָס דאַרפט איר מער, ווען אַלגין איז שוין געוואָרן אַ קאָמוניסט און ער איז צום לעצטן מאָל אַוועק פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע, איז ער אַרויפגעפאַלן קאַהאַנ׳ען אויפן האַלז, אים געקושט און געשריען: אַך, ווי ניע זנאַיעטע, קאַק יאַ וואַס ליובליו, טאָוואַרישטש קאַהאַן! (אַך, איר ווייסט ניט, גענאָסע קאַהאַן, ווי איך האָב אייך ליב!). אַ סך מענטשן האָבן עס געזען, ס׳זיינען דאָ לעבעדיקע עדות.

עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין אַלגין געשטאַנען אויף אַ קאָמוניסטישן מיטינג און אָנגערופן קאַהאַנ׳ען מיט אַן אומדרוקבאַרן נאָמען.

ווען עס וואָלט זיך דאָ ניט געהאַנדלט וועגן אַ מענטשן ווי קאַהאַן, וואָלט זיך געוואָלט געבן אַ משל — וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט געהאַט אַלגינ׳ס ערקלערן זיך קאַהאַנ׳ען אין ליבע פונקט אין דעם מאָמענט, ווען ער איז אַריבער צו די קאָמוניסטן. אַלגין, וואָלט איך געזאָגט, איז ווי יענע צנועה, וואָס כאַפּט אַריין מיט אַן אַנדערן ערב דער חופּה, ווייל נאָך דער חופּה וועט מען שוין ניט טאָרן... אָבער אין פאַרבינדונג מיט קאַהאַנ׳ס נאָמען ווילט זיך ניט געבן אפילו אַזאַ אמת׳ע כאַראַקטעריזירונג פון אַלגינ׳ען. לאָמיר עס בעסער דורכלאָזן.

און פון יענעם קאָמוניסטישן מיטינג ביז׳ן היינטיקן טאָג הערט אַלגין ניט אויף צו שרייען אין די גאַסן וועגן זיין שנאה צו קאַהאַנ׳ען.

עס איז ניט קיין נאָווינע, אַז גרויסע ליבע זאָל איבערגיין אין גרויסער שנאה. די פּסיכאָלאָגן ווייסן פון אַזאַ זאַך. ס׳איז אַ פּסיכאָפּאַטישע שנאה. און אַזאַ שנאה איז פיל, פיל שרעקלאַכער און גרויזאַמער ווי די געוויינלאַכע שנאה. נאָר, זאָגן די פּסיכאָלאָגן, הינטער אַזאַ שנאה ליגט אָפּט באַהאַלטן די אַלטע ליבע.

אַלגין'ס שנאה צו קאַהאַנ'ען איז אַ שנאה וואָס איז געקומען פון גרויסער ליבשאַפט. און זי טראָגט אַלע סימנים פון אַ פּאַטאָלאָגישער שנאה. און אויב ס'איז אמת, אַז אַזאַ פיינטשאַפט איז נאָר אַ מאַסקע פאַר ליבע, קען עס, הייסט עס, זיין, אַז אַלגין איז נאָך היינט פאַרליבט אין קאַהאַנ'ען.

אָרימער קאַהאַן...

איז דאָס אַלץ אי קאָמיש, אי טראַגיש. און דערזעלבער קאָמיזם און טראַגיזם אַלגינ'ס קוקט אַרויס פון יעדער שורה אינ'ס ביכל.

למשל: מיט עטלאַכע שורות ווייטער פאַרקלאָגט אַלגין קאַהאַנ'ען פאַר דער וועלט, אַז ער נוצט אויס זיין ציַיטונג, דעם „פאָרווערטס", צו סעטלען זיינע „פּערזענלאַכע קריוור־דעס" דורך איר. פאַרבאָרגט זיך דאָ אויך אַ קראַנקער שטריך פון אַלגינ'ס כאַראַקטער. אין דער דאָזיקער טענה צו קאַהאַנ'ען וויל אַלגין נעבאַך פאַרשרייען אַ זינדיקן געוויסן. וואָרים וואָס קען נאָך זיין זינדיקער און מיאוס'ער ווי דאָס, וואָס אַלגין, זייענדיק רעדאַקטאָר פון דער „פריי־הייט", האָט פאַר זיינע גאַנץ פּערזענלאַכע אינטערעסן אויס־גענוצט אי זיין קאָמוניסטישע ציַיטונג, אי דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן „טאָג"?

וואָס, נישט געהערט די מעשה? אַ שיינע מעשה. הערט אַ מעשה:

פאַראַן אין ניו יאָרק אַ דאַמע. איז זי אַ קינסטלערין. אין דער דאָזיקער קינסטלערין איז אַלגין שטאַרק פאַראינטע־רעסירט. אין איר קונסט, הייסט עס.

מאַכט זיך איינמאָל און די קינסטלערין האָט אַן אויס־שטעלונג. אַלגין איז דעמאָלט רעדאַקטאָר פון דער „פריי־הייט". די „פרייהייט" האָט היינט ניט, און האָט דעמאָלט אויך ניט געהאַט קיין קונסט־אָפּטיילונג. זי איז דעמאָלט געווען, אַזוי ווי זי איז היינט, רק פאַרקאָכט אין רעוואָלוציע. נאָר אַז אַלגין האָט געזען די אויסשטעלונג, איז ער אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער האָט אַלע רעוואָלוציעס אָפּגע־

שטעלט אויף עטלאַכע טעג און האָט געעפנט אַ ספּעציעלע קונסט־אָפּטיילונג אין דער „פרייהייט" פאַר אַן אָפּשאַצונג פון יענער אויסשטעלונג. נישט צוליב פּערזענלאַכע אינטע־רעסן, חלילה, נאָר צוליב דער קונסט.

נאָר פאַר אָלגינ'ען איז נאָך ווייניק געווען וואָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַליין האָט געלייענט וועגן דער קונסט פון דער קינסטלערין. ער האָט נאָך געוואָלט, אַז די צעפּוילטע אידישע בורזשואַזיע זאָל אויך דערפון געניסן. נאַטירלאַך איז דערביי געווען אַ ריין רעוואָלוציאָנערע כונה: זאָל די בורזשואַזיע נאָך איינמאָל הנאה האָבן פון איר לעבן, איידער זי גייט אַוועק פון דער וועלט, וועט איר דער טויט שווערער זיין... נאָר ווי קומט מען צו דער בורזשואַזער פּרעסע, אַז גראָד דעמאָלט האָט אָלגין געפירט אַ קאַמפּיין אין דער „פרייהייט", אַז קיין קאָמוניסט טאָר זיך ניט מטמא זיין מיט לייענען די בורזשואַזע צייטונגען?

אַ געוויינלאַכער קאָמוניסט וואָלט זיך ניט געקענט ספּראַווען מיט דער לאַגע. אָבער ניט אַזוי אָלגין. אָלגין איז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער מיט אַ סך מאָראַלישער קראַפט. האָט ער צוזאַמענגענומען זיין גאַנצן מאָראַלישן כח און האָט אָפּגערופן דעם רעדאַקטאָר פון „טאָג" אויפ'ן טעלעפאָן:

„אָלגין רעדט עס".

דער רעדאַקטאָר פון „טאָג" איז שיער אַראָפּגעפאַלן פון שטול פון איבעראַשונג. און אָלגין זאָגט אים: „איך וויל זיך מיט אייך טרעפן אין אַ זייטיקן פּלאַץ. קיינער דאַרף אונז ניט זען צוזאַמען און קיינער טאָר דערפון ניט וויסן".

זיי האָבן זיך געטראָפן און אָלגין האָט דערקלערט: אַזוי און אַזוי, אַן אויסשטעלונג, זאָל דער „טאָג" שיקן אַ מענטשן און האָבן אַ קריטיק. אַ פּערזענלאַכע טובה. אָבער עס דאַרף זיין אַ גוטע קריטיק.

דער רעדאַקטאָר פון „טאָג" האָט אים דערקלערט, אַז ער קען ניט גאַראַנטירן, אַז דער מענטש וואָס וועט גיין וועט דוקא שרייבן גוט.

אָבער אַלגין איז זייער דערפינדעריש ווען עס קומט צו רעוואָלוציאָנערע טאַטן און ער זאָגט: איך האָב אַן עצה, איך וועל אַליין אָנשרייבן די קריטיק און איר וועט זי אָפּ־דרוקן, נאָר אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען.

אין עטלאַכע טעג אַרום איז אין „טאָג", אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען, דערשינען אַלגינ'ס קריטיק וועגן דער קינסטעלירן.

אין יענער צייט, ווי געזאָגט, האָט די „פרייהייט" גראָד געפירט אַ חרם־באַוועגונג צווישן די קאָמוניסטן געגן די בורזשואַזע אידישע צייטונגען, דעם „טאָג" אַריינגערעכנט.

אַ יאָ אַ שיינע מעשה? אָט אַזוי דערליידיקט אַלגין זיינע פערזענלאַכע אינטערעסן! דער הייליקער אָרכירוי פון קאָמוניזם!

און איך פיל בשום אופן ניט, אַז איך ברעך אַ פאַר־טרויען אָדער טרייב רכילות, ווען איך דערצייל דאָ די געשיכטע. וואָרים דער ליטעראַרישער עולם ווייס דערפון, און אַלגין איז אַן עפנטלאַכער מענטש, און די געשיכטע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פּאָרטרעט, און דער ברייַ־טער עולם האָט אַ רעכט צו וויסן. און קאָמוניסטן האַלטן שטאַרק פון אויפדעקן סודות פון די קעגנער. זיי טראַכטן אַפילו אוים זאַכן, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון „אין קאַמף זיינען אַלע מיטלען כשר".

נו, פרעגט זיך: וואָס טראַכט זיך אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ פּערזענלאַכע געשיכטע אויף זיין געוויסן, ווען ער קומט אַרויס שטראָפן אַ צווייטן פאַר גיין אויף קרומע וועגן מיט פּערזענלאַכע אינטערעסן? גאָט אין הימל איז טאַקע ניטאָ, אָבער גאָט אין האַרצן?!

און אַזוי גייט עס דורכאויס ביי אַלגינ'ען. וואו אַ פעלער, וואו אַן עולה, וואו אַ געזעלשאַפטלעכער „פאַר־ברעכן" האָט ער צענויפגעשאַרט, צונעשפּיצט און אַרויפגע־קלעפּט אויף קאַהאַנ'ען אין דעמדראָזיקן ביכעלע זיינעם. איז דאָ ניט מיין כונה זיך אָנצונעמען פאַר קאַהאַנ'ען. קאַהאַן קען זיין שטעטל גאַנץ גוט אַליין באַשטיין. און קעגן אַ

מיסט־און ווינט־מענטש, ווי אַלגין, איז בכלל ניט נייטיק זיך צו פאַרטיידיקן. אָבער ס׳איז טשיקאַווע צוצוקוקן די קונץ ווי דער פּאַיאַץ וויל אַריין אין די הויזן און פאַלט גאָר פון זיי אַרויס.

אין דעם ביכעלע איז דאָ אַ קאַפּיטל „קאַהאַניזם און נאַציאָנאַליזם״. „קאַהאַנ׳ס נאַציאָנאַליזם״ — זאָגט דאָרט אַלגין—„איז קוגל נציאָנאַליזם אין דער ביליקסטער פאָרמע. זיין רעליגיע איז אַ רעליגיע פון וואולגאַרן סענטימענטאַ־ליזם, מיט אַ רעליגיע פון באַוואונדערונג פון ליובאַוויטשער און גערער רבי׳ן, פאַר׳ן שטריימל און דער הייליקער תורה׳לע״...

פיין. עפן איך אַלגינ׳ס אַ בוך, „ווען דאָס לעבן רופט״, און דאָרט לייען איך אַזאַ בילד:

„יתגדל ויתקדש...

„צוויי דינינקע קינדערשע קול׳עכלאַך הויבן זיך אויף, שטויסן זיך אָן איינס אָן דעם צווייטן, קלינגען און ציטערן און פאַלן אַראָפּ און ווערן פאַרבלאָנדזשעט. צוויי איינזאַמע ליכטעלאַך פלאַקערן אין מיטן א מדבר, ערגעץ ווייט, אַזוי ווייט...

„יתגדל ויתקדש...״

איך גיב אַ מיש דאָס בוך און לייען אויף אַן אַנדער אָרט:

„און דער יונגער לערנער אין גרויסן בית-המדרש הויבט-אויף זיינע פאַר׳חלומ׳טע אויגן פון דעם קליינעם ספר׳ל מיט די וואונדערבאַרע געזאַנגען און זאָגט זיך שטיל מיט די רייד פונ׳ם נביא: „קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים, רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם כי איננו״, עס הערט זיך אַ קול אין דער הויך, אַ קלאָג און אַ ביטער געוויין, רחל באַוויינט אירע קינדער, זי וויל זיך נישט טרייסטן, וואו זיינען זיי?״

איך בלעטער אַן אַנדער בוך זיינס און איך לייען:

„אַט זיצט אַ איד אַ קרעמער... אין אַ וויסט אידיש געסל און וואַרט אויף אַ קונה... דעם קרעמער איז קאַלט און אומע-טיק, אָבער טוט אַ קוק וואָס פאַר א חלומות ער חלומ׳ט! וועגן אַ אידישן קעניגרייך, אַ מלוכה פון גאונים, אַ מלוכה פון מלכים אליין... אַהאַ, אַט דער קרעמער איז גאָרניט אַזאַ קבצן ווי אויך דאַכט זיך״.

אזוי שרייבט אַלגין, און שרייבט עס אין 1921, העט־העט נאָך דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

די „שיינשרייבעריי" פון די אַלע שטעלן בין איך אייך מוחל. ס'איז די באַקאַנטע צעקראַכנקייט פון אַלגינ'ס שרייבן. ס'איז זיין אייביקע חולאת: דיזענטעריע פון גע־פילן. נאָר רעליגיע איז דאָ פאראן פולע צעבערס. איר וואָלט געקאָנט מיינען, דער דובנער מגיד רעדט. נאָר, נאַטירלאַך, אָן דער טיפקייט און דער עכטקייט פון דעם דובנער מגיד, אָדער אַ ליאדן מגיד. דאָ איז אַלץ פאראן ביי אַלגינ'ען: אי דאָס תורה'לע, אי דאָס שטריימעל, אי דער טלית־קטן, אי דאָס זיפצן, מיט איין וואָרט, דער אמת'ער וואולגארער נאציאָנאַליסטישער קוואטש.

אָבער דאָס אַלץ איז ביי אָלגינ'ען, ניט ביי קאהאנ'ען!

און דאָך קומט אַלגין און, אָפן פאַר דער גאנצער וועלט, נעמט ער זיין האַרב און זעצט אים ארויף אויף אַן אנ־דערענ'ס פּלייצעס. כאָטש וואָס איז שייך מיר, וואָלט איך נאָך היינט אָפּגעגעבן דריי אַלגינ'ס פאר איין „לערנער אין גרויסן בית־המדרש". זיבן פאר צוויי.

נאָר די מעשה מיט אַלגינ'ס „קוגעל־נאציאָנאַליזם" איז נאָך אַ קינדער־שפּיל אין פארגלייך מיט דער צביעות, וואָס ער ווייזט ארויס אין דעם קאפּיטל „קאהאניזם און פּאָלי־טיק". ער באהאנדלט דאָרט דעם „פאָרווערטס'עס" פּאָליטיק אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און ער מאכט די שטוינענדיקע באהויפּטונג, אַז דער „פאָרווערטס" „האָט אפילו ניט ארויסגעוויזן קיין פארשטעלטע אָפּאָזיציע צום קריג." פארקערט, לייענט מען אַלגינ'ס רייד, קומט אויס, אַז אין דער צייט פון דער מלחמה האָט קאהאן אנדערש ניט געלאָזט דרוקן דעם „פאָרווערטס", ווי שיער ניט מיט מענשלאַך בלוט אָנשטאָט טינט. צווערשט מיט'ן בלוט פון די עלאָים און דערנאָך פון די דייטשן.

וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אָלגין האָט געקעמפט ווי אַ לייב און אַ לעמפּערט געגן דעם קריג. הויבט זיך ניט אָן. ער איז דעמאָלט געווען אַ מיטארבעטער אין „פאָר־

ווערטס" און ער איז גראד געווען דער אמת'ער פייערדיקער קריגס־פאטריאט. דער „פארווערטס", דורך די מלחמה־יארן, איז אנגעפיקעוועט מיט באגייסטערטע מלחמה־ארטיקלען פון אלגינ'ס פעדער.

לייענט, למשל, וואס ער האט געשריבן אין „פאר־ווערטס" פון 8טן יולי, 1917, צוויי מאנאטן נאכדעם ווי אמעריקע איז אריין אין קריג. עס האט זיך געהאנדלט וועגן דער בארימטער „ארבעטער קאנפערענץ", וועלכע האט אנ־גענומען אן אמת־רעוואלוציאנערע שטעלונג געגן דעם קריג. איין פונקט אין דער פלאטפארמע פון דער ארבעטער־קאנ־פערענץ האט זיך באצויגן אויף געצוואונגענעם מיליטער־דינסט אדער „קאנסקריפשאן" און האט זיך געלייענט אזוי: „מיר פארפליכטן זיך צו ארבעטן פאר אפשאפן געצוואונ־גענעם מיליטער־דינסט". שטעלט אייך פאר: אזא שטע־לונג ווען דאס לאנד איז שוין געווען צוויי מאנאטן אונטער קריגס־רעזשים!

דער „פארווערטס", רעדאקציאנעל, האט געשטיצט די דאזיקע שטעלונג. אבער לייענט וואס אלגין שרייבט. ער רעדט וועגן דעם קאנסקריפשאן־פונקט און זאגט:

„די רעזאלוציע איז אן אומזין... אין בעסטן פאל וועט זי בלייבן אויפ'ן פאפיר; אין ערגסטן פאל וועט מען קלאפן אין א טיר, וועלכע קען ניט ווערן געעפנט. טאמער בלייבט זי אויפ'ן פאפיר, וועט זי נאר שאדן דערמיט, וואס זי וועט געבן די שונאים אן אויסרייד צו טענה'ן, אז מען איז געגן פאטערלאנד. פרעגט זיך, צוליב וואס זאל מען קריכן אויף גלייכע ווענט?... די ארבעטער־באוועגונג קען אנפירן א קאמף פאר דעמאקראטיע... פארוואס־זשע זאל זי פאכן מיט א שווערדל אויף א פעסטונג, וועלכע זי האט ניט קיין כח צו צעשטערן?... דא האנדלט זיך ניט וועגן א טעאריע. דא האנדלט זיך וועגן דעם גאנצן כאראקטער פון א באוועגונג. זאלן מיר זיין „ראדיקאל" גלאט אין דער וועלט אריין, שיסן מיט פראזן, ווייל אזוי איז דאס „פרינציפיעלער"? די עק־זעקוטיוו־קאמיטע פון דער זונטאג'דיקער קאנפערענץ האט רעכט צונויפצורופן א נייע, גרעסערע קאנפערענץ. מען דארף דארטן זען, אז דארט זאל דער פונקט וועגן קאמף געגן קאנסקריפשאן ארויסגענומען ווערן פון דער פלאטפארמע".

איר הערט א מענה־לשון? די דאָזיקע קליינע ציטאַטע רעדט וועלטן וועגן אַלגינ׳ס כאַראַקטער, וועגן זיין ראדי־קאַליזם, וועגן זיין רעוואָלוציאָנערישקייט.

עס וואָלט דאָ ביז גאָר כדאי געווען זיך אָפּצושטעלן אויף זיינע אויסגוסן וועגן דעם, אז ארבעטער דארפן ניט „קריכן אויף די גלייכע ווענט״, דארפן ניט „פאָכן מיט א שווערדל״, דארפן ניט „זיין ראדיקאַל גלאַט אין דער וועלט אריין״ און באַווייזן, אז א מענש מיט אזא פּסיכאָלאָגיע האָט קיינמאָל ניט געקענט ווערן קיין אמת׳ער „באָל־שעוויק״. נאָר דאָס איז אַן אנדער ענין. מיר ריידן דאָ וועגן אַלגינ׳ס מלחמה־פּאַטריאָטיזם.

עס וואָלט דאָ פאַרנומען צופיל פּלאַץ דורכצוגיין די גאַנצע געשיכטע פון דעם „פאָרווערטס״ אין צייט פון דער מלחמה. עס וועט דאָ נאָר זיין גענוג צו זאָגן, אז די וואַ־שינגטאָנער רעגירונג האָט שוין געהאַלטן ביי אָפּשטעלן דעם „פאָרווערטס״ פאַר זיין שטעלונג צום קריג, נאָר ער איז גע־ראַטעוועט געוואָרן ווי דורך א נס. און דער נס איז גע־ווען, וואָס ער האָט געקענט אָנווייזן אויף אַלגינ׳ס קריגס־אַרטיקלען.

אַלגין האָט געשריבן מאסן אזעלכע קריגס־ארטיקלען. ווען מאמעס אין מיליאָנען אידישע, און ניט־אידישע, היי־זער האָבן געוויינט ווען מען האָט גענומען פירן זייערע זין ווי לעמער צו דער שחיטה, האָט אַלגין אָנגעשריבן אַן ארטיקל: „וויינט ניט, אידישע מאַמעס!״ און האָט אפּעלירט צו זיי: „שיקט אייערע זין!״ ווען דער באַרימ־טער פּאַלמער האָט גענומען רודפ׳ן ראדיקאַלן, אונטערדריקן אַלע פרייהייטן, זעצן דעבס׳ן און טויזנטער אנדערע אין די געפענגעענישן, האָט אַלגין עס „דערקלערט״, און באַרעכטיקט מיט פאָלגענדע ווערטער:

„קריג איז קריג... עס איז קראַנק א גאַנץ לאַנד, א גאַנצע נאַציע. אַלעס איז אין קאָן. דעריבער איז קריג און דעמאָ־קראַטיע ניט־פאַראייינבאַר... קריג פאַרלאַנגט, אז אַלע קלאַסן־אינטערעסן און פּאַרטיי־אינטערעסן זאָלן פארגעסן ווערן

צוליב דעם איינעם אַל־אומפּאסנדיקן און אַל־פאַרשלינגענ־דיקן ציל" („פאָרווערטס", יולי 14, 1917).

ריינסטער סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם!

דאָס איז נאָר איין פּערל פון אַ גאַנצן לאַנגן אַרטיקל, און נאָר איין אַרטיקל פון אַ גאַנצער לאַנגער שנור אַזעלכע פּערל, וואָס ציט זיך איבער די פיר יאָר פון קריג. אָלגין האָט געשריבן אַזעלכע אַרטיקלען מיט בײדע הענט און מיט זיין גאַנצן שטרויענעם פייער.

איצט קומט ער, דער פּאַיאַץ, און וואַרפט פאָר דעם „פאָרווערטס", אַז ער האָט אַפילו קיין פאַרשטעלטע אָפּאָ־זיציע צום קריג ניט אַרויסגעשטעלט, און אַליין וואָרקעט ער ווי אַ טויב פון פרידן . . .

אַפילו אייזלען וואָלטן געלאַכט, ווען זיין הערן דערפון! . . .

ווי קומט עס, וואָס אָלגין, זייענדיק אין „פאָרווערטס", אַרומגערינגלט מיט סאָציאַליסטן, איז געוואָרן אַזאַ הייסער מלחמה־העצער? ס'איז אפשר דאָ אַ דערקלערונג דערפאַר. אין יענער צייט איז ער געווען אַ סטודענט אין קאָלאָמביא קאַלעדזש, און דאָרט, זעט עס אויס, איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אינגלאַך . . .

איר לאַכט? ס'איז ניט קיין געלעכטער. וואָרום דאָס איז אַ מענטש אינגאַנצן אָן אַ ווילן, אינגאַנצן אָן אַ כאַ־ראַקטער.

וועגן אָלגינ'ס כראַקטערלאָזיקייט זיינען דאָ בערג צו דערציילן. אין זיין שרייבן האָבן מיר שוין אביסל געזען. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, זיין תורה שבכתב. ס'איז אָבער פאַראַן אויך זיין תורה שבעל־פּה, פאַקטן פון לעבן. אַ מעשה מיט איינעם אַזאַ פאַקט קאָן אָנגערופן ווערן „באָליט" (רו־סיש: ס'טוט וויי). געשען איז אָט וואָס: אָלגין קומט איינ־מאָל צו קאַהאַנ'ען און שלאָגט אים פאָר אַן אַרטיקל. קאַהאַן זאָגט: איר דאַרפט דעם אַרטיקל ניט שרייבן. מיר קענען אַזאַ שטעלונג, ווי איר זאָגט, ניט נעמען. ווען איך שרייב

דעם ארטיקל, וואָלט איך אים אנדערש געשריבן, אזוי און אזוי. און קאהאן איז אוועק.

מיט א שעה שפעטער קומט קאהאן צוריק און געפינט אַלגינ׳ען א פינסטער׳ן, א דערשלאָגענעם. „וואָס איז, אַלגין? וואָס איז געשען?" — פרעגט קאהאן.

און אַלגין, ווי א סענטימענטאלע, מעלאָדראמאטישע דאַמע, נעמט זיך קלאַפּן אין הארצן און שרייען מיט א וויינענדיקער שטימע: „באַליט, טאָווארישטש קאהאן, באַליט! עס טוט ווי דאָס הארץ, עס ווילט זיך שרייבן און איר לאָזט ניט!"

ענטפערט אים קאהאן: „נו, אז עס גייט אייך אזוי שטארק אין לעבן, שרייבט אָן דעם ארטיקל."

מיט א פּאָר שעה שפּעטער ברענגט ער קאהאנ׳ען דעם ארטיקל. קאהאן לייענט איבער, און ווי איבעראשט איז ער געוואָרן דערזעענדיק, אז דער ארטיקל האָט אויסגעדריקט די שטעלונג, וואָס קאהאן האָט געהאלטן, און ניט וואָס ער, אַלגין!

שוין נאָכדעם ווי קאהאן האָט אים דערלויבט צו שרייבן לויט זיין אייגענער דעה!

און איצט שפּיצט אָן אייערע אויערן און הערט א היסטאָריע:

עס זיינען ארויסגעקומען די בארימטע „סיסאָן־דאָקומענטן". דאָס זיינען געווען דאָקומענטן, וואָס האָבן כלומר׳שט באוויזן, אז לענין איז געווען א דייטשער שפּיאָן, און דערפאַר האָט די דייטשע רעגירונג אים געלאָזט דורכפאָרן אין דעם פארזיגלטן וואַגאָן, פון דער שווייץ איבער דייטשלאַנד קיין רוסלאַנד, וואו עס האָט זיך שוין געהאט פאַנאַנדערגעשפּילט די רעוואָלוציע. עס האָט זיך אויפגעהויבן א וועלט־דיסקוסיע איבער דער פראַגע צי זיינען די דאָקומענטן אמת׳ע אָדער פאלשע, צי איז לענין טאַקע געווען א שפּיאָן אין דינסט פון דעם קייזער אָדער ניט. אַלגין האָט געפילט, אז ער דאַרף אויך נעמען א וואָרט אין דער פראַגע.

ברענגט ער קאהאנ'ען אן ארטיקל, אין וועלכן ער באַוויזט, אַז די דאָקומענטן זיינען אמת'ע, ד. ה. אַז לענין איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן.

„לענין — אַ שפּיאָן? — האָט אים קאהאן אויבעראשט אָנגעקוקט — איר זייט פון זינען אראָפּ? ניין, אָלגין, דער „פאָרווערטס" וועט אזא ארטיקל ניט דרוקן. אַן ארטיקל, וואָס זאָל באווייזן, אַז די דאָקומענטן זיינען פאַלשע, וואָלט איך מיט פארגעניגן געדרוקט".

אָלגין איז מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ אוועק צו זיין שרייב־טיש. אַ פּאָר שעה שפּעטער דערלאנגט ער קאהאנ'ען אַן ארטיקל אין וועלכן ער האָט באוויזן, אַז די דאָקומענטן זיינען פעלשונגען!

דעמדאָזיקן ארטיקל האָט קאהאן אָפּגעדרוקט. דער מאַנוסקריפּט פון ערשטן ארטיקל געפינט זיך נאָך, דוכט זיך, היינט אויך אין קאהאנ'ס ארכיוו.

אָט דאָס איז אָלגין. צוויי אָלגינס אין איין טאָג... און ניט אין קיין קליניקייט, נאָר אין אַ גוואלדיקער וועלט־פראגע.

און איצט שטעלט אָן, ניט די אוירערן, נאָר מויל און אויערן:

אין זיין ביכעלע וועגן קאהאנ'ען, אין דעמזעלביקן קאַפּיטל „קאהאניזם און פּאָליטיק", שרייבט אָלגין:

> „אַזוי איז שוין די נאטור פון דעם ערגסטן אין קליינבירגערטום: עס ווארפט זיך אַהין און אהער, עס לעבט אין אַ הינהער־פּלעט און עס איז גרייט צו שילטן דאָס, וואָס עס האָט נעכטן געבענשט".

שטיינער אין די ווענט קאָנען צעפּלאַצט ווערן אין שטויב פאַר געלעכטער!

אזוי זעען מיר אויך ווי אָלגין פארקלאָגט קאהאנ'ען, אַז קאהאנ'ס פּאָלעמיקעס מיט זיינע געגנער זיינען „אָנגעפּיקעוועט מיט פערזענלאכע אָנפאלן, דראָאונגען און מארק־זיד־לערייען", בשעת אין זעלבן ביכעלע רופט אָלגין זיינע געגנער מאַניאַקעס, עם־הארצים, און וואָס אין קאָרט שטייט,

און בשעת די גאנצע וועלט ווייס, אז די קאָמוניסטן, און אַלגין בתוכם, האָבן געמאַכט א רעליגיע פון פערזענלאַכע אָנפאַלן און מארק־זידלערייען.

יאָ, אויסגעהאַלטנקייט און נעכטן און היינט ביי אַל־גינ׳ען... היינט, נאַטירלאַך, איז לענין ביי אים דער העלד פון אַלע העלדן, אָבער נעכטן? לייענט וואָס אַלגין האָט וועגן לענינ׳ען געשריבן נעכטן:

„לענינ׳ס פּראָגראַם קלינגט שיין... אָבער איז אין איר דאָ אַ ממשות?... לענין איז גאָר אַ קנאַפּער חריף ווען עס קומט צו פּאַרוואַלטן אַ גוואַלדיקע מלוכה. לענין איז געווען אַ גוטער סיגנאַלן־געבער אונטער דער הערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס, און אפילו דאַן האָט ער אָפט געשאָסן אין דער לופטן. לענין האָט איצט פארגעסן, אז ס׳איז שוין ניטאָ קיין ראָמאַנאָווס און ס׳איז ניטאָ אויף וועמען צו שיסן. לענין איז אַ מייסטער אויף אַרויסצוגעבן סיגנאַלן פאַר די אומ־וויסנדע מאַסן, פאַר׳ן „מאָב“... (אַלגין, „פאָרווערטס“, נאָוו. 18, 1917).

נאָך דעם צווייטן מאָסקווער פּראָצעס ווען עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט די גרויסע קאָמוניסטישע וועלט־העצע קעגן טראָצקי׳ן האָט אַלגין אויך צוגעטראָגן זיין טייל, און ער האָט טראָצקי׳ן באַזידלט פון קאָפּ ביז די פיס למאי ער האָט, אין 1913, אין אַ בריוו צו טשכעאידזע׳ן, גערעדט קעגן לענינ׳ען (פרייהייט", פעברואר 22, 1937). און זיין געוויסן האָט זיך דערביי גאַרניט אַ קרים געטאָן, וואָס ער האָט אַליין לענינ׳ען אַזוי באַזידלט און אָפּגע־פּסל׳ט נאָך אַ סך שפּעטער ווי טראָצקי האָט עס געטאָן.

כאַי וואָלט ער כאָטש געהאַט די געשיקטקייט, און די אָנשטענדיקייט, נישט צו אַטאַקירן אַנדערע גראָד פאַר יענע פאַרברעכנס וואָס ער איז אַליין באַגאַנגען?

אָבער דאָ שטויסן מיר זיך אויך אָן אויף אַ פּאַטאָ־לאָגישן כאַראַקטער־שטריך: עס איז אַ כלל אַז דעם פאַר־ברעכער ציט צום פּלאַץ פון זיין פאַרברעכן.

קען מען פרעגן: אפשר, זינט ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, אונטער אייזערנער דיקטאַטור, איז אים צוגע־קומען אביסל אייזן אין זיין בלוט?

איז אָבער אויך דער קאָמוניסטישער קאַפּיטל אין זיין ביאָגראַפיע זייער אַ טרויעריקער. אריינגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז ער, ווי באַקאַנט, מיט דער אָפּגעשפּאָלטענער גרופּע פון דער אידישער פעדעראַציע. געווען איז ער דער גרעסטער פּאַרקעמפער און שרייער אין דער גרופּע. אָבער שוין דעמאָלט האָט עס געהאַלטן ביי אַ שפּאַלטונג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָלגינ'ס גרופּע איז געווען איין צד. נאָר אַזוי שנעל ווי דער אַנדערער צד, די ביטעלמאַן־גרופּע האָט אים אָנגעבאָטן צו ווערן רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט", איז ער אריבער צו איר און האָט גלייך אָנגעהויבן באַקעמפן זיין פריערדיקע גרופּע מיט'ן פּאַנאַטיזם פון אַן אינקוויזיטאָר.

אַ צייט שפּעטער האָט די לאָווסטאָן־גרופּע געוואונען די אויבערהאַנט איבער דער ביטעלמאַן־גרופּע. האָט אָלגין לאַנג ניט געטראַכט און איז אריבער צוריק צו דער לאָווסטאָן־גרופּע און האָט שוין מיט'ן זעלבן פּאַנאַטיזם פון אַן אינקוויזיטאָר גענומען פאַרפאָלגן די ביטעלמאַניסטן.

דאַן איז געקומען די באַרימטע קאָנווענשאָן פון 1929. לאָווסטאָן האָט געהאַט 99 פון די דעלעגאַטן. ביטעלמאַן — 7, פאָסטער — איינעם: זיך אַליין. אָלגין איז געווען פון די 99. פּלוצלונג, ביינאַכט, איז געקומען דער באַרימטער באַפעל פון מאָסקווע, אַז פאָסטער איז דער פירער פון דער פּאַרטיי. גלייך איינדערפרי איז שוין אָלגין געווען מיט פאָסטער'ן! און ער האָט שוין די לאָווסטאָניסטן גענומען באַקעמפן, ווי די געפערלאַכסטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן!

צוויי אָלגינס אין איין טאָג ביי קאַהאַנ'ען, צוויי אָלגינס אין איין נאַכט ביי מאָסקווע. דריי אָלגינס ביי די סאָציאַליסטן, פינף ביי די קאָמוניסטן... צייט און אָרט און צאָל איז ביי אים קיין חילוק ניט.

נאָר פאַר איין זאַך מוז מען אים געבן אָנערקענונג: ביי אַלע זיינע וואַקלעניש, באַווייזט ער דאָך איין געוויסע גראַדע ליניע — שטענדיק צו בלייבן מיט די, וואָס בלייבן

ביי דער מאכט. איין אויסגעהאַלטנקייט פאַרמאָגט ער דאָך, דער גייסטיקער אַנדרוגינוס, די אויסגעהאַלטנקייט פון אַ קאָרעק: שטענדיק שווימט ער אַרויף פון אויבן...

דאָס איז אַלגין. וואָס ער זאָל ניט זאָגן היינט, זאָל מען וויסן, אַז ער האָט שוין אַמאָל געזאָגט פאַרקערט, און אַז ביים גרינגסטן בלאָז פון אַ ווינטל וועט ער זאָגן אַן אַנדער פאַרקערט. אַזוי ווי מענטשן מיט פאַלשע ציין נעמען אַרויס איין גאַנג ציין און שטעלן אַריין אַן אַנדערן, אַזוי טוט אַלגין מיט דער צונג: ווען עס בייט זיך די לאַגע נעמט ער אַרויס די אַלטע צונג און שטעלט זיך אַריין אַ נייע, און שוין לויפן אַנדערע רייד, פאַרקערטע ווי פריער. אַלגין איז שוין געווען פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און קעגן, פאַר באָלשעוויזם און קעגן, פאַר מלחמה און קעגן, פאַר אידיש און קעגן, פאַר קאַהאַנ׳ען און קעגן, פאַר׳ן „בינטעל־בריף" און קעגן. ער האָט שוין געזינדיקט אויף אַלע פראָנטן. און אַזוי ווי אין יעדער זאַך האָט ער שוין אַמאָל געהאַט אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, איז ער אין יעדער זאַך אַ משומד, און אַ משומד איז ערגער ווי אַ גוי. ווייל ער האָט אַמאָל אַזוי הויך פּראָקלאַמירט זיין ליבע פאַר קאַ־האַנ׳ען, מוז ער היינט אַזוי הויך אויסשרייען זיין שנאה. ווען ער איז געווען אַן אַנטי־לענינישט, איז לענין ביי אים געווען אַ דעמאַגאָג פאַר די אומוויסנדע מאַסן. דערפאַר איז ער איצטער אַ גרעסערער לעניניסט, ווי לענין איז געווען, און דאַרטן וואו אַנדערע ווען באַנוצן דעם לענינציזם צו דערקלערן דעם נידערפאַל פון אַן אימפּעריע, וועט ער עס באַנוצן צו דערקלערן דעם דורכפאַל פון אַ „פרייהייט"־פּיק־ניק. און איצט, ווען דער נייער קאָמוניסטישער קורס איז „צוריק צו דעמאָקראַטיע" — קוקט זיך צו און זעט ווי אַלגין פיבערט מיט הויכן פיבער פאַר דעמאָקראַטיע. און וויבאַלד מ׳הייסט גיין נאָך אַ פאַראייניקטן פראָנט אפילו צו דער רעליגיע, וועט ניט נעמען לאַנג און ער, אַלגין, וועט נאָך דאַווענען פאַר׳ן עמוד, און ציצית וועט ער טראָגן לענ־גערע, ווי דעם רב׳ס, און שרייען „שמע ישראל" וועט ער

איבער דער גאנצער ערד. דער מענש איז טויב צו איבער־ציינגונגען, דערפאר שרייט ער. טויבע שרייען.

דעריבער איז קיין חידוש ניט, וואָס היינט צערייסט ער זיך, פאַרדאַמענדיק דעם „בינטעל־בריף": פריער האָט ער געשריבן, אַז ס'איז שיער ניט דער גרעסטער אויפטו אין דער אידישער ליטעראַטור. ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס אין דעם קליינעם פּאַציִשן ביכעלע וואַרפט ער פאַר קאַהאַנ'ען, אַז „קאַהאַן פּראָטעסטירט קעגן זיינע בעסערע שרייבער", און אַז ווען „עס שטייט פאַר אים שלום אַש, וואָס האָט אָנגעשריבן אַן ערנסטע זאַך, טענה'ט קאַהאַן, אַז דאָס איז צו גוט פאַר'ן „פאָרווערטס", צו קינסטלעריש" — בשעת די גאַנצע וועלט ווייס, אַז שוין באַלד דריי־צענדליג יאָר, אַז אַש דרוקט אין „פאָרווערטס" יעדע שורה, וואָס ער שרייבט, און אַז אַ האַלבע אידישע ליטעראַטור דרוקט זיך אין „פאָרווערטס". וואָס איז דען אַ ליגן ביי אָלגינ'ען, אַז זיין גאַנץ וועזן איז ליגן?

נאָר די דאָזיקע כאַראַקטערלאָזע ווידערשפּרוכן זיינען קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט'ן גרויסן פאַרברעכן זיינעם צו נעמען, ווי מיר האָבן געוויזן, די מיאוס'ע זאַכן, וואָס ער אַליין האָט געטאָן און זיי פאָרוואַרפן אַנדערע. אַ פאַר־ברעכער איז שוין אַ גוטער הויקער. אַ מסור איז אויך אַ מיאוס'ער האָרב. אָבער ווען אַ פאַרברעכער מסר'ט זיין אייגענעם פאַרברעכן אויף אַן אַנדער'ן — דאָס איז אַ הויקער, און אויפ'ן הויקער אַ האָרב.

און דאָס איז אָלגין. אָרימער, אומגליקליכער פּאַיאַץ!

עס וואָלט זיך וועלן איבערגעבן די אַנדערע „געדאַנקען" פון אָלגינ'ס ביכעלע, פּאָלעמיזירן מיט אים. אָבער צו וואָס פּאָלעמיזירן מיט אים, אַז מאָרגן וועט ער אַליין דענקען אַנדערש, אָדער אַנדערע וועלען עס טאָן פאַר אים? און פּאָלעמיזירן איז גוט מיט אַן ערלאַכן געגנער, ניט מיט אַ שווינדל־קאָפּ. אָט איז אַ מוסטער, אַלץ פון דעם קליינעם ביכעלע גענומען, פון אָלגינ'ס שווינדלערישן דענקען:

אַלע ווייסן די גרייסע הילף, וואָס די אידן אין אמע־

ריקע האָבן גענעבן דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג. זיי האָבן געבראַכט פאַר איר קאָלאָסאַלע קרבנות אי אויף יענער, אי אויף דער זייט ים. זיי האָבן געוואונען די סימפּאַטיע פון אַמעריקע פאַר איר. אין אַמעריקע האָט מען אַמאָל געהאַט אַ באַגריף פון רוסלאַנד, ווי פון עפּעס אַ ווילדן לאַנד פון שלעפּעריקן בער און ווילד־האָריקע באָר־באַרן. די אידן האָבן אויפגעקלערט אַמעריקע, וואָס רוסלאַנד איז באמת—אַ היסטאָרישער אויפּטו פון ערשטן ראַנג, און וועלכן דער „פאָרווערטס" און די אַרבעטער באַוועגונג און קאַהאַן האָבן געשפּילט די ערשטע ראָלע. אָבער דעמדראָזיקן גרויסן פאַרדינסט וויל אָלגין אָפּווישן און, פעלשנדיק די געשיכטע, גיט ער אַ זאָג, אַלץ אין יענעם ביכעלע:

„דאָס איז געווען די צייט, ווען יוניאָן-טוער פלעגן זיך נאָך באַגייסטערן פאַר דער פּאַריזער קאָמונע און פלעגן זאַמ-לען געלט פאַר'ן רעוואָלוציאָנערן זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמען אין רוסלאַנד."

בלויז פאַר'ן זעלבסטשוץ, און ווייטער גאָרניט.

גאָרניט, גאָרניט איז געווען פריער. אַפילו לענין איז געווען גאָרניט. די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם מאָ־מענט, וואָס אָלגין האָט אָנטדעקט לעניניזם...

און אָט איז נאָך אַ מוסטער:

ער וויל באַווייזן, אַז אַלע צרות קומען פון קאַהאַנ'ען, ווייל קאַהאַן, גיט ער צו, האָט באַאײַנפלוסט דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין אַמעריקע. אָבער אָלגין איז אַ „היסטאָ־רישער מאַטעריאַליסט" און אַ „מאַרקסיסטישער דיאַלעקטי־קער", און ער ווייס, אַז מ'דאַרף דערקלערן, ניט די געזעל־שאַפט דורכ'ן יחיד, נאָר דעם יחיד דורך דער געזעלשאַפט. אָר בשעת ביי מענשן מיט קעפּ זיינען דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און די מאַרקסיסטישע דיאַלעקטיק אינסטרו־מענטן פון געדאַנק, זיינען זיי ביי אים נאָר צוויי קוליעס, און איינע קירצער פון דער אַנדערער. הינקט ער פון איין קוליע צו דער אַנדערער און ער קאָן ניט פעסטשטעלן צי אַלע צרות קומען פון קאַהאַנ'ען, צי קאַהאַן קומט פון אַלע

צרות. האָט ער אָנגעפּיקעוועט אַ ביכל מיט: קלאַס, בור־זשואַזיע, פּראָלעטאַריאַט, קליינבירגער, ביזנעס, קאַפּיטאַל, עקספּלואַטאַציע, אידעאָלאָגיע, רעוואָלוציע, און פּלאַנטערט זיך אין זיי ווי אַ קעצל אין אַ קנויל פּאָדים. אָבער איינס איז באַשטימט: אי קאַהאַן, אי די גאַנצע אידישע אימי־גראַציע אין אַמעריקע, טויגן אויף טיסיאַטשי כּפּרות. אָט ווי ער שילדערט די אידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע:

„ווען זיי זיינען געקומען אַהער, האָבן זיי לכתחילה געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: „קריגן פּרנסה"... דאָס וואָס אין אַמעריקע עסט מען חלה אין דער וואָכן, האָט זיי גע־בלענדט די אויגן... אַמעריקע איז געווען דאָס גאָלדענע לאַנד אפילו ווען עס איז אויסגעקומען צו פּעדלען... נאָר זיי האָבן ניט געקאָנט זיין קיין איבערקלייבערס... דער סוועט־שאָפּ איז געווען דער אָפענער וועג צו מאַכן אַ לעבן אויף גיך... פּעידע האָט מען געקענט קריגן פון דעם ערשטן טאָג אָן... וויבאַלד מ'איז אַריין אין שאָפּ און מ'האָט דערפילט דעם טעם פון עקספּלואַטאַציע, האָט זיך אָנגעהויבן דער־וועקן אַ געפיל פון פּראָטעסט... זיי האָבן אָנגעהויבן אָרגאַני־זירן יוניאָנס, אַנטוויקלט אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג... אָבער אפילו אין דער מאַסע, וואָס האָט אָנגעפילט די שעפּער האָבן געלעבט צוויי נשמות, איינע אַ סאָציאַליסטישע, די אַנדערע — אַ באַלעבאַטישע... די סאָציאַליסטישע נשמה האָט גערופן צום קאַמף, די באַלעבאַטישע האָט גערופן פאַרלאָזן דעם אַרבעטער־קלאַס... די מאַסע, וואָס איז גאָר לכתחילה ניט אַריין אין די שעפּער, האָט פאַרמאָגט די באַלעבאַטישע נשמה אין אַ גרעסערער מאָס... זייענדיק אין שאָפּ איז מען, פאַר־שטייט זיך, געווען אומצופרידן מיט'ן באָס און מען האָט געקעמפט פאַר קירצערע שטונדן און העכערן לוין... אָבער די גאַנצע צייט איז מען פאַרט געשטאַנען מיט איין פוס אין טרייד און מיט'ן אַנדער'ן פוס ערגעץ אין אַן אַנדער'ן עקאָ־נאָמישן סטאַטוס... זיך אַרויספאַרבעטן און ווערן אַ שותּף צום קאַפּיטאַליזם" . . .

אלזאָ, לויט אָלגין'ען איז די אידישע מאַסע דאָ באַ־שטאַנען פון צוויי טייל: איין טייל, וואָס איז אַריין אין די שעפּער, אָבער נאָר איבערגעוואָלט, ווייל ס'איז קיין אַנדער ברירה ניט געווען; די צווייטע, וואָס איז אפילו אַהין גאָרניט אַריינגעטראָטן; אָבער ביידע, און אפילו די פון

זיי, וואָס זיינען געווען סאָציאַליסטן האָבן געוואָלט וואָס ניבער אַנטלויפן פונ׳ם אַרבעטער־קלאַס און צושטיין צו דעם עקספּלואַטירנדיקן קלאַס. זיי האָבן געוואָלט, זאָגט אָלגין, דערלעבן אַ סאָדע־וואַסער קרעמל, אַ צייטונגס־ראַוט, אַ האָ־טעל אין דער קאָונטרי; די וואָס האָבן געהאַט גרעסערע אַמביציעס, האָבן געוואָלט ווערן „אַ קליינער מאַנופעקטשו־רער, אַ קרעמער, אַ ריעל־עסטייטניק, אַן אינשורענס אַגענט, אפילו אַ דאָקטאָר אָדער אַ לאָיער". מיט איין וואָרט — אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט קיין אַרבעטער...

ער וויל ניט פאַרשטיין, אַז די עקספּלואַטאַציע אין סוועט־שאַפּ איז געווען אַזוי גרויזאַם, אַז אפילו אַ סאָדע־וואַסער קרעמל איז געווען בעסער. ער באַגרייפט ניט, אַז דער סוועט־שאַפּ האָט געגעבן קוים אויף אויסקומעניש פאַר זיך אַליין און דאָ האָט מען געדאַרפט אַריבערברענגען ווייב און קינדער. ער וויל ניט זען, אַז פאַר מענשן, וואָס זיינען דורות־לאַנג געהאַלטן געוואָרן מיט גוואַלט אָפּגעריסן פון אַרבעט איז עס בכלל שווער געווען מיטאַמאָל אַריינצוגיין אין דער אַרבעטס־דיסציפּלין. ער האָט אַ גרינגערע דערקלע־רונג: אידן ווילן זיין קאַפּיטאַליסטן!

און דאָ האָט איר ערשט רעכט דעם אמת׳ן אָלגינ׳ען: כדי צו פאַר׳מיאוס׳ן קאַהאַנ׳ען און דעם „פאָרווערטס", פאַר׳מיאוס׳ט ער די אידישע מאַסן, דעם גאַנצן אידישן כלל. ער פאַר׳מיאוס׳ט זיי און מסר׳ט אויף זיי, אַז זיי האָבן קיין חשק צו אַרבעטן, אַז זיי זוכן זיך גרינגע פּרנסות, לייכטע געשעפטלאַך, „סוקסעס" אום יעדן פּרייז, מיט איין וואָרט, ניט אַרבעטן און דאָך עסן חלה אין דער וואָכן...

אָט אַזוי שילדערט אָלגין די טראַגישע אָבער גלאָררייכע מיליאָניקע אידישע וואַנדערונג קיין אַמעריקע! אָט דאָס איז דער סך־הכל, וואָס ער פירט אונטער צום אידישן ביי־טראַג צום אויפבוי, צו דער גרויסקייט און דער חשיבות פון אַמעריקע!

ווייסן מיר גוט דעם קוואַל פון וואַנען די דאָזיקע

חכמה פליסט: פון די אנטיסעמיטן. די אנטיסעמיטן טענה'ן דאָך אויך, אז אידן ווילן ניט ארבעטן און דאָך ווילן זיי עסן חלה אין דערוואַכן.

איבריגנס איז דאָס ניט אַלגינ'ס ערשטער אנטיסעמי־טישער ארויסטריט. זיין ראָלע אין די פאַלעסטינער געשעע־נישן אין 1929 און 1936 איז געווען דורכאויס אין אנטי־סעמיטישן סטיל. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די „פריי־הייט" האָט פאר אים געעפנט אַן ענגלישע אָפטיילונג, א „קאָלום" יעדן טאָג, איז עס געוואָרן די אנטיסעמיטישע אָפטיילונג פון דער צייטונג. דאָ האָט ער געשריבן אז דער אידישער חדר לערנט די אידישע קינדער פיינט צו האָבן אַלע אנדערע פעלקער. דאָ האָט ער, צו פורים, געבראַכט א ראיה פון מגלת אסתר אז אידן מאַכן אויך אַמאָל פאָג־ראָמען. דאָ האָט ער, צו פסח, באַוויזן מן התורה אז אידן מעגן ראַבעווען פרעמד האָב און גוטס, והא ראיה, ביים ארויסגיין פון מצרים האָט גאָט געהייסן משה'ן, משה זאָל הייסן די אידן זיי זאָלן אָנבאָרגן זילבערנע און גילדערנע כלים ביי די מצריים — מיט איין וואָרט אלע „באַווייזן" וואָס זיינען באַוואוסט נאָך פון פעפערקאָרן און פראַנאַיטיס. פאר א קאָמוניסט איז ספּעציעל „חנ'עוודיק" די טענה קעגן שקלאַפן וואָס האָבן רעוואָלטירט און האָבן קאָנפיס־קירט ביי זייערע אונטערדריקער עפּיס פון דעם פארמעגן וואָס זיי אַליין האָבן באַשאַפן. די גמרא דערקלערט עס שוין. נאָר אַלגינ'ען געפעלט בעסער וואָס פראַנאַיטיס זאָגט איידער וואָס די גמרא זאָגט.

און שרייבן די דאָזיקע אַלע חכמות האָט ער געשריבן דוקא אין ענגליש, דוקא פאר די „גויים".

אָבער צי אידיש צי ענגליש — ס'איז ריינסטער אַנטי־סעמיטיזם.

אָט וואוהין דער מענש האָט זיך דערקייקלט אין זיין שנאה, אין זיין שנאה צו קאַהאַנ'ען, צום „פאָרווערטס", צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צו דער ארבעטער־באַווע־

גונג, צום ציוניזם — צום אנטיסעמיטיזם האָט ער זיך דער־קייקלט!

און ווען אַ מענש, אַ איד, אַ קאָמוניסט, דערגייט שוין אהער, איז שוין באמת עק וועלט: ווייטער צו גיין און נידעריקער צו פאַלן איז שוין ניטאָ וואו.

נאָר ווען עס וואָלט געווען, וואָלט אָלגין שטיין ניט געבליבן . . .

וואָס ענטפערט אָלגין אויף די אַלע זאכן?

ער ענטפערט דאָס, וואָס קאָמוניסטן ענטפערן שטענ־דיק אין אזא פאַל: די אַלע זינד האָט ער געזינדיקט נאָך אי־דער ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט... די טויפע, די קאָמור־ניסטישע טויפע וואשט אָפּ אַלע זינד, כאָטש מיר האָבן דאָ געזען אזוי פיל זינד שוין פון נאָך מתן־תורה. ס'איז בכלל זייער אַ „טיפער" און זייער אַ מאָראַלישער ענטפער. עס איז געגליכן צו אַ גנב, וואָס אז מען כאַפּט אים, שרייט ער: אוים גנב! כ'האָב שוין דאָס גע'גנב'עטע געלט לאַנג אויסגעגעבן.

און וואָס איז מכח זיינע חברים־קאָמוניסטן: ווייסן זיי דען ניט וואָס אָלגין איז? ווי קענען זיי אים טרויען?

איז דער ענטפער: די קעפּ פון דער פּאַרטיי קענען אים זייער גוט און גלויבן אים טאַקע ניט און טרויען אים ניט. קיין דעה אין דער פּאַרטיי האָט ער ניט אויף קיין האָר און מען האלט אים דאָרט אין אייביקן פאַרדאכט. און ניט איין מאָל האָט ער שוין דורכגעמאַכט אַ פּאַרטיי־משפּט. און עס איז אַ ברייט־באַקאַנטער פאַקט, אז איינמאָל ביי אַ זיצונג פון דער פּאַרטיי־עקזעקוטיווע, וואו ער איז גענומען געוואָרן אויפ'ן צימבל איז ער געוואָרן היסטעריש און האָט גענומען שרייען: „איך קען עס שוין מער ניט אויסהאַלטן! ס'איז דאָך אמת'ע אינקוויזיציע!" און זיך גענומען שלאָגן אין הארצן זיין בארימטן „באַליט".

היינט אויב זיינע אייגענע חברים גלויבן אים ניט, פּאַרוואָס זאָלן אים אנדערע גלויבן? ווי קענען אים אַנ־

דערע גלויבן? אַלגין איז אפשר דער אומבאַגלויביקסטער מענש, וואָס שרייבט אין אידיש. ער איז פסול אלס עדות. ער איז פסול אַלס שרייבער. ער איז טמא אלס געגנער.
א מאָראַליש־אומפּאַראַנטוואָרטליכער מענש.
טאָ ווי אַזוי קענען אים די קאָמוניסטן אָראָפּשלינגען?
און דאָס איז אויך גרינג צו פאַרשטיין. אַלגין איז א שרייער, א היסטעריקער, און אין א פאַרטיי איז אַזא מענש אָפט ניצלאָך. מען דאַרף אים האָבן צוליב זיין קונץ צו שלאָגן זיך אין הארצן און שרייען „באַליט״. פונדעסט־וועגן, אין אַן אנדער פאַרטיי, וואָלט א מענש מיט אַזא ביאָגראַפיע ניט געדולדיגט געוואָרן. אָבער די קאָמוניסטן, צווישן אנדערע קאַטוילישע פּרינציפּן, האלטן זיך אָן דעם פּרינציפּ „עקס אָפּערע אָפּעראַטאָ״ — דער טוער שטייט דרויסן פון זיין טאָט. דער קאַטוילישער גלח מעג אליין זיין איינגעטונקען אין זינד, אָבער די קירכלאַכע סאַקראַ־מענטן, וואָס ער גיט זיין עדה, בלייבן הייליק. די קאָמו־ניסטן האַלטן פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ אַזוי ווי זיי האַלטן פון די אנדערע קאַטוילישע פּרינציפּן: אַז דער צוועק הייליקט די מיטל און אַז די טויפע שאַפט אָפּ אַלע זינד.
דעריבער קענען זיי זיך באַנוצן מיט אַזא מענשן, ווי אַלגין האָט זיך באַוויזן צו זיין. זיי האָבן אים אָראָפּגע־שלונגען ביז איצט, זיי וועלן אים אָראָפּשלינגען ווייטער אויך. די קאָמוניסטן שלינגען אַלץ. אפילו זשאַבעס.
מיר פאַרגינען זיי דעם מאכל.

ב. צ. גאָלדבערג

אין די ביכלאך שטייט געשריבן, אז די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס.

אָבער דאָס מוז אַפּנים זיין אַ ווײסטער טעות.

וואָרים אַז איך נעם אַ „טאָג" אין דער האַנט און הויב אָן לייענען, געפין איך אויס, אַז די וועלט דרייט זיך גאָר ארום — ב. צ. גאָלדבערג.

און אפשר ווייסט איר נישט ווער ב. צ. גאָלדבערג איז? אויב ס'איז נאָך ערגעץ דאָ אַן אָרט, וואו מען ווייס ניט פון ב. צ. גאָלדבערג'ן, איז עס ניט זיין שולד. ער טוט אַלץ, וואָס איז אין זיין כח מען זאָל ווייסן. ער איז שוין אויסגעפאָרן די גאַנצע ערד מיט אַ פּויק אין דער האַנט און אַ טרובע אין מויל, אַ טרובע, וואָס קען אויס־טרובען נאָר איין זאַך: ב. צ. ג א ל ד ב ע ר ג. ער איז שוין אויך אויסגעפלויגן אַ וועלט אין דער לופט, אַז אפילו די פייגל זאָלן ווייסן. איצט איז אים נאָר געבליבן נאָך צו מאַכן אַ רייזע אין די סאָבוויים און אין די גריבער און לעבער פון דער ערד, כדי די ווערים אין די טיפענישן זאָלן אויך ווייסן ווער ב. צ. גאָלדבערג איז.

נאָר טאָמער געפינט זיך פאָרט עפּעס אַ פינסטערער און אָפּגעשטאַנענער מענש, וואָס ווייס ניט (דערמיט אַליין איז ער שוין פינסטער און אָפּגעשטאַנען!) וויל איך דאָ זאָגן: ב. צ. גאָלדבערג איז אַ שרייבער אין „טאָג", וואָס שרייבט דאָרטן יעדן טאָג אַ „קאָלום".

אַ שרייבער, וואָס שרייבט אַ קאָלום אין „טאָג"—דאָס איז אייגענטלאך אַלץ וואָס מען וואָלט געדאַרפט זאָגן וועגן ב. צ. גאָלדבערג, ווען ווען... אָבער דאָ הויבט זיך אָן אַ גאַנצע געשיכטע.

פאַראַן, נאַטירלאך, אין „טאָג" נאָך שרייבער. פאַראַן צווישן זיי ציוניסטן און קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער, אידישיסטן

און העברעאיסטן, און טראָצקיסטן און נאָך און נאָך.

איז דאָס ווי ווער עס קוקט דערויף. אָבער ב. צ. גאָלדבערג — ער איז אַלץ אינאיינעם.

אַ מין „רב הכולל".

מאָנטאָג איז ער אַ קאָמוניסט. דינסטאָג — אַ סאָציאַליסט (אַ לינקער). מיטוואָך — אַ דעמאָקראַט. דאָנערשטאָג — אַ רעפּובליקאַנער. פרייטאָג — אַ סטאַליניסט. שבת — אַ טראָצקיסט. זונטאָג — אַן אָרטאָדאָקסיסט. בלויז אַ פּועל־ציון און אַ העברעאיסט איז ער זעלטן, ווייל עס פעלן שוין אוים טעג אין דער וואָך.

פאַר'ן „טאָג" איז עס ווי געוואונשן. אַ צייטונג, וואו יעדער שרייבער איז עפּעס אַנדערש, דאַרף נויטיק האָבן אַ מענשן, וואָס איז אַלץ אינאיינעם. און ב. צ. גאָלדבערג איז דער מענש.

אָבער מיינט ניט, אַז ב. צ. גאָלדבערג איז נאָר אַ קאָמוניסט, אַ סאָציאַליסט, אַ דעמאָקראַט און אַ רעפּובליקאַנער.

אָן זיך אליין פארגעסט ער אויך נישט!

פאַרקערט, ער אליין איז ביי אים דער סאַמע עיקר. יעדן טאָג אין וואָך איז ער עפּעס אַנדערש, אָבער איבער אַלע זאַכן, און אַלע טאָג אין וואָך איז ער — א י ך.

דאָס קומט פריהער פון אַלץ: איך, א י ך!! א י ך!!!

אַ שרייבער געוויינלאַך, זאָגט: „איך שרייב". ב. צ. גאָלדבערג זאָגט: א י ך שרייב.

ער גיט זיך, למשל, איינמאָל אַ שרייב, לאמר אזוי צו זאָגן:

„און א י ך האַלט נאָך אַלץ, אַז עס וועט אזוי גיך קיין מלחמה נישט זיין!" — איר זעט דעם פאַראַד? — „ א י ך וויים, אַז די קייבעלס פון איראָפּע גייען געגן מ י ר. לעצטן שבת איז געווען געדרוקט מ י י ן קאָלום, אין וועלכן א י ך האָב ארויסגעבראַכט, אַז עס וועט ניט זיין קיין מלחמה. נאָכמיטאָג איז געקומען די נייעס פון

היטלער'ס רעדע (געגן סאָוועט־רוסלאַנד) און עס האָט אויס־געזען, אז אָט־אָט מאַרשירט מען אריין קיין מינסק. נו, דאַרף מען נאָך?" („טאָג", סעפּט. 15, 1936).

טאַקע, דאַרף מען נאָך? און דאָך, אז גאָלדבערג האָט געזאָגט ניין, איז געבליבן ניין. וואָס פאַר א באַטרעף האָט היטלער'ס א רעדע און אַלע קייבעלס פון אייראָפּע געגן זיינעם א קאָלום?

„ער" און זיין „קאָלום". ווי דער טראַך־טראַך־טראַך פון א מאַשין־ביקס אזוי פּיקן זיינע שורות: איך, מיין קאָלום; איך, מיין קאָלום. ער לויבט זיין קאָלום און זיין קאָלום לויבט אים. ס'איז אזא „דזשענטעלמענישער" אָפּמאַך ביי זיי.

אָט איז נאָך א פּערל:

„פון אַלע קריסטלאַכע סעקטן אין אמעריקע איז מ י ר די קאַטוילישע קירך געווען אַם מייסטנס סימפּאַטיש . . . מ י ר פערזענלאַך האָט די קאַטוילישע קירך נאָך דערצו אימפּאָנירט מיט איר צערעמאָניאַל... א י ך מוז אָבער זאָגן, אז לעצטנס בין איך גאָרנישט אזוי צופרידן פון דער קאַטוילישער קירך"... (אָקט. 24).

אָט האָט איר עס: א י ך און די ק א ט ו י ל י־ש ע ק י ר ך . . .

ס'איז א „איד מיט א איך".

מיט אזא גרויסן „איך" שרייבט קיינער נישט אין דער גאַנצער וועלט.

פון דער קאַטוילישער קירך צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז אים איין שפּרונג. וויפיל קרבנות — גיט ער זיך איינמאָל א פרעג — האָט די באָלשעוויסטישע רע־וואָלוציע אָפּגעקאָסט? צווישן א מיליאָן און צוויי. אָבער פאַר די גוטע זאַכן, וואָס זי האָט אויפגעטאָן „בין איך גרייט א סך צו פאַרגעבן". (נאָוו. 8).

וואָס זיינען א צוויי מיליאָן מענשן? איך, ב. צ. גאָלדבערג, בין גרייט צו פאַרגעבן, און די מאָראַלישע אָרד־נונג פון דער וועלט איז צוריק איינגעשטעלט.

איך, איך, איך! ווען מען זאָל צונויפליינן איינס נעבן אנדערן אַלע „איכ'ן", וואָס גאָלדבערג שרייבט אָן אין זיין קאָלום אין איין האַלב יאָר, וואָלטן זיי אַרומגענומען דעם ערד־קוגעל ווי אַ גאַרטל עטליכע מאָל...

ער שעמט זיך אפילו נישט צו שרייבן:

איך — דער איינציקער!

דרשנ'ט זיין קאָלום פון 3טן אָקטאָבער:

„ווען איך לייען איבער די אידישע צייטונגען — שרייבט מיר אַ לעזער — ווערט פון מיר אַ צעקראָכענע לעמעשקע, פול מיט יאוש און געפאַלנקייט... פריינט גאָלד־בערג, איז דאָס דער וועג צו באַגעגענען אונזערע שונאים? איר זייט דער איינציקער, וואָס האַלט נאָך אויף אַביסל דעם אידישן געמיט"...

האָבן מיר שוין צ ו ו י י איינציקע, וואָס זיי האַלטן נאָך אויף דאָס אידישע פאָלק ביים לעבן: גאָט און גאָלדבערג . . .

ס'איז הימל און ערד און גאָלדבערג! כאָטש דער אַלטער נוסח, הימל און ערד און שווינדל, פאַסט דאָ בעסער.

וואָס איז עס פאַראַ גאַנג, וואָס איז עס פאַראַ שיטה? וואָס מיינט זיך דער מענש, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין אַ קאָלומדיג'ן ווינקל און זיצט דאָרט און שרייט מיט באַנו־מענע קולות: „איך בין נאַפּאָלעאָן!"?

ס'איז ניט קיין נאָווינע, אַז אַ פעליעטאָניסט באַנוצט זיך מיט „איך". נאָר ווען איז עס געוועדט געוואָרן, ווען הינטער'ן איך איז דאָ אַ פעליעטאָניסט. אָבער ביי גאָלד־בערג'ען נאָכ'ן איך קומט נאָך אַ איך, און צום סוף ניט מער ווי — ב. צ. גאָלדבערג.

ניט קיין פעליעטאָניסט איז ב. צ. גאָלדבערג, נאָר אַ פּראַקטישער בעל־חשבון. ער פאַרשטייט, פאַרשטייט איר מיך, גוט די פּסיכאָלאָגיע פון אדווערטייזן. ער ווייס, אַז ווען מען פּיקט יענעם אין קאָפּ אַריין טאָג־איין טאָג־אויס איין זאַך, וועט זיך עס סוף־כל־סוף אָנקלעפּן. זיצט ער דערי־

בער און ליינט אַן „איך" צו אַן „איך", טאָג־איין טאָג־אויס, ביז עס וועט ווערן, האָפּט ער, אַ ריזיגער „ א י ך ", וואָס וועט פאַרשטעלן איסט בראָדוויי.

פאַראַן אָבער אַנדערע פּסיכאָלאָגיעס אויך. די פּסי־כאָלאָגיע, למשל, אַז אַ מענטש פילט זיך גאָר אין אמת'ן גאַנץ נישטיק, ווען ער האַלט אין איין שרייען פון זיין גרויסקייט. אָדער גאָר די פּסיכאָלאָגיע פון גרויסע איינ־רעדענישן.

ס'איז קיין אַנדער זאַך ווי בלויז גרויסקייט־איינרע־דעניש ווען, אין דער צייט ווען לעאָן בלום האָט געדאַרפט ווערן פּרעמיער, גיט זיך גאָלדבערג אַ שרייב: „און איך ראַט אים ער זאָל דאָס ניט טאָן..."

ס'איז קיין אַנדער זאַך ווי גרויסקייט־איינרעדעניש, ווען ער גיט זיך אַ שרייב: „קאַרל מאַרקס זאָגט אַזוי און איך זאָג אַנדערש..."

עס איז נאָר גרויסקייט־איינרעדעניש, ווען ב. צ. גאָלד־בערג גיט זיך אַ שרייב: „היינט איז דער לעצטער טאָג פון קאַמפּיין (די רוזוועלט־לענדאָן קאַמפּאַניע), היינט הערן אויף אַלע טענות ומענות פון קאַנדידאַטן און פּאַרטייען. אין מיין קאָלום הערט דער קאַמפּיין אויך אויף היינט"...

אָט האָט איר עס: רוזוועלט שטעלט אָפּ דעם קאַמ־פּיין, לענדאָן שטעלט אָפּ דעם קאַמפּיין, און גאָלדבערג אין זיין קאָלום אויך.

ס'איז גרויסקייט איינרעדעניש און אינגלשע נאַרישקייט אָן אַ ברעג.

„איך האָב נישט געקאַמפּעינעוועט אין מיין קאָלום אין געוויינליכן זין פון וואָרט" — זאָגט ער ווייטער. כ'מיין אויך אַזוי! געוויינליכע מענשן האָבן געקאַמפּעינעוועט יע־דערער פאַר זיין צד. אָבער ב. צ. גאָלדבערג האָט געקאַמ־פּעינעוועט פאַר אַלע צדדים מיטאַמאָל. אפילו פאַר די רע־פּובליקאַנער האָט ער אריינגעכאַפּט אַ פּאָר קאָלומס, כאָטש זיין הויפּט־כח האָט ער אוועקגעגעבן פאַר רוזוועלט'ן, פאַר די סאָציאַליסטן און פאַר די קאָמוניסטן. „איך האָב וואַרימע

סימפּאַטיע פאַר די סאָציאַליסטן" אין היינטיקן קאַמפּיין, זאָגט ער דאָרט, מיינענדיק, נאַטירלאַך, די לינקע סאָציאַליסטן. נאָר נאָך איידער די סאָציאַליסטן האָבן געהאַט צייט זיך אָנצוקוויקן מיט זיין סימפּאַטיע, גיט ער אַ זאָג, אין זעלבן קאָלום: „איך האָב מיטגעפיל מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין היינטיקן קאַמפּיין". די אַלע פּאַרטייען צווישן זיך האָבן געקעמפט אויף לעבן און טויט. אָבער ביי גאָלדבערג'ן אין זיין שמאָלן קאָלום, האָבן זיי אַלע געפונען פּלאַץ, רו און שלום. דאָרט איז דאָ אַ דאַך פאַר אַלעמען. פאַר וויפיל זאַכן און באַוועגונגען ער האָט עס סימפּאַטיע! וואו נעמט זיך גאָר צו אַ מענשן דער כח אויף אַזוי פיל סימפּאַטיע? מיט דער קאַטוילישער קירך — סימפּאַטיע, מיט די סאָציאַליסטן — סימפּאַטיע, מיט די קאָמוניסטן — סימפּאַטיע. פאַרוואָס שוין אַמאָל נישט ווערן אַ סאָציאַליסט, אַ קאָמוניסט אָדער אַ קאַטאָליק און פּטור!

יאָ, ס'איז אָבער באַקוועמער ניט. מ'האָט אַזוי מער אָפענע טירן. גאָלדבערג קומט צו יעדער באַוועגונג, ווי יענער איד צו ראָטשילד'ן. ראָטשילד האָט איינמאָל אָנאָנסירט, אַז ער זוכט אַ פּיאַנאָ-לערער. קומט דער איד און קלינגט צו ראָטשילד'ן אין טיר: איך הער איר זוכט אַ לערער פאַר פּיאַנאָ, בין איך געקומען אייך זאָגן, אַז איך בין עס נ י ט.

דערווייל אָבער איז ער דאָ. ביי ראָטשילד'ן.

גאָלדבערג זאָגט, ער איז ניט קיין קאָמוניסט, אָבער רודערט זיך עפּעס ביי די קאָמוניסטן — ער איז דאָ. ער איז נישט קיין סאָציאַליסט, זאָגט ער, ניט קיין רעכטער, ניט קיין לינקער, אָבער אין קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע איז ער אַ צד אין טיש. אומעטום איז ער פול. קאָמוניסטן טאַנצן אויף אידישן פיין אין פּאַלעסטינע — ער איז אין קאַראַהאָד. ציוניסטן טאַנצן אויף שמחות פון דערפאָלגן — גאָלדבערג טאַנצט מיט. פּאַראייניקטער פראָנט — זיין ענין. סאָציאַליסטן ווילן ניט, יוניאָנס ווילן ניט, ער וויל. איינמיטן פון דעם פאָלקס-צער אויף דער קאָמוניסטישער פּאַ-

גראַם־אַרבעט אין ארץ־ישראל, רייסט ער אַלעמען פאַר די פּאַלעס צום פאַראייניקטן פראָנט.

עס איז אודאי דאָס רעכט פון יעדן שרייבער זיך ארויסצוזאָגן איבער אַלץ וואָס ער וויל. אָבער אַ שרייבער האָט אויך פליכטן. אַ שרייבער קען ניט קומען אָן מאָראַל און פּסק'ענען מאָראַלישע שאלות, אָן אַן אייגענעם אידעאַל און דיקטירן יענעם אידעאַלן. גאָלדבערג ווייזט יעדן זיין פּלאַץ און אַליין ווייס ער נישט וואו ער שטייט. ער האָט נישט וואָס צו זאָגן און זאָגט אַלעמען דעות. ער איז די מאָדנעסטע באַשעפעניש אין דער וועלט; ער קען קריכן אין אַלע זייטן מיטאַמאָל: פאָרווערטס, ריקווערטס, לינקס, רעכטס, און ארויף און אראָפּ — און אַלץ מיט איין באַוועגונג. ווירקלאַך, אַזאַ קריכער איז נאָך ניט געווען. אַ שרייבער דאַרף האָבן אַ קאָמפּאַס. גאָלדבערג איז אַ שיף אָן אַ קאָמפּאַס, אַ קאָפּ אָן אַ קאָמפּאַס, אַ געוויסן אָן אַ קאָמפּאַס.

אַמבעסטן האָט זיך עס ארויסגעוויזן ווידער טאַקע אין דעם היסטאָרישן רוזוועלט־לענדאָן קאַמפּיין.

אויסגעהאַלטן איז ב. צ. אין יענער פּאָליטישער קאַמפּאַניע נאָר געווען אין איין זאַך, אין זיין קאַמפּיין קעגן דער ניי־אויפגעקומענער האָפנונג פון די אמעריקאַנער אַרבעטער, קעגן דער אמעריקען לייבאָר פּאַרטי. אָבער אָה, דערויף זיינען געווען אַ סך גוטע אורזאַכן: די לייבאָר פּאַרטי ווערט געשטיצט פון די רעכטע סאָציאַליסטן, און גאָלדבערג, דעם טאָג וואָס ער איז אַ סאָציאַליסט, איז ער אַ לינקער סאָציאַליסט. די לייבאָר פּאַרטי קען אויך אויסוואַקסן אַ געפאַר פאַר טעמעני אין ניו יאָרק, און דאָס איז נישט געוואונשן פאַר גאָלדבערג'ן. איז ער געווען זייער אויסגעהאַלטן קעגן. און איין טאָג איז ער ארויס מיט אַ קאָלומ'ל, אַזוי צו זאָגן: „סי פּיידזש 12" — זע זייטל צוועלף, הייסט עס.

„איך האָב באַקומען צוגעשיקט — שרייבט ער — אַ נומער פון זשורנאַל „טודעי" מיט אַן אויפשריפט אויפ'ן טאָוועל „סי פּיידזש 12". איך האָב גענומען און אויפגע־

מישט דאָס זייטל צוועלף. ערשט דאָרט איז אַן אַרטיקל וועגן דייוויד דובינסקי. איך האָב געלייענט די וואונדיירים, וואָס מען שרייבט דאָרט וועגן דובינסקי'ן..." אָבער יענע אַלע וואונדיירים מאַכט ב. צ. אוועק מיט דער האַנט און ער נעמט זיך דערציילן זיינע אייגענע וואונדיירים, נעמלאַך, אַז צו אים — אַלץ צו אים! — קומען אידן און דערציילן אַזעלכע שרעקלאַכע מעשות וועגן דובינסקי'ן, אַז זיי „טויגן אַפילו (!) ניט פאַר זיין קאָלום", מעשות, נעמלאַך, ווי אַזוי דובינסקי נעמט „דיוס" ביי „אָרימע אַרבעטסלאָזע אידישע שניידער" און גיט עס אוועק אויף „שיקסעס", רחמנא לצלן, אויף אָרגאַניזירן די שיקסעס, וואָס נעמען אוועק די אַרבעט ביי די אידן, און דאָס וואָס בלייבט אים פון די שיקסעס גיט ער אוועק אויף דער אַמעריקאַן לייבאָר פּאַרטי, וועלכע, זאָגט גאָלדבערג, וועט סיי־ווי ניט לעבן; און צוליב וואָס? כדי צו זיין אַ גאַנצע שישקע „אויפ'ן בוידעם", אַן עלעקטאָר פאַר רוזוועלט'ן...

ליגט דאָ אַ וועלט מיט געמיינהייט אין די דאָזיקע גאָלדבערג'שע רייד. די געמיינהייט שטעקט נישט בלויז אין דער אַטאַקע אויף דער אַרבעטער פּאַרטיי און אין שטעלן די שניידער יוניאָן אין אַ פאַלשן ליכט, נאָר אויך אין דעם, וואָס ב. צ. גאָלדבערג האָט אונטערגעטראָגן זיינע מסירה'ס אויף דובינסקי'ן פּונקט דעמאָלט ווען קאַגלין און לעמקע און הוירסט האָבן געפירט זייערע ביטערסטע העצעס אויף אים, און אויף רוזוועלט'ן פאַר אַרויפזעצן אים „אויפ'ן בוידעם". ב. צ. איז אויך מיט זיין שטימע אַריין אין דעם שיינעם כאָר, אין סאַמע קריטישן מאָמענט.

נאָר כאַראַקטעריסטיש איז דאָ נישט בלויז די ניט־עטישקייט פון דעם קאָלום, נאָר אויך זיין אינגעלשע נאַ־רישקייט.

גיט נאָר אַ קוק אויפ'ן אָנשטעל פון די ווערטער: „א י ך האָב באַקומען צ ו ג ע ש י ק ט אַ נומער פון דעם זשורנאַל"... אַלע אַבאָנענטן פון דעם זשורנאַל האָבן אים באַקומען צוגעשיקט. פאַר אַלעמען איז געווען די גלייכע

אויפשריפט: זע זייטל צוועלף — ווי זשורנאלן און צייטונגען טוען עס אָפּט, ווען זיי ווילן ציען אויפמערקזאַמקייט אויף אַ ספּעציעלן אַרטיקל. נאָר גאָלדבערג וויל מאַכן דעם איינדרוק, ווי די רעדאַקציע וואָלט, פון אַלע מענשן אין אַמעריקע, אויסגעקליבן אים איינעם אויף צוצושיקן דעם זשורנאַל, און ספּעציעל געבעטן א י ם ער זאָל איבערלייענען יענעם אַרטיקל — אַ נו, הייסט עס, לאָמיר הערן, וואָס איר, הער גאָלדבערג, מיט אייער ליכטיקן קאָפּ, האָט צו זאָגן וועגן דעם...

יעדער איינער, וואָס האָט זיין נאָמען אין טעלעפאָןבוך קריגט צוגעשיקט אַלערליי „ליטעראַטור", סוויפּסטעיקס אַריינגערעכנט. אויב אייער נאָמען און אַדרעס איז אַמאָל ערגיץ פאַרשריבן געוואָרן, קאָנט איר זיכער זיין, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט איר קריגן צוגעשיקט עפּעס אַ זשורנאַל „מיט אַן אויפשריפט": זע זייטל . . . פאַראַן ספּעציעלע פירמעס, וואָס קלייבן אַדרעסן און פאַרקויפן זיי אייך טויזנט שטיק פאַר אַ דאָלאַר. איך אַליין קריג שוין מאָנאַטן לאַנג בערג מיט ליטעראַטור פון די „יוטיליטי קאָמפּאַניס" און קען גאָרנישט פּטור ווערן דערפון. און מיין איינציקע שייכות צו די „יוטיליטיס" איז, וואָס מיינער אַ געז־ביל איז אַמאָל געבליבן נישט באַצאָלט...

ביי גאָלדבערג'ן אָבער הייסט עס מיט אָנשטעל:
„ א י ך האָב געקראָגן צוגעשיקט"... זאָלן די לעזער טראַכטן . . .

היינט אויב ער בלאָזט זיך אַזוי מיט אַ „זייטל צוועלף" איז שוין קיין חידוש ניט, וואָס ער פאַרפעלט ניט צו דערמאָנען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, אַז ער איז געווען אויף אַ פּרעס־קאָנפערענץ ביים פּרעזידענט אין ווייסן הויז און אַז אין פּאַלעסטינע האָט ער געהאַט לאַנטש מיט'ן האַי־קאָמישאָנער. ס'איז ווידער דיזעלבע מעשה: מיט אַ רעפּאָרטער־קאַרטל אין קעשענע קאָן איינער זיך דערלאַנגען צו פּרעזידענטן, צו קאָמישאָנערס, און אפילו צו די פּייערלייט אין סאַמע פּייער — וואוהין אינגלשע הערצלאך ציען

אזוי שטאַרק. געוויינלאַכע זאַכן. נאָר ניט ביי גאָלדבערג'ן! אַ שאָד וואָס ער איז נישט געווען קיין רעפּאָרטער ביי מתן־תורה, פאַרלאָזט זיך אויף אים, ער וואָלט געוויס געהאַט מיט משה רבינו לאַנטש אויפ'ן בארג סיני, כאָטש משה רבינו האָט, לויט דער לעגענדע, גאָר געפאַסט, און ער וואָלט שוין געזען, אַז דאָס זאָל בלייבן פאַרשריבן אין דער תורה...

דערנאָך וואָלט ער געשריבן אַ קאָלום:

„איך האָב געקראָגן צוגעשיקט פון הימעל עפּעס אַ תורה, מיט אַן אויפשריפט:

„סי" די עשרת הדברות —

„אנכי — איך בין גאָט..."

גאָט אויך — „איך..."

און ער וואָלט געזאָגט: זעט, שרייבן „איך" איז מן התורה... און אַז גאָט שרייבט א י ך, מעג איך אודאי, וואָרים אזא שרייבער ווי גאָט בין איך „עני טאָים"...

נאָר וואָס דאַרפט איר מער, ב. צ. גאָלדבערג קריגט דאָך צוגעשיקט ספּעציעלע ידיעות אפילו פון מאָסקווע, גע־היימניסן אזש פון קרעמעל! מיט סאָוועט־רוסלאַנד איז ער, ווי באַקאַנט, אַ גאַנצער שמעלקע. מיט סטאַלינ'ען — אַ קנעפּל און אַ לעבל, מיט ביראָ־בידזשאַן — איר ערשטער אמבאַסאַדאָר אין אמעריקע. קומט ער איינמאָל ארויס מיט אַ גוואַלדיגער סענסאַציע, וואָס ער האָט, האָט ער פאַר־זיכערט, געקראָגן דירעקט פון קרעמעל: סטאַלין איז ניט שולדיק אין דעם טויט פון קאַמענעוו און זינאָוויעוו, ער איז גאָר געווען קעגן דעם גאַנצן פּראָצעס און דער היינ־ריכטונג פון די „זעכצן".

אין דער צייט פון פּראָצעס, פאַרשטייט איר מיך, האָט ב. צ. גאַראַנטירט, אַז מען וועט די „זעכצן" נישט פאַר'־משפּט'ן, און אויב מען וועט זיי פאַר'משפּט'ן, האָט ער גאַ־ראַנטירט, אַז מען וועט זיי שענקען דאָס לעבן.

האָט ער נישט געטראָפן. איז דאָך אים געווען זייער שלעכט מיט סטאַלינ'ען, ז י י ן סטאַלינ'ען, וואָס ער האָט אים ניט געפאָלגט און פאַרקאַכט אזא מיאוס'ע קאשע,

איז ער ארויסגעקומען מיט דער ווילדער סענסאציע, אז סטאלין איז גאָט די נשמה שולדיק. ס'איז אַלץ געטאָן געוואָרן אָן סטאַלינ'ס ווילן.

אין צייט פון צאר פלעגן די פויערים אויך זאָגן: דער צאר באַטיושקא איז גוט, נאָר ער ווייס נישט, אז דעם פויערל איז שלעכט, נאַטשאַלסטוואָ דערלאָזט נישט דעם אמת דערגיין צו אים.

אזא פויערשן ארגומענט האָט ב. צ. געבראכט פאר סטאַלינ'ען אויך.

ווי נאריש דאָס איז צו זאָגן, אז אין רוסלאנד, וואו א גרעזל שטעקט ניט ארויס דאָס קעפל פון דר'ערד אָן סטאַלינ'ס ווילן, וועט אזא געוואַלדיקע געשעעניש אַפּלויפן ק ע ג ן סטאַלינ'ס ווילן! מען דאַרף זיין געוויסנלאָז ווי א קראָקאָדיל אין אזא גרויסער טראגעדיע צו זוכן א ביליקע סענסאציע, מען דאַרף זיין א קאָרטן־פעלשער אריינצעווארפן א פאַלשע קאָרט אין אזא גרויסן היסטאָרישן שפּיל. ווי מאָדנע עס איז די פּסיכאָלאָגיע פון דעם, וואָס וויל און קאָן נישט! „אייער קאָלומניסט", ווי ער רופט זיך, קען ניט שאַפן קיין היסטאָרישע אמת'ן, מאַכט ער כאָטש היסטאָרישע ליגנס.

נאָר אפילו היסטאָרישע ליגנס דאַרף מען אויך קענען מאַכן. דער ליגן מיט סטאַלינ'ען איז שוין צו פאַרכטאָטשקע געמאַכט. נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב א פריינט?

צוליב זיין פריינט סטאַלינ'ען איז ער אויך ארויסגעטראָטן קעגן א געזעלשאַפטלאכן געריכט פאר טראָצקי'ן. גאָלדבערג איז קעגן אזאַ געריכט!

און דערויף איז אויך דאָ א משל מיט א אידן, דאָס מאָל א גבאי. א נארישער און שמאָטישער גבאי אין א שול האָט באַשלאָסן, אז ענדלאך מוז ער זיך א נעם טאָן זאָגן א דעה אין שול און זאָל קהל זען, אז ער איז נישט אבי ווער. גייט ארויף דער שמש אויפ'ן באַלעמער און רופט אוים: היינט זאָגט מען יעלה ויבוא!

„איך היים ניט!" האָט דער גבאי געגעבן א פּאַטש

איבער׳ן סטענדער, און נעבאך געקראַנגן אַ געשוואָלענע האַנט.

יאָ, צוליב סטאַלינ׳ען וועט גאָלדבערג טאָן „אייניגעס״. נאָר אונז, אידיש פאָלק, פאַרלאָזט ער אויך נישט. אזוי פארזיכערט ער אין „קאָלום״ פון 3טן אָקטאָבער, 1936, וואו ער אנטוויקלט אַ גאנצע פילאָזאָפיע וועגן דער לאגע פון אידישן פאָלק אין דער וועלט, און וואו ער שרייבט מיט גרויס באשיידנקייט: „עס איז אַ פאלשער איינדרוק, וואָס שאפט זיך ביי אידן, אז עס איז עק וועלט, דאָס אידישע פאָלק גייט אונטער, און א י ך זיץ און ש ר י י ב קאָלומס״.

אָ, ניין, ווען דאָס אידישע פאָלק גייט אונטער, וואָלט ב. צ. ניט געזעסן און געשריבן קאָלומס! ער וואָלט גע־שטאַנען מיט פארקאטשעטע ארבל און — געראטעוועט.

נאָר דערווייל איז נישטאָ וואָס צו ראטעווען...

אזוי ארום, לויט זיינע אייגענע רייד, ווערן זיינע קאָלומס עפּעס א מין סיגנאל פאר׳ן אידישן פאָלק. כל־זמן גאָלדבערג זיצט און שרייבט קאָלומס, קאָנען מיר זיכער זיין, אז „ס׳איז אונז, אלס פאָלק — זאָגט ער — גאָרנישט אזוי שלעכט.״ ווען אונז וועט שלעכט ווערן, וועט ער אויפ־הערן שרייבן זיינע קאָלומס. און ווען ער וועט אויפהערן שרייבן זיינע קאָלומס דעמאָלט, אַ דעמאָלט זאָלן מיר וויסן, אז ס׳איז ביטער...

זיין לייזונג פון דער אידישער פראגע איז ממש גע־ניאל.

וועגן די אידן אין פוילן און רומעניע זאָגט ער, אז ווען מען נעמט אין באטראכט, אז יענע לענדער זיינען אליין אויף צרות, און ווען מען נעמט נאָך אין באטראכט, אז די אידן מעג זיין אביסל ערגער, ווי די ניט־אידן, איז די אידן דאָרט גאָרנישט אזוי שלעכט (אָקטאָבער 3).

אזוי איז די אידישע „נאציאָנאלע פילאָזאָפיע״ פון ב. צ. גאָלדבערג. אידן מעג זיין אביסל ערגער. פארוואָס

מעג עס, מר. גאָלדבערג? און וויפיל איז אביסל? און וויפיל איז דער שיעור?

און מה־דאָך די אידן פון פוילן און רומעניע איז גוט, איז דאָך די אידן פון אמעריקע אודאי גוט.

אָבער גוט איז די אידן פון אמעריקע געווען נאָר דעם 3טן נאָוועמבער, 1936. דעם 7טן נאָוועמבער איז זיי שוין געווען ביטער און פינסטער. אין זיין קאָלום פון יענעם טאָג קלאָגט שוין נעבאך ב. צ. גאָלדבערג, וואָס אידן מיט אידי־שע נעז און אידישע נעמען קענען ניט קריגן קיין ארבייט און קיין שטעלעס אין אַמעריקע, און ער דערציילט עפּעס א פאנטאסטישע מעשה פון א אידישן יונגענמאַן, אַן אינזשע־ניער מיט אַלע מעלות, מיט בילדונג, מיט חכמה און מיט פערזענלאכקייט, און מיט דער גאָר גרעסטער פון אַלע מעלות: ניט זיין נאָז און ניט זיין נאָמען זיינען אידיש — ממש א גליק מן השמים (אַז א מענש האָט מזל!). דער־צו האָט ער אָנגעגעבן, אז אין רעליגיע איז ער א פּראָטעס־טאַנט. האָט אים טאקע גאָט געהאָלפן און ער האָט גע־קראָגן א שטעלע, כאָטש וועלכער גאָט ס׳איז אים בייגע־שטאַנען, דער אידישער צי, להבדיל, דער פּראָטעסטאנטי־שער, קען מען נאָטירלאך ניט וויסן...

דאַרף דאָך שוין, דענקט ב. צ. גאָלדבערג, אַזאַ אידן זיין גוט אין אמעריקע, אָבער ס׳איז אים פּאָרט שלעכט. ווייל צווישן זיינע קריסטלאכע חברים אין דער לאבאראַ־טאָריע טוט ער רק הערן ווי מען רעדט אויף אידן, מען באַליידיקט אידן, מען וויצלט זיך איבער אידן, און זיין האַרץ פאַרלויפט אים נעבאך מיט בלוט, ווייל ער מוז הערן און שווייגן ווייל... ווייל ער איז דאָך א פּראָטעסטאַנט! כאָטש פון דער דאָזיקער באַשרייבונג קען מען, דוכט זיך, אָננעמען, אז יענע קריסטלאכע חברים זיינען אויך נאָר אידישע פּראָטעסטאַנטן, וואָס ס׳האָט זיי אָפּגעקליקט מיט ניט־אידישע נעמען און נעזער . . .

און נאָך א צרה: מען טוט ניט קיין ארבעט ביי דער פירמע. זי צאָלט טאקע פיינע געהאַלטן צו אינזשענירן

נאָר טאָן טוען זיי גאָרניט, ניטאָ קיין אַרבעט, און די פירמע האַלט אויס דעם גאַנצן דעפּאַרטמענט מיט אינזשע־נירן נאָר פאַר אַ שיינדל (!). און די אינזשענירן, מיט אונזער אידישן פּראָטעסטאַנט בתוכם, „צערייסן נאָר די תחתונים זיצנדיק ליידיק".

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין, דער גליקלאַך־אומ־גליקלאַכער יונגערמאַן איז געקומען צו ב. צ. גאָלדבערג נאָך אַן עצה — ווייל גאָלדבערג איז, צו אַלע מעלות, אויך אַ גוטער איד, וואָס מען קומט צו אים מיט קוויטלאַך, פּער־זענלאַך און דורך פּאָסט — נאָך אַן עצה, צי ער זאָל ניט אַ שפּיי טאָן אויף דער גאַנצער אמעריקע און אַוועקפאָרן בעסער קיין בירא־בידזשאַן, וואו מען רייסט נישט, זאָגט ער, די תחתונים זיצנדיק ליידיק (ס'איז דאָרט נישטאָ וואָס צו רייסן!) און וואו מען באַליידיקט ניט קיין אידן (מען פּאַקט זיי אין די טורמעס ווי טראָצקיסטן!). און פאַרשטייט זיך, אַז ב. צ. גאָלדבערג'ס האַרץ איז מיט'ן יונגענמאַן און מיט בירא־בידזשאַן . . .

און די גאַנצע זאַך ברענגט עס ב. צ. גאָלדבערג צו ווייזן ווי ביטער עס איז די אידן אין אמעריקע, וואָס האָבן געבראַכט צושלעפּן אָהער אידישע נעז און אידישע נעמען, און דער מוסר השכל איז — בירא־בידזשאַן איז דער רעטונג־פּלאַץ פאַר אַזעלכע אידן. קיין בירא־בידזשאַן, אידן פון אמעריקע!

און אַ שטיק צייט האָט ב. צ. גאָלדבערג אַזוי גע־קלאַפּט אין זיין קאָלום אויף אידישע נעז און אידישע נעמען.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַזוי אויספירלאַך אויף דעם קאָלום פון 7טן נאָוועמבער, 1936, ווייל איך האַלט, אַז דער דאָזיקער קאָלום איז דער פיינסטער מוסטער פון זשור־נאַליסטישן שונדיזם, וואָס די אידישע פּרעסע, איר שונדישער טייל, מיין איך, האָט אַרויסגעגעבן. ס'איז שונ־דיש, ווייל ס'איז צו צוגעטראַכט, און —

ווייל דער גאַנצער טאַראַראַם איז אויפגעהויבן געוואָרן

כדי כשר צו מאכן א ריין פערזענלאכן ענין — דאָס וואָס ב. צ. גאָלדבערג האָט אליין געביטן זיין אידישן נאָמען אויף א גוי'אישן.

געוועזן איז ער אמאָל „ב. צ. גאָלדבערג", איצט איז ער מר. וועיף.

„ב. צ. גאָלדבערג" איז שוין איצט נאָר זיין פּעדער־נאָמען. „ב. צ. גאָלדבערג" הייסט ער שוין נאָר פאר אונז אידעלאך, אָבער פאר די שיינע לייט פון דער גרויסער שיינער וועלט האָט ער זיך „געקריסטלט" אויף מר. וועיף. געזעצלאך, געריכטלאך, ווי עס ווערט געוויינלאך געטאָן אין אזעלכע פאלן.

איז מסתמא ווייס ער וואָס ער האָט געטאָן. מסתמא ווייס ער אז מיט זיין אייגענעם נאָמען האָט ער זיך ניט וואָס איבערצוגעמען. אָבער צוליב עפּעס א מר. וועיף ברעכן שטולן ביי אידן איז ניטאָ וואָס.

ס'טרעפן זיך אזעלכע זאכן ביי אידן. הלואי וואָלט ניט אזוי געטראָפן ווי עס טרעפט. כאָטש זאָגן דארף מען דעם אלטן אמת אז ניט א נאָמען מאכט שיין אָדער מיאוס דעם מענטשן נאָר דער מענטש מאכט זיין נאָמען שיין אָדער מיאוס.

דעם נאָמען איינשטיין וועט זיך קיינער ניט בייטן.

דער גאנצער חידוש איז נאָר: וואָס איז עס פאַר א נאָמען מר. וועיף?

„וועיף" אויף ענגליש מיינט א היימלאָז קינד. עס מיינט א פארלאָרן־געגאנגענע, היימלאָזע בהמה. וואָס עפּעס היימלאָז? ב. צ. גאָלדבערג, צו דאנקען פריער גאָט און דערנאָך אמעריקע, האָט זייער א פיינע היים. ער וואָלט זיך געדארפט צופּאסן א נאָמען, וואָס זאָל באדייטן כאראקטער־לאָז, פרינציפּנלאָז און צען אנדערע „לאָזן", אָבער היימלאָז? און היימלאָז ווען ער האָט בירא־בידזשאן, וואו אידן דארפן זיך ניט שעמען מיט זייערע נעמען? ס'איז דאָך, זאָל ער קיין פאראיבל ניט האָבן, נאריש.

נאָר אפּנים בעסער נאריש איידער אידיש.

אָבער אה, „וועיף" האָט נאָך א טיטש! עס מיינט אויך — א זאך וואָס דער ווינט טרייבט אַרום אהין און אהער.

דאָס שטימט שוין. דאָס איז אינגאנצן אין כאראַקטער.

אודאי, וועדליג פאר שלום־עליכמ׳ס אידעם און פאר א אידישיסט און פאר אינעם, וואָס אלע בין־הזמנים הייסט ער די אידן למע"ה שיקן זייערע קינדער אין די אידישע שולן — וועדליג פאר אזא איינעם גרילצט עס אונז אביסל, וואָס פון מר. גאָלדבערג איז ער געוואָרן מר. וועיף. אָבער מיר, די זשידקעס, זיינען געוואוינט צו אלערליי גרילצערייען, און, ס׳שאדט בכלל ניט: זאָל זיך וואלגערן א „גוי" אין דער משפּחה...

הלואי זאָל ער כאָטש דאָרט ניט זאָגן, אז ער איז א פּראָטעסטאנט . . .

דערווייל אָבער זיינען מיר ארונטער פון דער טעמע, די היסטאָרישע וואלן פון 1936, וואו ב. צ. גאָלדבערג האָט באוויזן אויף אזא גלענצענדן אופן פון וועלכן שטאָף ער איז געמאכט.

געקאמפּעינעוועט, ווי מיר האָבן געזען, האָט ער פאר אלע פיר פּאָליטישע פּארטייען, די דעמאָקראטן מיט זייער קאנדידאַט רוזוועלט, די רעפּובליקאנער מיט זייער קאנדי־דאט לענדאָן, די לינקע סאָציאליסטן מיט זייער קאנדידאט נאָרמאן טהאָמאס, און די קאָמוניסטן מיט זייער קאנדידאט אוירל בראודער. בלויז דער „אמעריקאנער ארבעטער פּאר־טיי" איז ניט באשערט געווען צו קריגן די שטיצע פון זיין פעדער.

געהאָפט האָט גאָלדבערג אודאי, אז אלע זיינע פיר פּרעזידענט־קאנדידאטן וועלן זיגן. געזיגט האָבן אָבער נאָר צוויי: רוזוועלט און טהאָמאס. איינער האָט געוואונען און דער אַנדערער האָט „געזיגט".

האָט ער צו רוזוועלט׳ן אויף מאָרגן געשריבן: „זייט א מאן, מר. פּרעזידענט, און איר וועט אריין אין דער געשיכטע."

„זייט א מאַן" — חבר'יש, אינטים, אייגן, ווערליג דער גרעסטער „איך" צום גרעסטן פּרעזידענט.

דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו „נאָרמאַן טהאָ־מאַס'עם זיג".

אודאי איז אים געווען א סך גרינגער צו באַווייזן, אז רוזוועלט האָט געוואונען, איידער צו באַווייזן, אז טהאָמאַס האָט געזיגט. אָבער פאַרלאָזט זיך אויף ב. צ. גאָלדבערג'ן.

טהאָמאַס האָט טאַקע אין 1936 געקראָגן מיט אַכט הונדערט טויזנט שטימען ווייניגער, ווי אין 1932, און מיט צוויי הונדערט טויזנט שטימען ווייניגער ווי די אַרבעטער פּאַרטיי אין ניו יאָרק אַליין, אָבער געזיגט האָט פּאָרט טהאָמאַס, ווייל — האָט דערקלערט גאָלדבערג — ער איז געשטאַנען אַליין, אָבער די אמעריקאַן לייבאָר פּאַרטי — ווער דענקט איר האָט אָרגאַניזירט די אמעריקאַן לייבאָר פּאַרטי, די אַרבעטער? ניין, דזשים פאַרלי! ווער האָט געגעבן די מיטלען פאַר דעם צוועק? דזשים פאַרלי! די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט געגרינדעט די אַרבעטער פּאַרטיי!

און ווען איר קומט צו אזעלכע רייד, באַגרייפט איר ערשט רעכט, וואָס ב. צ. גאָלדבערג'ס קאָלום איז: עס איז דאָס אויסגעלאַסענע געסל פון „טאָג"...

אָבער עס וואַרט אויף אייך אפילו נאָך א גרעסערע איבעראַשונג:

טהאָמאַס'עס זיג, האָט גאָלדבערג געשריבן, ווערט נאָך גרעסער, ווען מען באַגרייפט, אַז ער האָט געקראָגן זיין ביסל שטימען, כאָטש ס'איז ניט געווען קיין חילוק צווישן אים און רוזוועלט'ן... „איך מוז זאָגן, איך האָב קיין געוואַלטיקן חילוק צווישן טהאָמאַס'ן און רוזוועלט'ן ניט געזען — האָט ער געשריבן — עס איז געווען פּונקט אזא אומבאַשטימטער חילוק לינקס, ווי לענדאָנ'ס איז געווען רעכטס"...

הערט, הערט! צווישן טהאָמאַס'ן און רוזוועלט'ן איז קיין חילוק ניט געווען. און צווישן רוזוועלט'ן און לענדאָנ'ען איז אויך קיין חילוק ניט געווען. הייסט דאָך עס, אז צווישן

טהאָמאַס'ן און לענדאָנ'ען איז אויך קיין חילוק ניט געווען.
קומט שוין אויס, אז לענדאָן איז א סאָציאַליסט און נאָרמאַן
טהאָמאַס א רעפּובליקאַנער!

וואָס קען מען שוין נאָך אזא „לאָגיק" זאָגן וועגן
ב. צ. גאָלדבערג'ס קאָלום?

עס איז — דאָס אויסגעלאַסענע געסל, וואָס איז
אַראָפּ פון זינען!

פון אויסגעלאַסנקייט...

טעאָדאָר דרייזער, קאָמוניסט-אַנטיסעמיט

פאַראַן שונד אין לעבן, אַזוי ווי אין ליטעראַטור, און הערט וואָס פאַר אַ ווילדער שונד ס'קען זיך פּאַרלויפן:

פאַראַן אין אַמעריקע אַ וואָכנבלאַט „דהי ניישאָן". אַ לאַנגע, לאַנגע צייט איז זי געווען אַ פיינע, ליבעראַלע, פּראָגרעסיווע צייטונג. ביז זי איז אַריבער אין די הענט פון אַ באַנקיר־מיליאָנער. און ווען זי איז אַריבער אין די הענט פון דעם באַנקיר־מיליאָנער, איז זי געוואָרן קאָמוניסטיש.

ערשטער קאַפּיטל שונד.

פאַראַן דער שרייבער טעאָדאָר דרייזער. אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען אין דער ריי פון די בעסערע, ליבעראַלע, פאָרטגעשריטענע אַמעריקאַנער שרייבער, מיט אַ פּראָגרעסיווער סאָציאַלער אָריענטאַציע אפילו. איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט. און אַרום דער אייגענער צייט וואָס ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, איז ער אויך געוואָרן אַן אַנטיסעמיט.

צווייטער קאַפּיטל שונד.

און אָט איז דער דריטער קאַפּיטל:

דער באַלעבאָס פון דער קאָמוניסטישער „ניישאָן" איז, אויסער אַ מיליאָנער און באַנקיר, אויך אַ איד.

דרוקט טעאָדאָר דרייזער זיינע אַנטיסעמיטישע אויסגוסן דווקא אין דער אידיש־קאָמוניסטישער „ניישאָן"! איין מאָל און אַ צווייטן מאָל.

באמת, דאָס לעבן איז דער גרעסטער שונד־שרייבער. וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע: מיליאָנען, קאָמוניזם, אידנטום און אַנטיסעמיטיזם — אַלץ אין איין טעפּל.

ווען מען זאָל זיין מיט טויזנט קעפּ וואָלט מען זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבן אין אַזאַ פּלאָנטער. נאָר ניט וועגן דעם גאַנצן פּלאָנטער וויל איך דאָ ריידן, נאָר וועגן דרייזער'ס מאָדנעם אַנטיסעמיטיזם. און דערצו פאָדערט זיך אפשר גאָר ניט קיין קאָפּ. אַ בליק מיט דער פּוס איז גענוג.

פאַרוואָס איז דרייזער אַן אַנטיסעמיט?

פון א שריפטשטעלער־קינסטלער וואָס איז געוואוינט צו אנאַליזירן מענשלאכע געפילן און פאַנאַנדערפלאָנטערן די מאָטיוון פון מענשלאכע מעשים, וואָלט מען געמעגט דער־וואַרטן ווייניקסטנס א פּרוואוו צו דערקלערן, פאַר זיך און פאַר אנדערע, וואָס איז עס אַזוינס די דאָזיקע לײַדנשאַפט, די שנאה צו אידן, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ארומגעכאַפּט זײַן קינסטלעריש האַרץ.

אָבער דרײַזער טוט עס ניט אַזוי. ניט נאָר וויל ער זיך ניט אַרײַנטראַכטן אין זײַן געפיל, ער וויל זיך אפילו ניט אַוועקזעצן אויסטראַכטן בלבולים, אַזוי ווי אַנטיסעמיטן טוען געוויינלאַך, צו באַרעכטיקן זײַן געפיל. פאַרקערט, ער איז אייך אָפן מודה, אַז אַלע טענות קעגן אידן זײַנען ניט מער ווי בלבולים און פאָראורטיילן, וואָס האָבן קיין שום גרונט ניט. און דאָך האָט ער פײַנט אידן. א געפיל אַזאַ, זאָגט ער, און גיי האָב טענות צו געפילן.

איך ווייס, זאָגט ער, ס'איז ניט שיין, ס'איז ניט גוט, ס'איז ניט גערעכט, אָבער איך האָב אייך פאַרט פײַנט, „אַי, אַי".

דער „אַי, אַי" איז טאַקע דרײַזער'ס א חנ'דעלע אַזאַ.

געדענקט איר דעם „אוי טאַטעלע, אוי מאַמעלע" פון די שוואַרץ־מאה'ניקעס אַמאָל אין רוסלאַנד? דרײַזער'ס „אַי־אַי" האָט דעמזעלבן חן, און דאָס זעלבע האַרץ שטעקט הינטער דעם.

אָבער ער פוילט זיך גראָד ניט אַרײַנצולאָזן זיך אין שילדערונגען ווי אַזוי דער שנאה־געפיל צו אידן אַרבעט בײַ אים. איך האָב, זאָגט ער, הנאה צו זוכן בײַ אידן נאָר חסרונות. אַזעלכע חסרונות וואָס בײַ אַנדערע וואָלט ער גרינג מוחל געווען קען ער בײַ אידן ניט מוחל זײַן, זאָגט ער. און ווען זײַנע אידישע פרײַנט (אַלע אַנטיסעמיטן שטעלן אַרויס „אידישע פרײַנט" פאַר א שיינדל) נעמען זיך אים באַווײַזן, אַז אידן זײַנען ניט אַזעלכע טייוואָלים ווי ער מיינט, מאַכט עס אים נאָך מער אויפגערעגט קעגן די אידן. און אַזוי שטאַרק איז זײַן שנאה צו אידן, אַז אונטער געוויסע אומשטענדן, זאָגט ער, קענען אַזעלכע געפילן ווי זײַנע

אַרויסרופן פּאָגראָמען און די גרעסטע און גרויזאַמסטע רדיפות אויף אידן. און מיר דאָ, אין אַמעריקע, זאָגט ער, וואָלטן געפונען פּונקט אַזעלכע תירוצים ווי אין דייטשלאַנד, אין ערשטער ליניע — עקאָנאָמישע קנאה.

אַט אַזאַ פּזמון לייגט ער אַוועק אין דער „ניישאָן", דער גרויסער קינסטלער און קאָמוניסט, און דערביי פאַר־נויגט ער זיך העפלאך און זאָגט אויף לאַטיין: „מעא קולפּא"... ווי איינער רעדט: איך בין מודה מיין זינד, אָבער ס'איז אַ געפיל אַזאַ, און איך קען זיך ניט העלפן.

האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ מערקווירדיקן פאַל. צום ערשטן מאָל אין אַמעריקע קומט אַרויס אַן אַנערקענטער קינסטלער און צום ערשטן מאָל אין דער וועלט טרעט אַרויס אַן אַנער־קענטער קאָמוניסט און דערקלערט אָפן אין די אויערן פון דער גאַנצער מענשהייט, אַז ער איז פעאיק, אפשר גרייט, אונטער געוויסע אומשטענדן, צו מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן און סטראַשעט מיט נאַצישן פאַשיזם.

און פאַרוואָס — ווייס ער אַליין ניט...

קענען מיר, איינגנטלאך, אַזאַ געפיל גוט פאַרשטיין. פאַראַן אַ סך אַזעלכע בלינדע געפילן. שיילאָק האָט שוין ז י י נ ע אַנטיסעמיטן אויסגערעכנט אַ גאַנצע שורה אַזעלכע אומפאַרשטענדלאכע געפילן. פאַראַן, זאָגט ער אין שעקספּיר'ס פּיעסע, מענשן וואָס „חלש'ן אַוועק" ווען זיי דערזעען אַ קאַץ, און מענשן וואָס באַנעצן זיך ווען זיי דער־הערן אַ דודע שפּילן... פאַרוואָס, ווייסן זיי ניט. און מיר, פון אונזער זייט, קענען דרייזער'ן אָנווייזן אויף'ן מאָדנעם אומפאַרשטענדלאכן פאַקט, וואָס אידן, בדרך כלל, האָבן נישט ליב קיין הינט.

מער ניט, זיי שרייבן וועגן דעם נישט קיין אויסגוסן אין הינטישע זשורנאַלן.

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין, האָבן מיר דאָ אין דרייזער'ן אַ נייעם סאָרט אַנטיסעמיטיזם, אַ נייע מדרגה אין זיין אַנטוויקלונג. ביז איצט האָבן מיר געהאַט צוויי סאָרטן אַנטיסעמיטן: איינער וואָס האָט אויסגעטראַכט

גראָבע בלבולים אַלס גרונט פאַר זיין אַנטיסעמיטיזם, בלבולים מיט פאַר׳סמ׳טע ברונים׳ער און געקוילעטע קריסט־לאַכע קינדער, און דער אַנדערער מין וואָס האָט געשאַפן געלערנטע טעאָריעס, טעאָריעס פון אידישן גייסט און אַרישן גייסט, אידישן בלוט און אַרישן בלוט. אפילו די נאַציס זיינען ניט גלאַט אַנטיסעמיטן. זיי זיצן און ברעכן זיך די קעפּ אויף גאַנצע פילאָזאָפישע סיסטעמען צו באַ־רעכטיקן זייער אַנטיסעמיטיזם.

אָבער דרייזער — ער קומט און מאַכט די זאַך ביז גאָר פשוט. צו וואָס דער גאַנצער אָנשטעל מיט בלבולים און טעאָריעס, זאָגט ער, ס׳איז דאָך אַלץ נאָר ליגן! וואָס טויג עס אונז? וואָס דאַרפן מיר די ליגנס מיט די תירוצים מיט די דערקלערונגען? צו וואָס בכלל זיך אַזוי צערע־מאָניען מיט די אידן? מיר האָבן זיי פיינט און גענוג! שלום פון אַלע דעבאַטן!

ס׳איז קלאָר, ס׳איז דירעקט, ס׳איז פשוט. ממש קינסטלערישע קלאָרקייט און פשטות. מיט איין מאַך מיט דער האַנט האָט ער אָוועקגעריסן דעם גאַנצן שפּינוועבס פון׳ם אַנטיסעמיטיזם און האָט אים אַרונטערגעבראַכט צו אַ פּשוט׳ן, נאַקעטן חיהישן געפיל. דאָס געפיל פון דער חיה דאַרף ניט קיין דערקלערונגען, האָט ניט קיין דערקלערונגען.

מען האָט אָפּט דרייזער׳ן, צוליב זיין גרויסן גוף און זיינע בייכיגע ביכער און זיין פאַמעלאַכדיקן סטיל, פאַר־גליכן מיט׳ן העלפאַנט. מיט זיין אַריינרייסן זיך אויף אַזאַ ווילדן אופן אין דער אידישער פראַגע, האָט ער נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דעם פאַרגלייך. דער העלפאַנט ווען ער צע־יושעט זיך קען אויך אָוועקלייגן גאַנצע מאַנשלאַכע ישובים אין חורבות. נאָר דער פאַרגלייך האַלט ניט אויס אין איין וויכטיקן פּרט: דער העלפאַנט עסט ניט קיין פליש און טרינקט ניט קיין בלוט, אפילו אידישע ניט...

און נאָך איין וויכטיקער אונטערשייד איז דאָ: דער העלפאַנט האָט אַ רעפּוטאַציע פאַר אַ קלוגער חיה.

וואָרים דרייזער האָט זיך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן

פאַר אַן איבעריקן חכם — ווען ער האָט אַוועקגעלייגט זיין קינסטלערישע פעדער פון האַנט. יע, לאָמיר ניט פאַרגעסן אָט די מאָדנע דערשיינונג, אַז עס זיינען דאָ קינסטלער, וואָס זיינען קלוג ווי די וועלט אין זייערע ווערק, אָבער זיינען אָפּגעריסענע נאַרן אין לעבן. און דרייזער איז אפילו אין זיינע ווערק קיינמאָל קיין צו־גרויסער חכם ניט געווען. אָבער ווען עס איז געקומען צו א פראַגע, וואָס איז געלעגן אויסער זיינע ווערק — דאָ האָט קיין גרעסערן נאַר אמעריקע ניט אַרויסגעגעבן.

זאָל דאָ, אַלס ביישפּיל פון זיין גרויסער חכמה דינען אַן אינטערוויו וואָס ער האָט געגעבן די צייטונגען באַלד ווי ער איז צוריקגעקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד, און צוריקגעקומען אָנגעשטעקט מיט קאָמוניזם. ער האָט אין דעם אינטערוויו דערקלערט, אַז אמעריקע נויטיקט זיך אויך אין א דיקטאַטור אויפ'ן סאָוועטישן שטייגער, און ער האָט פאָרגעשלאָגן אַן אייגענעם פּלאַן: מען זאָל נעמען די וויכטיקסטע קאַפּ־מענשן פון לאַנד, — פאָרד'ן, מאָרגאַנ'ען און ראקעפעלער'ן, און זיי צווינגען צו ווערן די דיקטאַטאָרס פון אמעריקע...

מיט אַזעלכע דערפאַרענע פירער און פאַרוואַלטער, האָט ער געזאָגט, וועט אמעריקע האָבן א גלענצענדע דיקטאַטור.

אָט אַזאַ קאָפּ־מענש און חכם איז עס דער טעאָדאָר דרייזער.

היינט אויב ער איז אַזוי „געניאַל” אין א פראַגע, וואָס ליגט אים אונטער דער נאָז, וואָס קען מען שוין דערוואַרטן פון אים אין דער פראַגע פון אידן און אידישן שיקזאַל, וואָס איז פאַר אים א בוך פאַר'חתמ'עט מיט זיבן זיגלען?

דער זעלבער קאָפּ־מענש ווייזט זיך אַרוים דאָרט, וואו דרייזער פּרוּווט דערקלערן, פון וואַנען עס נעמט זיך זיין בלינדער האַס צו אידן. מערקט אייך, כאָטש ער שרייט, אַז סיבות און אורזאַכן און דערקלערונגען גילטן דאָ ניט, פונדעסטוועגן פּרוּווט ער דערקלערן. ער האָט אין זיין ערשטן אויסגוס אין דער „ניישאָן” געגעבן אַזעלכע קלוגע דערקלע־

רונגען, ווי אַז אין אַמעריקע זיינען דאָ פינף־און־דרייסיק מיליאָן אידן און אַז די שפּיצן פון די שולן באַווייזן זיך אויפ'ן האָריזאָנט שוין צו אָפט (שפּיצן פון קלויסטערס מאַכן אים ניט אויס), און אַזוי ווייטער. און אין זיין צווייטן אויסגוס שרייבט ער אויך „דערקלערונגען".

אידן, זאָגט ער, זיינען ניט קיין אַמעריקאַנער, ניט קיין דייטשן, ניט קיין פראַנצויזן, נאָר אידישע דייטשן, אידישע פראַנצויזן, אידישע אַמעריקאַנער. מיט וואָס דאָס איז אַזוי שלעכט, ווייס איך ניט. נאָר ווען דרייזער איז געפאָרן אין דער סאָוטה, אין צייט פון סטרייקס, זיך שפּילן אביסל אין ראַדיקאַליזם, האָט מען אים פון דאָרט משלח געווען מיט'ן געשריי, אַז וואָס ער טוט איז ניט אַמעריקאַניש. און מיר, פון אונזער זייט, זעענדיק זיין גאַליגן אַנטיסעמיטיזם, קענען אים אויך דערמאָנען זיין דייטשישע טאַטע־מאַמע און זאָגן, אַז ער איז ניט קיין אַמעריקאַנער, נאָר אַן אַמעריקאַנער דייטש... ווען ער סטראַשעט אונז דאָ אין אַמעריקע מיט אַזעלכע רדיפות ווי אין נאַצי־דייטשלאַנד, באַווייזט ער נאָר ווי טיף ער וואָרצלט נאָך אין דייטשלאַנד און אין דעם ערגסטן דייטשלאַנד, ניט דעם בעסטן...

ער האָט געהאַט „דערקלערט" דרייזער ווייטער, שלעכטע דערפאַרונגען מיט אידן אין „פּראַקטישע זאַכן", און ניט איינמאָל, נאָר אַלעמאָל... און דערפאַר איז ער שטענדיק גרייט צו גלויבן נאָר דאָס ערגסטע אויף אידן, וויל גלויבן נאָר דאָס ערגסטע אויף זיי, ביז פּאָגראָמען... ביז היטלעריזם... ביז פאַרניכטונג!

ווירקלאַך, עס איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס רעדט אַ גרויסער שרייבער, אַ גייסטיקער פירער, אַ דערוואַקסענער מענש, גרויס ווי אַ העלפאַנט. דאָס רעדט אַן — איבערגעוואַקסענער קאַרליק . . .

עס קלינגט זייער מאָדנע, וואָס דרייזער האָט געהאַט געשעפטן נאָר מיט פּאַסקודנע אידן. ווען אַ מענש טרעפט זיך בלויז מיט שלעכטע מענשן, האָבן אידן (אַלע די אידן!) שוין לאַנג אַ ווערטל דערויף: יעדער מין זוכט זיך אויס זיין

מין... נאָר פּארוואָס טאָרן אידן אויך ניט האָבן קיין פּאס־קודניאקעס גלייך מיט אַלע ליטישע פעלקער? דערויף האָט שוין דרייזער געענטפערט, אז ער קען מוחל זיין חסרונות ביי אנדערע, נאָר ניט ביי אידן. אידן טאָרן ניט האָבן קיין פּאסקודניאקעס. פּאסקודסטווע פאָדערט דרייזער אינגאנצן פאר זיך...

קיין פּאסקודניאקעס טאָרן מיר ניט האָבן און קיין צדיקים וועט אונז ניט העלפן צו האָבן. ס'איז אונז שלעכט מיט דרייזער'ן אזוי און ס'איז אונז שלעכט אזוי. דרייזער איז מודה, אז עס זיינען דאָ גוטע אידן אויך — גוטע, כאָטש אידן. ער האָט אידישע פריינט און איז זיי אפילו שולדיק דאנקבארקייט, זאָגט ער. אָבער דאָס אידישע פאָלק מעסט ער ניט מיט די, נאָר מיט יענע, וואָס ער האָט באגעגנט אין „פּראקטישע זאכן"...

פּארוואָס? אזוי דיקטירט אים דאָס געפיל...

און ווען איר באגעגנט זיך מיט אזא געדאנקן־גאנג ביי א וועלט־בארימטן קינסטלער, ביי א גייסטיקן פירער פון מענשן, דערפילט איר וואָס פאר אַן אָפּגרונט־טיפער אונ־טערשיד עס ליגט פאָרט צווישן זיי און אונז. דערמאָנט זיך אַן יענער וואונדערבארער מעשה'לע פון חומש, וואו דער פאָטער פון אידישן פאָלק האָט אויסגעדונגען ביי גאָט, אז א שטאָט מיט רשעים זאָל אויסגעלייזט ווערן אין זכות פון אַן איינציקן צדיק אין איר. דאָס איז דאָך א מענשלאכע מעשה'לע, א מענש האָט עס דאָך אויסגעטראכט און אָנ־געשריבן. און דאָ, מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער, שטייט פאר אונז אויך א מענש, אויך אַן אויסטראכטער פון מעשות, און זאָגט: אז אַלע גוטע אידן קענען ניט אויס־לייזן דאָס אידישע פאָלק צוליב די עטלאכע שלעכטע, וואָס ער, דרייזער, האָט באגעגנט.

און וועלכע גוואַלדיקע זאכן האָט עס דרייזער געהאט מיט אידן צו טאָן, וועלכע גרויסע מענשלאכע דערפארונ־גען האָט ער געהאט דורכצומאכן מיט זיי, דערפארונגען, וואָס האָבן געפּרואווט הערצער און געשטעלט נשמות אויף

נסיון, און ער האָט געזען, אַז אידישע הערצער און אידישע נשמות זיינען ניט פּיאַיק אויף גרויסע נסיונות און גרויסער מענשלאַכער דערהויבנקייט? האָט ער צוזאַמען מיט זיי געטראָגן יאָך, אָפּגעריכט גלות, געמאַכט געשיכטע? האָט ער געזען ווי זיי שפּאַנען איבער קאָנטינענטן, וואַרצלען זיך אויס און וואָרצלען זיך איין, נעמען אויף קולטורן און שפּייען אויס קולטורן?

ס'הויבט זיך ניט אָן. אַרום און אַרום האָט זיך עס מסתמא געהאַנדלט אין עטלאַכע דאָלאַר ביי זיינע ביכער אָדער זיינע פילמען. ער האָט מסתמא פאַרלאַנגט ביי די אידישע פאַרלעגער פון זיינע ביכער און ביי די אידישע פאַבריקאַנטן פון זיינע פילמען וואָס מער און זיי האָבן ביי אים אויסגעדונגען אויף וואָס ווייניקער. דאָס און מער גאָרניט. און דערפאַר טראָגט ער זיך אַרום מיט פּאָגראָם אין הארצן, און מיט וויזיעס פון יענעם גרויסן טאָג ווען עס וועלן מער קיין אידן אויף דער וועלט ניט זיין.

וואָס פאַר א נאָבל הארץ! וואָס פאַר א גערעכטער שופט!

דרייזער ווייס, אַז ער האָט פאַרוואָס אידן דאַנקבאַר צו זיין. ער זאָגט ניט פאַרוואָס, אָבער מיר קענען עס זאָגן פאַר אים. אידן זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אים געלייענט, די ערשטע אין אַמעריקע, וואָס האָבן אים אָנער־קענט און פּאָפּולער געמאַכט. אידן, מיט זייער גרעסערער ליטעראַרישער רייפקייט אין יענער צייט אין אַמעריקע, און מיט זייער מער קאָסמאָפּאָליטישן גייסט, האָבן מער פון אַנדערע געהאָלפן דרייזער'ן אויף זיין קינסטלערישן וועג.

אָבער דאָס רעכנט זיך ביי אים ניט. דאָס איז דאָך א מעלה, און מעלות רעכענען זיך ניט ביי אידן. ביי אידן רעכענען זיך נאָך חסרונות. אמת'ע צי אויסגעטראַכטע — אלץ איינס. וואָס פאַר א ווערט האָט ביי אים די אידישע לייסטונג פון זיינעטוועגן אַנטקעגן דער „פּראַקטישער זאַך" פון די פּאָר דאָלאַר מער, וואָס ער דענקט, אים איז געקומען. ער זיך דינגען פאַר מער האָט געמעגט. זיי זיך דינגען

פאַר ווייניקער—ניט. אַה גרויסער גייסט, גערעכטער גייסט!

יאָ, איך בין מודה: אידן קאָנען זיך גוט דינגען. די ערשטע דינגעניש, וואָס איז פאַרשריבן אין דער געשיכטע איז אַ אידישע. איך דערמאָן ווידער די דינגעניש פון אברהם אבינו מיט גאָט. אָנגעהויבן מיט פופציק און אַרונטערגע־דונגען ביז איינס—ניט קיין שלעכט געשעפטל, נאָר געדונגען האָט ער זיך ניט פאַר זיך, נאָר פאַר די גוים פון סדום. און זיי, פאַרדאַמט זאָלן זיי ווערן נאָכאַמאָל, האָבן אפילו קיין איין צדיק ניט פאַרמאָגט, קיין איין רעכטן מענטשן, נאָר גאָלע דרייזערס!

דרייזער איז אַ ליטעראַרישער קינסטלער. צו אים קען מען דאָך ריידן וועגן ליטעראַטור ווי וועגן אַן ערלאכן, אומ־צוגעפוצטן עדות פון אַ פאָלק'ס לעבן און אַ פאָלק'ס נשמה. אדרבא, זאָל ער אַריינקוקן אין דער אידישער ליטעראַטור, אין דער העברעאישער ליטעראַטור און דאָרטן זען דאָס אי־דישע לעבן און דאָרטן זיך באַקענען מיט אידישע מענטשן און פון דאָרטן אַרויסטראָגן משפטים איבער'ן אידישן פאָלק, ניט פון פינף־זעקס פאַרשיווע אידלאַך, וואָס ער האָט אויס־געקליבן פאַר זיינע חברים. פון אַ מענטשן ווי דרייזער האָבן מיר אַ רעכט דאָס צו פאָדערן. ווען ער האָט געשריבן זיינע ראָמאַנען און האָט געדאַרפט באַהאַנדלען אַ נאַרישן אינגל, וועלכער האָט גע'הרג'עט אַ נאַריש מיידל, איז דער דרייזער געגאַנגען צו מאַטעריאַלן, צו געריכט־פּראָטאָקאָלן, און גע־זוכט און געפאָרשט. און ער אַליין קומט מיט מאָרד אין האַרצן קעגן אַ גאַנץ פאָלק, און האָט זיך די קלענסטע מי ניט געגעבן צו לערנען און שטודירן, זוכן און פאַרשטיין! על כל פנים איז דאָך דאָס אידישע פאָלק ניט ווייניקער אַ יש אין דער וועלט ווי קלאַיד גריפיט.

מיר דערמאָנען זיך, אַז מיט עטלאכע יאָר צוריק האָט אַן אַנדער „שיינענדיקער גייסט״ פון אַמעריקע, אַן אַנדער ראַדיקאַלער שרייבער, ה. ט. מענקען, זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אידן, און אָוועקגעלייגט אַ פּסק־דין, אַז „אידן זיינען די אוּמאַנגענעמסטע ראַסע אויף דער וועלט״. אַרויסגעזאָגט

האָט ער עס אין אַ בוך וועגן רעליגיע, וואו ער האָט אָנגעדערדט גאַנצע ברג וועגן דער אידישער רעליגיע און אידישן פאָלק, כאָטש ער קען אפילו ניט די צורה פון אידישן אלף־בית! און דערביי גילט ער פאַר אַ וויסנשאַפטסמאַן! וועלכער ערלאכער מענש וועט זיך געשטיין צו ריידן וועגן דעם קלענסטן ענין, וואָס ער האָט נישט די מעגלאכקייט נאָענט צו שטודירן און פאָרשן? וואָלט דרעזעלבער מענקען געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם פראַנצויזישן פאָלק, ניט קענענדיק די פראַנצויזישע שפּראַך און נישט האָבנדיק קיין צוטריט צו די קוואַלן פון דער פראַנצויזישער קולטור? און דאָך וועגן אידן און אידנטום האָט ער געשריבן גאַנצע יורה־דעות, נישט האָבנדיק קיינמאָל געקוקט אַ אידישן אלף־בית אין די אויגן אריין.

וואָס פאַר אַ קללה ליגט עס אויף דער „אידישער פראַגע”, וואָס יעדער כאַם קען קומען און אריינזאָגן דעות און מיינונגען אין איר?

דרייזער פאַרענטפערט אליין די זאַך: אַנטקעגן אידן איז אַלץ דערלויבט. זייער פּשוט. זיין לייזונג צו דער אידישער פראַגע איז אויך זייער פּשוט: זיך פאַרשמעלצן. ווען ניט, וועלן אייביק זיין רדיפות און פּאָגראָמען. אפילו אונטער׳ן קאָמוניזם וועט זיין אַנטיסעמיטיזם, זאָגט ער. עס איז ביי אים פאַר די אידן ענטוועדער אָדער: פאַרשמאָלצן ווערן אָדער אויסגע׳הרג׳עט ווערן.

וואָלטן מיר אים געזאָגט: ניט איינמאָל זיינען שוין אידן, אין זייער געשיכטע, געשטאַנען פאַר דער דאָזיקער ברירה, און, זייער ענטפער איז געווען: איידער מיט אזעלכע ווי דרייזער זיך פאַרשמעלצן איז שוין בעסער פון זיי צו שטאַרבן. אָבער צי וועט דרייזער אַזעלכס גאָר פאַרשטיין?

די אידישע פראַגע, די פראַגע פון אידישן לעבן אָדער טויט, איז אַ סך, אַ סך טיפער ווי דרייזער קען האָפּן ווען עס איז צו דערגרונטעווען. עס ווערט אין דער חכמה פון אינדיע ערגעץ געזאָגט: דענקען איז גלויבן, גלויבן איז פאַרוואָרצלט זיין, פאַרוואָרצלט זיין איז שאַפן. מיר אידן

קומען נאָך אָט די פיר פאָדערונגען ווי אזוי איר זאָלט זיי ניט לייענען, פאָרוועטס אָדער ריקוועטס. מיר דענקען, מיר גלויבן, מיר שאַפן און דעריבער בלייבן מיר פאַר־וואָרצלט.

און איינע פון די זאכן, וואָס מיר גלויבן איז, אז ניט די דרייזערס וועלן האָבן דאָס לעצטע וואָרט אין דער געשיכטע. מעג זייער שנאה זיין ווי גרויס, זייער האס ווי ביטער, מיר גלויבן. כאָטש קיינער ווייס ניט אזוי טיף ווי מיר, ווי ביטער די דרייזער׳שע הערצער קענען זיי. מיר ווייסן שוין זייער לאנג, אָבער מיר האָבן א נאָבעלע טראַ־דיציע, א טראַדיציע פון גלויבן אין דעם מענטשן. שוין אין אונזער ערשטער סדרה שטייט „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״, דאָס מענשלאכע הארץ איז שלעכט, שלעכט פון געבוירן. אָבער דערנאָך, דערנאָך גייט אַוועק א גאנצע תורה — ווי אזוי גוט צו זיין.

אלע וועלן מוזן גוט ווערן. אַ׳ניט וועלן אלע אונטער־גיין. ניט מיר אליין וועלן אונטערגיין, אלע וועלן אונטער־גיין. די דרייזערס אריינגערעכנט.

דרייזער׳ס שנאה צו אידן איז א בלינדער געפיל, אָבער די גאנצע וועלט איז בלינד געווען — ביז דאָס אויג איז באַשאַפן געוואָרן. ס׳וועט א ניי אויג געשאַפן ווערן אין דער וועלט, אַן אויג, וואָס וועט זיצן אין הארצן, ווי דאָס אויג, וואָס זיצט איצט אין קאָפּ. דאָס גלויבן מיר, דאָס שאַפן מיר און דאָס איז דער באָדן, אין וועלכן אונזערע וואָרצלען שטעקן. און דעריבער וועלן אַלע דרייזערס אין דער וועלט זיי ניט אויסרייסן.